STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08079

TEG UN YORN

Bernard Chazanow

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעג און יאָרן

ב. כאַזאַנאָוו

פערציק יאָר

פונעם לעבן פון אַ יידישן
אַרבעטער

אַרויסגעגעבן
פון ב. כאַזאַנאָוו יובילײ־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1956

Copyrighted by
B. CHAZANOW
Washington, D. C.
1956

הילע געצייכנט פון ח. מאַרגאָליס-דאַווידזאָן

200

ב. כאַזאַנאָוו

„איך בעט ניט ביי קיינעם
אַ טיטל אַ שיינעם,
איך וויל קיין מורנו ניט זיין:
איך וויל אַ באַוואוסטער
אַלס ערלעכער שוסטער,
אַלס ערלעכער שוסטער נאָר זיין.

איך וויל ניט אין מזרח־וואַנט שטיין;
אויף נאַרישער גאווה
בין איך קיין בעל־תאווה,
מיין שטאָלץ איז מיין האַנטווערק אַליין."

(מאָריס ווינטשעווסקי, „אַ חודש אָן אַרבעט")

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

אין יאָר 1915 האָט דער יידישער קלאַסיקער־פּראָזאַאיקער, דוד בערגלסאָן, עליו השלום, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, געווידמעט י. ל. פּרצעס טויט, וואו ער האָט געשריבן:

„— איך וועל שאַפן אַ שיין לעבן, — אַזוי זאָגט ראובן.

— און איך וועל שאַפן פון דיין לעבן אַ שיין בוך, — אַזוי זאָגט שמעון".

די דאָזיקע קאַפּיטלען לעבנס־געשיכטע פון דעם יידישן פּראָגרעסיוון טרעיד־יוניאָניסט און קולטור־טוער ב. כאַזאַנאָוו, איז ניט פון די ביכער וואָס געהערן צו דעם זשאַנר פון דער „שיינער ליטעראַטור". דער מחבר, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ ש י י ן לעבן, איז ניט אויסן געווען אָנ־צושרייבן אַ ש י י ן בוך, כדי זיך אויסצופיינען מיט ליטעראַרישן טאַלאַנט. ער האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט צוגעבן נאָך עטלעכע טראָפּנס צו דעם „מבול ווערטער, מבול רייד" פון מעמואַרן, וואָס פאַרפלייצן דעם ביכער־מאַרק. ער האָט בלויז פאַרצייכנט נאָטיצן פון זיין לעבן, פון זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און עס האָבן זיך באַקומען בלעטער פון אַ יידישן מענטשן, וואָס אַנטפּלעקן אַ שיין לעבן, אַ לעבן פון קאַמף פאַר יושר, אמת און פרייהייט.

מיר האָבן גענוג ביכער, גוטע און שלעכטע, עס פעלן אויך ניט קיין קינסטלערישע זכרונות און פאַנטאַסטישע מעמואַרן־ביכער. דאָס דאָזיקע בוך איז אָבער ניט פון קיין ש ר י י ב ע ר נאָר פון אַ ח ב ר, פון אַ מענטשן וואָס האָט ניט געפּריידיקט קיין אידעען, נאָר האָט זיי דורכ־געלעבט און פּערזאָניפיצירט מיט זיך.

ער שרייבט שווערלעך, ניט גאָר גלאַט, אפשר ניט גענוג אויספירלעך, אָבער אים איז געלונגען אַרויסצוברענגען דעם אמת פון אַ שיין אידעאַ־ליסטיש לעבן, די ווירקלעכקייט פון יענער גרויסער באַוועגונג, אין וועלכער דורות פון פרייהייטס־קעמפער האָבן אַריינגעלייגט זייער קאָפּ און האַרץ.

ב. כאַזאַנאָוו האָט דאָ ניט אַרויסגעזאָגט קיין סך נייע און אָריגינעלע געדאַנקען. ער האָט אָבער זיין אייגענעם טיף־אויפריכטיקן צוגאַנג צו יענע גרויסע און ליכטיקע אידעען, וואָס האָבן באַפרוכפּערט און באַגייסטערט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. ער דערציילט אַלץ פון אייגענער דערפאַרונג און ער שטעקט אָן מיט דער דאָזיקער דערפאַרונג פון דורכלעבן די דאָזיקע אידעאַלן, ניט נאָר זיי צו פּריידיקן.

דער לייענער וועט דאָ געפינען אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין יענע טעג און יאָרן פון 1900־1908; געשיכטלעך מאַטעריאַל וועגן די קאַמפן פאַרן ריינעם טרעיד־יוניאָניזם פון די צייטן פון „סוועט־שאַפּ", „סלעק" און סטרייק, ביז דער פאַרפעסטיקונג פון די נאָדל־פאַך טרעיד־יוניאָנס. אין די קאַמפן האָט ב. כאַזאַנאָוו גרויסע פאַרדינסטן און זיין סקיצירטער אופן פון איבערגעבן די דאָזיקע קאַמפן איז אַ ביישטייער פאַר דער געשיכטע פון די יידישע נאָדל־פאַך אַרבעטער אין ניו־יאָרק.

מיר איז אויסגעקומען צו לייענען דעם מאַנוסקריפּט פון בוך און עס איז געווען פאַר מיר אַ נחת רוח צו דערזען הינטער די בלעטער פון מאַנוסקריפּט דאָס אידעאַליסטישע פּנים פון דער ערלעכן האַרעפּאַשנעם מענטשן, דעם קעמפער פאַר יושר און אמת, און איך בין באמת צופרידן וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צוצולייגן אַ האַנט צו דער פאַרעפנטלעכונג פון אַ בוך, וואָס דערציילט וועגן די טעג און יאָרן פון אַ שיין לעבן.

אברהם ביק

סעפּטעמבער, 1956

פאָרוואָרט

די דאָזיקע עפּיזאָדן וועגן טעג און יאָרן פון אַ יידישן אַרבעטער אויף ביידע זייטן ים, אונטערשיידן זיך מסתמא ניט פון הונדערטער אַנדערע ענלעכע לעבנס, פון די טעג און יאָרן פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן זיך, ווי דער שרייבער, געראַנגלט און געקעמפט פאַר זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און מענטשלעכער ווערדע. מיין לעבן האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט איבערמענטשלעכער העלדישקייט און איך פּרעטענדיר ניט צו דינען ווי אַ מוסטער אָדער ביישפּיל פאַר אַנדערע.

ווען איך פרעג זיך דעריבער, וואָס האָט מיך דאָך באַוואויגן, אויף די עלטערע יאָרן, צו פאַרצייכענען די דאָזיקע עפּיזאָדן? איז דער ענט־פער: איך בין בלויז אויסן געווען זיך טיילן מיט מיינע דערפאַרונגען, די דערפאַרונגען פון אַ יידישן האַרעפּאַשנעם מענטשן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, וואָס זיינען געווען די דערפאַרונגען פון צענדליקער און אפשר הונדערטער יידישע אַרבעטס־מענטשן פון מיין דור, וואָס, קומענדיק אויף דער עלטער, קענען זיי זיך אָפּשטעלן און כאַפּן אַ בליק אויף צוריק; אַמאָל כדי צו באַטראַכטן צי די „טעג און די יאָרן" זייערע זיינען ניט פאַרלוירן געגאַנגען און אָפּזיפּצן דעם „הבל הבלים" — גאַרנישט מיט גאַרנישט! און אַמאָל, — כדי צו באַטראַכטן דעם מהלך און זאָגן פאַר־קערט: עס האָט זיך געלוינט דער גאַנג, די שטרעבונג, די האָרעוואַניע, ווען מען האָט אַפילו ניט דערגרייכט אַלץ וואָס מ׳האָט געוואָלט דערגרייכן.

איך קוק זיך אום אויף צוריק און באַטראַכט מיינע טעג און יאָרן און די איבערלעבונגען פון אַ יידישן האָרעפּאַשניק אין צאַרישן רוסלאַנד, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און — די מערסטע טעג און יאָרן — אין אַמעריקע, און זאָג זיך אַליין: דאָס זיינען ניט בלויז דיינע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען. דיין גורל אונטערשיידט זיך ניט פון שיקזאַל און דעם לעבנס־גאַנג פון דיינע אַנדערע חברים, וועלכע האָבן ביז זייער עלטער גע־פראַצעוועט מיט „שער און אייזן" און האָבן, יעדער, אויף זיין אופן און

לויט זײנע מעגלעכקײטן, געפּרוּװט עפּעס בײצוטראָגן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זײער קלאַס און דעם מצב פון זײער פאָלק. און אויב זײ, מײנע בני־דור, װעלן זיך אַלײן דערזען אין די בלעטער, האָט זיך שוין געלוינט זײ אָנצושרײבן.

איך בין גאַנץ באַװאוסטזיניק, אַז די דאָזיקע קאַפּיטלען צײכענען זיך ניט אויס מיט קײן ליטעראַרישן גלאַנץ און פּוץ. איך בין ניט באַרופן צו שרײבן מעמואַרן־ליטעראַטור, איך פּרעטענדיר ניט צו באַהערשן די מעטאָד פון דער שרײב־קונסט. איך האָב בלויז פאַרצײכנט אויף פּאַפּיר די דאָזיקע עפּיזאָדן און דערפאַרונגען כדי זײ זאָלן גרײכן אַ גרעסערע צאָל מענטשן פון מײן דור, מיט דער האָפנונג אַז מײן לײענער־אוידיענץ װעט געפינען אין זײ אַ געװיסן אינטערעס און דורך זײ װעט מען קענען דערזען דעם פּנים פון אַ ראַדיקאַלן שיכט יידישע מענטשן פון „שער און אײזן״, פון „נאָדל און פּרעס״, װאָס האָבן אַ סך מיטגעלעבט און אַ סך דורכגעלעבט.״

צום געדאַנק פון אָנװאַרפן די עפּיזאָדן בין איך געקומען אין טעג פון אַ קראַנקהײט, װאָס האָט מיך צוגעשמידט צום בעט אין אַ שפּיטאָל. אין יענע טעג פון „געצװאונגענער רו״ האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײן פאַרהאָרעװעט לעבן געפונען צײט צו טראַכטן און איבערטראַכטן מײנע פאַרגאַנגענע „טעג און יאָרן״ און האָב זיך אָנגעהױבן טײלן מיט די זכרונות און עפּיזאָדן מיט מײנע פרײנט און חברים, װעלכע האָבן אין די דאָזיקע מעמואַרן געפונען אינטערעס און מיך גערעטן זיך אַװעקזעצן און זײ פאַרשרײבן.

די דאָזיקע מעמואַרן, אָדער נאָטיצן, זײנען געשריבן אין עמך׳דיקן פאָלקס־לשון. אַן אַרבעטער שרײבט װי ער קען און דאַרף בײ קײנעם ניט באָרגן קײן סטיל און אויסדרוק.

איך האָב זיך באַמיט אַרויסצוהייבן יענע מאָמענטן פון מײן לעבן, װאָס זײנען כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר מיר אַלײן נאָר האָבן אַן אַלגעמײנעם װערט. צי דאָס איז מיר געלונגען? דעם לעצטן אורטײל װעט אַרויסברענגען דער לײענער.

ב. כ.

אויגוסט, 1956

אין צאַרישן רוסלאַנד

מיין שטעטל; אַ שניידערשער לערן־יינגל

מיין געבורטס־שטעטל האָראָדאָק, אַ טיפּיש ווייס־רוסיש שטעטעלע, וואָס ליגט צווישן די גרעסטע ווייס־רוסישע שטעט, וויטעבסק און נעוול, איז אויף אַ העלפט געווען יידיש. פאַרמאָגט האָט דאָס שטעטל אַן ערך צוויי טויזנט פאַמיליעס און אַ העלפט פון די איינוואוינער — יידן.

געאָגראַפיש איז דאָס שטעטל געווען צעטיילט, אויפן באַרג און אונטערן באַרג, וואָס מען האָט גערופן „הינטערן טייך". די צעטיילונג אויף אַ העלפט יידן און אַ העלפט ניט־יידן, איז אָבער ניט געווען שטאַרק קאַנטיק, ווייל ייד און ניט־ייד האָבן זיך ניט געקריגט און האָבן אָפט אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט איינער צום צווייטן.

ווי די מערסטע שטעטלעך פון צאַרישן תחום פאַר יידן, האָט אונדזער שטעטל פאַרמאָגט אירע אייגנאַרטיקע אינסטיטוציעס. עס זיינען אין האָ־ראָדאָק געווען פיר שולן אויפן באַרג און צוויי שולן אונטערן באַרג, אָדער הינטערן טייך. שוין לויט די נעמען פון די שולן האָט מען דערקענט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון יידישן שטעטל. מיר האָבן געהאַט אַ קצבישע שול, און אַ שניידערשע שול, עס איז אויך געווען אַ „פאַרכעוואַטע" שול.

מיין פאָטער אַליין, שמעון לייב, האָט געהערט צו די אַזוי־גערופענע „נחותי דרגא" (אַ מענטש פון אָרעמען המון). ווען ער איז געווען יינגער האָט ער צעפירט וואַסער און דערפאַר איז אים פאַרבליבן דער נאָמען „שמעון לייב דער וואָדאָוואָז (וואַסער־ברענגער אין רוסיש). שפּעטער איז ער געוואָרן אַ דרדקי־מלמד און מען האָט אים שוין גערופן שמעון לייב ברוך מרדכי־לייזערס. קיין עושר איז ער אַפילו אין די צייטן פון זיין מלמדישער קאַריערע ניט געוואָרן. בעת זיין קנעלונג האָט אים מיין מוטער — מושע־ליבע — צוגעהאָלפן אין דער פּרנסה מיט באַקן גריי־צענע לאַטקעס, וואָס מיר, די קינדער (איך בין געווען דער זעקסטער, ווייל, ווי אַלע אָרעמע לייט, האָט מיין מאַמע היפּש געקינדלט), פלעגן איר העלפן צעטראָגן די לאַטקעס יעדער פאַרטאָג צו די קצבים.

אונדזער שטעטל האָט ניט אומזיסט געהאַט אַ שניידערשע שול. אַלע שניידער האָבן געהערט צו איין משפחה, וועלכע מען האָט גערופן די קאַמאַרעס, אַ מין שניידערשער צונאָמען, און ווען עס איז געקומען די צייט מען זאָל מיך אָפּגעבן צו אַ שניידער, לערנען אַ מלאכה, בין איך אויך אַריין אין דער קאַמאַרעס משפחה.

10 יאָר בין איך אַלט געווען ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט אין קעניגרייך פון נאָדל־פאָדעם און האָב באַלד דערפילט דעם טעם פון זיין א "שניידער־יונג". די אַרבעטס־שעהען האָבן ניט געהאַט קיין שיעור. מען האָט נאָר געוואוסט אַז מען דאַרף זיך שטעלן צו דער מלאכה ווען דער פאַסטוך פאַרנעמט די ציגן און די בהמות און טרייבט זיי אויף פּאַשע, אָדער מיטן ערשטן האַנען־קריי ביז שטאָק־פינצטער. דאָס איז געווען זומער. ווינטער האָט דער סימן אויך ניט געגאָלטן און אַז עס זיינען געקומען די יום־טוב־טעג, באַזונדערס צווישן פורים און פסח, האָט מען געמוזט אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, פון טאָג איז אָפּגערעדט.

דאָנערשטיק פלעגט מען אויך אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל פרייטיק פלעגט מען מוזן אָפּשטעלן די אַרבעט פאַר ליכט־בענטשן. די וואָך האָט מען אָנגעהויבן תיכף נאָך הבדלה און שוין אַריינגעאַרבעט ביזן באַגינען, ווייל, — דער מייסטער האָט געהאַלטן, — אַז שבת האָט מען זיך גענוג אויסגעשלאָפן. געגעסן האָב איך ביים באַלעבאָס. מיין נאַכטלעגער איז געווען אויפן אויוון, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געווען קאַלט און שבת פלעגט ער אָפּבריען די ביינער, ווייל דער אויוון איז געווען אָנגעגליט צוליב דעם פאַררוקטן טשאָלנט.

אַזוי האָב איך געאַרבעט טאָג און נאַכט, געגעסן ביים מייסטער, גע־פרוירן און זיך געבערענט אויפן אויוון גאַנצע צוויי יאָר. דאָס איז געווען מיין ערשטער „אוניווערזיטעט", ווי דער גרויסער מאַקסים גאָרקי וואָלט געזאָגט.

די צוויי יאָר האָבן זיך מאָנאָטאָן אויסגעצויגן אין שווערע גרויע טעג פון האָרעווען, קאָרג עסן און ווייניק שלאָפן, ביז אַ נייער באַגינען האָט אָנגעהויבן אַריינשיינען אין אונדזער גרוי לעבן. עס איז געווען אין יאָר 1898, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל געהערט וועגן אַ גרופּע יינגלעך און מיידלעך, וועלכע רופן זיך „דעמאָקראַטן". וואָס דאָס וואָרט באַדייט האָבן מיר ניט געוואוסט. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז די דאָזיקע חברה מאַכט „יד אחת", זיי זאַמלען זיך אין שטעטלשן סאָד, נעמען זיך

פאַר די הענט און מאַרשירן איבער דער ברוקירטער גאַס, וואו מען פלעגט יעדן שבת דורכפירן דעם עטאַפּ אַרעסטירטע קיין פעטערבורג...

עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער „איספּראַוניק" האָט פאַרבאָטן די שפּאַצירן, פלעגט זיך שוין די חברה אָנהויבן זאַמלען אין וואַלד און עמעצער האָט דאָרט פאָרגעלייענט אַ ליד פון דוד עדעלשטאַט, אַן אַנדערער האָט פאָרגעלייענט אַ משל וועגן דער שפּין און דער פליג, וואָס אַט די פאַר־זאַמלטע האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דעם משל, ווער עס זיינען די שפּינען וואָס כאַפּן אַריין די פליגן... עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער דעמאָקראַטישער יד־אחת פון וואַלד האָט געהאַט זיינע קאָנסעקווענצן.

קיין האָראָדאָק זיינען אָנגעקומען אַרבעטן לעדערוואַרג־אַרבעטער און מיר האָבן דערהערט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט מען שוין געמאַכט „זאַ־באַסטאָווקער" (סטרייקס). מיר האָבן זיך אויך דערוואוסט, אז אין נעוול איז געווען אַ סטרייק און די אַרבעטער האָבן אויסגעקעמפט אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג...

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין די סוף־זומער־טעג פון 1898. דער מנהג ביי אַלע באַלמעלאָכעס פון שטעטל איז פון יאָרן אָן געווען איינגעפירט, אַז צו די ערשטע סליחות פלעגט מען אָנהייבן אַרבעטן אויפדערנאַכט. אַזוי האָבן זיך געפירט די שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס און אַפילו די מאַ־דיסטקעס. יענעם שפּעט־זומער האָבן מיר זיך צונויפגערעדט און באַ־שלאָסן ניט צו קומען די ערשטע סליחות־נאַכט צו דער אַרבעט. פיר שניידער־געהילפן זיינען געווען פון אַרומיקע שטעטלעך, איך בין געווען דער איינציקער היגער. ניט האָבנדיק וואו צו שלאָפן די נאַכט, האָב איך איינגעלאַדן די חברים פון די אַנדערע שטעט יענעם שבת צו מיין מוטער אויף שלש־סעודות, און זיי זיינען שוין פאַרבליבן נעכטיקן אין הויז פון מיינע עלטערן. כאָטש די הויז איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים, האָבן מיר זיך ווי עס איז איינגענעסטלט. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן דיל און איינגעזונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף ביז פאַרטאָג.

ווען די יד־אחתניקעס זיינען פאַרטאָג געקומען צו דער אַרבעט, האָט זיי דער באַלעבאָס, מענדל קאַמאַר, באַלד משלח געווען און זיי נאָך מכבד געווען מיט זידלערייען. איך בין פאַרבליבן צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, ווייל איך האָב געאַרבעט אָן געלט, און צווייטנס, האָט ער מיך ניט געוואָגט אָװעקצושיקן, ווייל ער האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט מיין פאָטער אין וועלכן ער האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן 50 רובל אין פאַל ער ברעכט דעם

אַפּמאַך... פאַרבליבן בין איך אַרבעטן, אָבער דעם ברוך הבא וואָס איך האָב שפּעטער באַקומען פון באַלעבאָס, קענט איר זיך פאַרשטעלן...

עס האָט ניט געגנומען קיין צוויי שעה און דער מענדל קאַמאַר האָט געבראַכט צו פירן איינעם פון די קאַמאַרעס, וועלכן מען האָט אין שטאָט גערופן „דער חתן", ווייל אַלס חתן האָט ער באַקומען נדן און האָט דעם גאַנצן נדן אויסגעגעבן אויף אַ בורנעס, — אַ געוואַנטענעם אויבערמאַנטל מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַג.

ווי נאָר דער „חתן" איז אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, צי ער ווייס אַז די געהילפן וועלכע דער באַלעבאָס האָט אַוועקגעשיקט, וועלן ערגעץ אַנדערש ניט קריגן קיין אַרבעט (ווייל די קאַמאַרעס זיינען דאָך געווען איין משפּחה). ער האָט מיר געענטפערט, אַז מענדל דער באַלעבאָס איז זיין שוועסטערקינד און ער מוז העלפן אַ קרוב אין דער נויט.

מיר זיינען געזעסן ביי איין טיש, איינער קעגן דעם אַנדערן, און טראַגנדיק אויף אים אַ האַרץ, האָב איך אים מיט די פיס געגעבן די וועלט צו זען. יעדער מאָל האָט ער פון מיר באַקומען אַ שטורך, אַז ער האָט דערזען די באָבע פון יענער וועלט... עס האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער און איך בין אַרויס אין דרויסן פאַרמאַכן די לאָדן. דעמאָלט האָב איך דורכן פענצטער געזען ווי דער „חתן" ווייזט דעם באַלעבאָס די בלאָע צייכנס אויף זיינע פיס... דער באַלעבאָס האָט מיך געסטראַשעט אַז ער וועט שיקן נאָכן טאַטן און אים דערציילן וואָס זיין „קדיש" טוט אָפּ...

אַלס לערן־יינגל האָב איך געדאַרפט טאָן אַלע שטוב־מעלאָכעס. איך האָב געדאַרפט גיין אויפן מאַרק איינקויפן פאַר דער באַלעבאָסטע, צוהעלפן אין קיך, האָדעווען די קינדער און אַפילו אַרויסטרייבן די בהמה צו דער סטאַדע, וואָס דער פאַסטוך האָט פאַרנומען, בעת די באַלעבאָסטע האָט פאַרשפּעטיקט זי אויסצומעלקן. האָט טאַקע געטראָפן אַז איך האָב איינמאָל פאַרטריבן די בהמה אין וואַלד, פונוואַנען זי איז שוין צוריק ניט געקומען.

מיין באַלעבאָס איז אויך געווען אַ מטופל מיט קינדער. די מערסטע זין און צום סוף איין טעכטערל. אַזוי ווי זיין ווייב, מיין באַלעבאָסטע, וועלכע מען האָט גערופן שרה די באַרוועסע, פלעגט אַוועקגיין צו די פריצים מאַכן פּאַפּיראָסן, פלעג איך מוזן אויפּפּאַסן אויף דער מיידעלע. איינמאָל האָב איך געדאַרפט אַראָפּנעמען א ליימען טעפּל, איך האָב פאַרקאַכט אַ סאַכאַריק מיט ניט־געזאָטן וואַסער און דאָס מיידעלע איז קראַנק געוואָרן. איך האָב

דעריבער געדאַרפט לויפן אין שול, „אָפּקויפן" ביים באַלעבאָס זיין טעכטערל פאַר 2 קאָפּיקעס און מען האָט איר געגעבן אַן אַנדער נאָמען... — אַ סגולה זי זאָל געזונט ווערן, ווייל קראַנק איז געווען הדסה מענדלס און געזונט דאַרף ווערן אַן אַנדער מיידעלע, וועלכע געהערט שוין צו מיר...

איך דערמאָן דעם עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער קליין שטעטל, וועלכע האָט נאָך טיף געשטעקט אין די זאַבאַבאָנעס ביז נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע. דערצו וויל איך באַמערקן, אַז אַזוי שפּעט ווי אין 1918 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַ רב אין ניו־יאָרק, איך זאָל למען השם שרייבן דעם האָראָדאָקער רב אַז איך שענק צוריק דאָס מיידעלע דעם פאָטער...

די שליחותן וואָס איך האָב דורכגעפירט פאַר מיין באַלעבאָסטע האָבן מיך נאָך מער פאַרקניפּט מיט מיין „קרייזל", וואָס מען האָט גערופן אויף רוסיש „קרוזשאָק". איינמאָל, בעת אַ באַגעגעניש מיט דער חברה, האָבן זיי מיך געבעטן צו רעדן מיטן „חתן" ער זאָל מיט מיר קומען פרייטאָג צו נאַכטס אין סעדל פון שטאָט. ער האָט מיר אָפּגעזאָגט און דערקלערט, אַז ער האָט מורא די דעמאָקראַטן וועלן אים שלאָגן... איך האָב דאַן, אויפן ראָט פון די מיטגלידער פון „קרוזשאָק", געשלאָסן אַ פריינטשאַפט מיט אים, מיר זיינען צוזאַמען געשלאָפן אויפן אויוון, געפּרואווט זיין גוט צו אים, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. דעמאָלט בין איך געפאַלן אויף אַן איינפאַל: איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איידער איך בין געוואָרן אַ שניידער, האָב איך עטלעכע וואָכן געאַרבעט אין אַ סעלצער־פאַבריק און דאָרט געזען אַ מין וואַסער, וואָס מען גיסט אַריין אויף געוואַנט, און דאָס געוואַנט ווערט גלייך פאַרברענט. אויף יענער פאַבריק האָט, אגב, אַ בחור פאַר־לאָרן אַן אויג בעתן עפענען אַ פלאַש. איך האָב דעריבער מער אין יענער פאַבריק ניט געוואָלט אַרבעטן. איצט בין איך אַוועק אין דער סעלצער־פאַבריק און געבעטן אַ ביסל פון יענעם וואַסער וואָס פאַרברענט...

מען האָט מיר געגעבן דאָס וואַסער און דעריביי אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך ניט דערוועגן צורירן צו דער פליסיקייט מיט הוילע הענט און עס חלילה ניט אויסגיסן אין קעשענע. דעם סוד מיטן פלעשל האָב איך דערציילט מיינע לייט פון „קרוזשאָק". יענעם פרייטאָג צו נאַכטס בין איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די חברה האָט מיך געראָטן איך זאָל די שאַרפע פליסיקייט אַרויפגיסן אויפן באַלעבאָס' קליידער. איך האָב געטענהט אַז צו אים האָב איך גאָרניט, ווייל ער קעמפט פאַר זיינע

אינטערעסן, דער אמתער שולדיקער איז חיים זלמן, דער „חתן״, וואָס איז אַ „פּראַטיוויניק״ (אַ סטרייקברעכער), אַן אַקטיווער קעגנער צו דער „אַר־בעטער זאַך״. איך האָב זיך געוואַלגערט אויף מיין געלעגער ביז איך האָב באַשלאָסן נקמה צו נעמען אין א י ם, ניט אין באַלעבאָס...

מיר זיינען אויפגעשטאַנען און זיך געקליבן גיין אין שול. עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג און חיים זלמן האָט געוואָלט אָנטאָן אַן אַלטן מאַנטל, איך האָב, אָבער, מיט דער כוונה אים „פּאַרטיק צו מאַכן דעם מאַנטל״, אים איינגערעדט ער זאָל אָנטאָן דעם נייעם מאַנטל. „עס איז ניט שיין פאַר אַ חתן״, האָב איך געטענהט, „גיין אין שול ווי אַ שלע־פּער...״ דאָס האָט געווירקט און איך האָב אים געגעבן מיינס אַ פּאַ־טשיילקעלע צוצודעקן דעם סאַמעטענעם קאָלנער, ער זאָל ניט פאַרנעצט ווערן פון רעגן.

ביים לייענען די תורה, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביי מפטיר, בין איך אריין אין פּאָליש, וואו עס זיינען געהאַנגען די קליידער אָפּגעזוכט דעם „נדן״ און אים באַגאָסן וואו עס האָט זיך געלאָזן. נאָכדעם בין איך אַרויס אין גאַס, אַוועקגעוואָרפן דאָס פלעשעלע, זיך געוואַשן די הענט און אַריין צוריק אין שול.

גראָד אין יענעם שבת איז אין דער שניידערשער שול פאָרגעקומען אַ מחלוקת, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געשלעג. צוויי קאָמאַרעס האָבן זיך געריסן איבער „הגבה״ (דעם כבוד אויפצוהייבן די ספר־תורה) און יעדער האָט געשריען אַז אים קומט די עליה.

נאָכן דאַווענען, אַז דער עולם איז זיך צעגאַנגען און דער חתן האָט גענומען זיין מאַנטל כדי זיך מיט דעם אויסצופּיינען פאַרן עולם, האָט עולם באַמערקט, אַז עס זעצט עפּעס פון מאַנטל אַ רויך און דאָ און דאָרט זיינען דאָ רויטע פלעקן אויפן מאַנטל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל און אַלע קאָמאַרעס מיטן „חתן״ האָבן זיך געלאָזט צום פּריסטאַוו אין דער קאַנצעלאַריע. איך בין אויך געלאָפן מיטן עולם. אין מיטן רעש און טומל האָב איך איינגעטענהט מיט די קאָמאַרעס מען זאָל אויסשניידן די רויטע פלעקן און דערמיט ראַטעווען דעם מאַנטל.

— סטייטש, אום שבת שערן? — האָבן זיי זיך געוואונדערט.

— אָבער ראַטעווען אַ בגד איז אַזאַ מצווה ווי ראַטעווען אַ מענטשן — האָב איך געשריען. איך האָב געכאַפּט אַ שער און געשניטן גאַנצע שטי־קער...

נאָכדעם ווי מיר אַלע זיינען אַוועק פון דער קאַנצעלאַריע, האָבן די קאַמאַרעס ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז ניט אַנדערש ווי דאָס איז די אַרבעט פון ניסנען, דעם אָנפירער פון די „דעמאָקראַטן". כדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זייער השערה האָבן די קאַמאַרעס באַשלאָסן צו שיקן איינעם פון זיי צו אים אַהיים. וועט מען אים געפינען, איז אַ סימן אַז ער איז אומשולדיק; טאָמער באַהאַלט ער זיך, איז דאָס זיין אַרבעט. זיי האָבן אים אָבער דווקא געטראָפן זיצן און עסן דעם שבתדיקן טשאָלנט...

יענעם שבת נאַכט האָט מען שוין ניט געאַרבעט. עס האָט זיך גע־טומלט מיט דער גרויסער געשעעניש. נאָך מנחה האָט אַ מגיד גע־דרשנט און געוואָרפן דעם גרויסן חטא אויף די „דעמאָקראַטן". די פּאַ־סירונג, — האָט דער מגיד געזאָגט, — האָט פאַראורזאַכט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט מען שוין אָפּגעשאַפט די שבת־נאַכטיקע אַרבעט און אויף אייניקע פלעצער וואו מען האָט געאַרבעט נאָך אַכט אַזייגער, האָט מען געוואָרפן דורך די פענצטער קלעצער.

נאָכדעם איז אויך דערשינען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט געפאָדערט אַרבעטס־שעהען פון אַכט ביז אַכט. די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע, געשריבן מיט דער האַנט, איז אויפגעקלעפּט געוואָרן אויף די סלופּעס פון שטאָטישן סאָד. שבתים פלעג איך נאָך טשאָלנט גיין צו מיינע עלטערן, וואו איך פלעג שוין איבערנעכטיקן.

ווען איך בין זונטאָג אינדערפרי געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם פאָטער פון „חתן". ער מיטן באַלעבאָס האָבן פאַר־לאַנגט איך זאָל זיי דערציילן, ווער עס האָט פאַרברענט דעם „נדן". עס פאַלט אויף מיר דער חשד, — האָבן זיי געטענהט, — ווייל מען האָט מיך געזען זיך אַרומדרייען מיט די „דעמאָקראַטן". איך מוז זיכער וויסן ווער עס האָט אָפּגעטאָן די אַרבעט. איך האָב געטענהט, אַז דער באַלעבאָס טשעפּעט זיך צו מיר ווייל ער וויל ברעכן דעם אָפּמאַך און וויל ניט באַצאָלן די 50 רובל. דער באַלעבאָס איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט מיר גלייך באַפוילן צו פאַרלאָזן זיין הויז.

דערמיט האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע דריי יאָר אַלס שניידער־יינגל ביי די קאַמאַרעס. איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן און מיין פאָטער האָט דעם קנס, דעם פופציקער ניט פאַרלאַנגט.

פאַר די לעצטע צוויי יאָר פון מיין דינסט ביי מענדלען האָט זיך די שטאָט פאַרגרעסערט. צו די קאַמאַרעס זיינען צוגעקומען די „פאַרכעס".

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דעם, וואָס איצי דער קברות־מאַן האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ שניידער פון וויטעבסק וואָס האָט געהאַט אַ פּאַרך, האָט מען אים גערופן „דער פּאַרכעוואַטער שניידער". האָט פּאַסירט און גבריאל דער מלמד האָט געהאַט אַ טאָכטער, מיט אַ פּנים באַדעקט מיט פּאָקן־גריבעלעך און מען האָט זי דערפאַר גערופן „באַסיע די געשטופּלטע". מען האָט אָפּגעזוכט פּאַר איר אַ האַלב־שטומען מאַן און אים געבראַכט קיין האַראַדאָק. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די קאַמאַרעס און די פּאַרכעס, און דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

צוליב אַ הון מיט אַ האָן איז חרוב געוואָרן טור מלכא, — זאָגט זיך ערגעץ אין דער גמרא — צוליב קמצא און בר־קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים, — און צוליב אַביסל שמאַלץ איז פאַרברענט געוואָרן האַראַדאָק. הערט אַ מעשה:

ביי לערן־ייִנגלעך וואָס לערנען זיך נייען שוויצט אָפּט די נאָדל (אַ לייצאָנעשער שפּיצל ביי שניידערס). האָט מען איינגערעדט אין לערן־ייִנגל, אַז אויב ער וועט קריגן שמאַלץ ביי די פּאַרכעס און זיך אויסשמירן מיט דעם דעם פינגער, וועט די נאָדל ניט שוויצן. דאָס זעלבע האָבן די „פּאַרכעס" איינגערעדט זייערע לערן־ייִנגלעך זיי זאָלן קריגן קאַמאַרעשע שמאַלץ אַלס סגולה קעגן נאָדל־שוויצן.ביידע, די קאָמאַרעס און די „פּאַרכעס" האָבן געשיקט איינער צום צווייטן זייערע לערן־אינגלעך קויפן שמאַלץ פאַר צוויי קאָפּיקעס, איינער ביים אַנדערן. פון שנאה צוליבן בלבול און צוליבן צונאָמען איז אויסגעבראָכן אַזאַ קריג צווישן די צוויי דינאַסטיעס, אַז מען האָט זיך געריסן ביי די האָר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען עס איז אין יאָר 1898 אויסגעבראָכן אַ שריפה, האָבן זיך די „פּאַרכעס" און די „קאָמאַרעס" קעגנזייטיק באַשולדיקט אין פאַראורזאַכן די שריפה. דער פייער האָט דאַן פאַרצערט אַלע קראָמען אויף דער הויפּט־גאַס. דער אמת איז אַז דאָס האָבן די באַלעבאַטים אַליין אונטערגעצונדן די קראָמען ווייל זיי האָבן געוואָלט אַרויסקריגן די „סטראַכאָוואַניע" (פאַרזיכערונגס־געלטער).

אין וויטעבסק; איך ווער אַן אַרבעטער

איך בין אָנגעקומען אַרבעטן ביי גבריאל דעם מלמדס שטומען איי־דעם און בין שוין דערמיט אַליין חשוב געוואָרן ביי די קאַמאַרעס, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אַ געוויסן יראת־הכבוד: אַ קלייניקייט, ער איז דאָך עפּעס גבריאל דעם מלמדס איידעם.

באַדונגען האָבן מיר זיך פאַר 8 רובל אַ חודש, פון די ימים־נוראים ביז פּסח. עסן האָב איך געדאַרפט אין דער היים; באַלד אָבער נאָך מיין בר־מצווה, וואָס איז אויסגעפאַלן פּורים, האָב איך באַשלאָסן אַוועקפאָרן קיין וויטעבסק. האָט דער באַלעבאָס מיר ניט געוואָלט אויסצאָלן די שכירות. ער האָט מיך אָפּגעשלעפּט ביז פּסח און איז מיר געבליבן שולדיק פאַר 2 חדשים. מיין חוב האָב איך אָפּגענומען אין וויטעבסק, ווען, מיט דער הילף פון אַ פּאָר בחורים, האָב איך אים אָפּגעוואַרט אויפן פּלאַץ, וואו די שטעטלשע פּורמאַנעס פלעגן זיך אָפּשטעלן, און אים געצוואונגען סילוקן דעם חוב.

די אַריאַלער גאַס אַנטקעגן וויטעבסקער וואָקזאַל, איז געווען ברייט. אויף דער גאַס האָט זיך געפונען אַ גרויסע שטאָל־פאַבריק און אַנטקעגן דעם „ליטעינעם זאַוואָד" — עטלעכע שניידערייען. אין איינער אַזאַ פאַבריק ביי לייבע ליפין בין איך אָנגעקומען אויף דער אַרבעט (מיין עלטערער ברודער, יעקב משה, האָט שוין ביי אים פון פריער געאַרבעט).

די גרופּע אַרבעטער איז באַשטאַנען פון דעם באַלעבאָס' צוויי זין און עטלעכע פרעמדע אַרבעטער. מיין באַלעבאָס' משפּחה איז געווען פון די פאַמיליעס, וואָס מען באַצייכנט ווי „פּראָבלעמאַטישע" — דאָס איז געווען אַ משפּחה מיט ניט־געלונגענע שידוכים.

פון לייבע ליפּינס פיר זין און דריי טעכטער האָט איינע, נעבעך, גע־פירט אַן אומגליקלעכע ליבע מיט א בחור, וועלכער האָט געהאַט אַן על־טערע שוועסטער. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט זיין געליבטער ביז איינער פון לייבעס זין וועט נעמען זיין עלטערע שוועסטער. די געליבטע האָט אבער געמוזט חתונה האָבן צוליב די באַוואוסטע דע־

ליקאַטע טעמים, וועלכע ווערן באַצייכנט ווי די „הויכע מאַנאַטן פאַר דער חופה״, און דער פאָטער האָט דעריבער געצוואונגען איינעם פון זיינע זין צו נעמען „פאַרדעקן דעם קאָפּ״ פון דער עלטערער שוועסטער פון זיין טאָכטערס חתן.

אַז קיין זיס לעבן האָט שוין ניט געהערשט צווישן די צוויי משפחות, קען מען זיך משער זיין. איין פּאָר פאַלק האָט דעם צווייטן פאַרגוואָרפן וואָס אין דער קאָרט... מיין באַלעבאָס האָט געהאַט איין זון וועלכן ער האָט געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב, און יענער איז גאָר געוואָרן אַ שוחט. ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ שניטקרעמערקע פון מיין געבורטסשטעטל און זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרקויפן שניט־סחורה צו די אָרעמיקע פויערים. זייענ־דיק אַ שוחט, פלעגט ער אָפּקוילענען די סחורה מיטן אַרשין... געשניטן אויף וואָס די וועלט שטייט.

די אַנדערע צוויי טעכטער האָבן אין דער פאַבריק געהאַט אַ זאָקן־פאַבריקל וואו עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר מיידלעך. די פאַבריק איז אויך געווען די שטענדיקע היים פון דעם אַרבעטסגעבער מיט זיינע אַרבעטער. מיר, די 14 אַרבעטער מיטן באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע, זיינען גע־שלאָפן און האָבן געגעסן אין דער „היים״ — אין פאַבריק. דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע און די צוויי פאַרהייראַטע זין האָבן געהאַט אַלקערס, איך מיט מיין ברודער זיינען געשלאָפן אויף „קושעטקעס״ (קאַנאַפּעס); די אַנדערע צוויי טעכטער — אין זייער „זאָקן־וואַרשטאַט״. די באַלעבאָסטע האָט געאַרבעט ווי אַ שקלאַף צוצוגרייטן עסן פאַר אַלע 14 מיילער און צוליב דער ענגשאַפט האָבן ניט אַלע געקענט עסן ביים טיש אין דער זעלבער צייט. חוץ שבתים און יום־טובים, ווען מיר האָבן געגעסן צוזאַמען.

מיין ברודער האָט שוין פאַרדינט 50 רובל אַ יאָר און איך בלויז 35.

די שטאָט וויטעבסק איז געווען צעטיילט אויף צוויי טיילן, איין טייל שטאָט ביז צום טייך דווינע, וואו עס האָט זיך געפונען דער וואָקזאַל (באַן־הויף), מיט די אָרעמיקע אייזן־ און שטאָל־פאַבריקן אין די קאַזאַרמעס. האָט מען גערופן די קליינע זייט. אין דער זייט איז מען אַריינגעפאָרן מיטן „אַקס״ פון האַראַדאַק און די אַנדערע שטעטלעך, ווייל קיין אייזנבאַן איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. בלויז איין באַן־ליניע: פון פאָלאָצק קיין נעוול. פלעגט די איינציקע קאָמוניקאַציע זיין די בויד פאַר די אָרעמע און די דיליזשאַנס פאַר די רייכערע. אַ רייזע קיין האַראַדאַק מיט דער בויד האָט געקאָסט בלויז 20 קאָפּיקעס.

גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין וויטעבסק בין איך געוואויר געוואָרן אַז מיין ברודער איז פאַרבונדן מיט אַן אַרבעטער־גרופּע. אין אַן נאָך־פּסחדיקן שבת פאַרנאַכט האָט ער מיך מיטגענומען אין גובערנאַטאָרסקי סאָד אויף אַ שפּאַציר, וואו ער האָט מיך באַקאַנט מיט אָנפירער פון „בונד״ און סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

יענעם אָנהויב זומער איז אין דער פּרויען־טורמע פון וויטעבסק געשטאָרבן אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, וועמענס נאָמען איך קען זיך ניט דערמאָנען, האָבן חברה אַראַנזשירט אום תשעה־באָב אַ דעמאָנסטראַציע אויפן בית־עולם, וואָס איך האָב אויך בייגעוואוינט. ביסלעכווייז האָב איך זיך אָנגעהויבן באַקאַנען מיט די פאַרשיידענע ריכטונגען צווישן די אַר־בעטער־קרייזן, און האָב אויך אָנטייל גענומען אין אַ „מאַסאָווקע״ דעם ערשטן מאַי.

יענעם ווינטער איז אין דער וויטעבסקער טאַבאַק־פאַבריק קאָלבאַ־נאָווסקי אויסגעבראָכן אַ סטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און איז געפירט געוואָרן מיט כאַראַקטעריסטישער קלאַסנקעמפערישער פאַררינס־קייט. דער אייגנטימער פון דער טאַבאַק־פאַבריק האָט געלאָזן אַרעסטירן אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין דער „זשענסקאַיאַ טורמאַ״ (פּרויען־תּפיסה), וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָלי־טישער טורמע.

אין אַ פּראַקטיקער ווינטער־נאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז מען קלייבט זיך אָפּשיקן עטלעכע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן קיין סיביר. עס איז פאָרגעקומען אַ ספּאָנטאַנע דעמאָנסטראַציע לעבן דער טורמע. רייטנדיקע קאָזאַקן האָבן געטריבן די דעמאָנסטראַנטן אַראָפּצו צום טייך דווינע, אויפן אָפּענעם פעלד האָבן די קאָזאַקן אַטאַקירט די לויפנדיקע און אַ צאָל זיינען פאַרוואונדערט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט מען אָן אַ משפּט די „פאַרברעכער״ אַוועקגעשיקט קיין סיביר לויט אַ באַפעל פון דעם מי־ניסטער פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן.

נאָך יענער דעמאָנסטראַציע און נאָך אַ יאָר אָפּאַרבעטן אין וויטעבסק, בין איך אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין אַ קליין שטעטל אין קאַלוגער גובערניע, אַ טיף־רוסישע געגנט וואו יידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען. כדי צו באַ־קומען וואוין־רעכט (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ) אין יענעם שטעטל, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ דאָקומענט פון גובערנאַטאָר אַז מען איז אַן „אָרנטלע־כער מאַן״, אָדער אַזעלכע וואָס זיי אַליין, אָדער זייערע עלטערן, האָבן

געדינט פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. עס האָבן דאָרט אויך געמעגט וואוי־נען ערשט־ראַנגיקע סוחרים, וועלכע מען האָט באַצייכנט אויף רוסיש „פערוואַי גילדי קופעץ".

דער באַלעבאָס, ביי וועלכן איך בין אָנגעקומען אַרבעטן, איז געווען אַ יחסן פון אַלע קאַטעגאָריעס: אַ זון פון אַ ניקאָלאַיעווסקן סאָלדאַט, אַ רייכער, דערצו אַ מענטש אַ גבר, פיזיש געזונט. ער האָט געהאַט אַ פאַב־ריקל, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ 10 מענטשן, און אַ קראָם פון פאַר־טיקע מענער און דאַמען קליידער. די געגנט האָט פאַרמאָגט אַ צאָל לייוונט־פאַבריקן; אין די אַרומיקע דערפער זיינען געווען פאַפיר־פאַבריקן, צווישן זיי די באַרימטע מאַראָזאָוו־פאַבריק, וועגן וועלכע דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער, דורכגעזאַפט פון טרויער און געוויין.

דער באַלעבאָס פלעגט צושטעלן זיינע קליידער צו די אַרבעטער אין די אַרומיקע פאַבריקן אויף אויסצוצאָלן און אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן פאַרדינט זייער ווייניק, האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט געקענט אויסצאָלן. מען פלעגט אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט, געשטעמפלט מיט אַ רעגירונגס־מאַרקע, וואָס האָט דעם קאָנטראַקט געמאַכט געזעצלעך, און יעדע צוויי וואָכן פלעגט דער פאַבריקאַנט, אָדער זיינער אַן אָנגעשטעלטער, קומען אין די פאַבריקן אויפמאָנען די חובות. די אַרבעטער פלעגן שטיין אין דער ריי, צאָלן זייערע חובות און, איז איינער פאַרטיק מיט אויסצאָלן דעם חוב פאַרן אַלטן בגד, פלעגט מען אים גלייך פאַרקויפן אַ נייעם, אַזוי אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן געמוזט צאָלן...

פון דער קליינער שטעטל אין קאַלוגער גובערניע בין איך אַוועק צוליב אַ טרויעריקן עפיזאָד, וואָס האָט עקזיסטירט, אין וועלכן מיין באַלעב איז געווען דער שולדיקער. מיר האָבן געאַרבעט פאַר רייכע פריצים און קרעמער. פאַרטיקע קליידער האָט דער באַלעבאָס געקויפט ביי דער וויטעבסקער פירמע קאַצענעלבויגן, וועלכע פלעגט צושטעלן די קליידער אין פעק און קאַסטנס. האָט זיך דער געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער סאָל־דאַט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ „טשינאָווניק", אַ באַאַמטן פון דער באַן־סטאַנציע, אים אונטערגעקויפט, און יענער פלעגט אים אַרויסגעבן אַ פאַק קליידער, וואָס איז כלומרשט „פאַרלאָרן" געוואָרן, און די פירמע פלעגט באַקומען דעם שאָדן־פאַרגיטיקונג פון דער אייזנבאַן. דאָס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט איינמאָל געכאַפט דעם באַלעבאָס ביי דער האַנט, שלעפנדיק אַ פאַק סחורה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויס־

פאַרשונג. דער באַלעבאָס האָט גענומען איינקנעלן מיט די אַרבעטער זיי זאָלן פאַר אים עדות זאָגן. ווען עס איז געקומען מיין ריי, האָב איך אים פראָסט און פשוט דערקלערט:

— אויב איר ווילט ניט איך זאָל עדות זאָגן קעגן אייך, לאָזט מיר אָוועקפאָרן!

איך בין בלויז איין מאָל אויפגעטראָטן פאַרן „סלעדאָוואַטעל״ (אויס־פאָרשונגס ריכטער) און דערקלערט אַז איך ווייס פון גאָרניט.

איך באַזעץ זיך אין קורסק

איך בין אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט קורסק, וואו מיינע עלטערע צוויי שוועסטער האָבן געאַרבעט, און באַלד באַקומען אַרבעט ביי אַ „וואָיענעם שניידער״, דאָס הייסט ביי אַ שניידער, וועלכער האָט געניית סאָלדאַטסקע אוניפאָרמען, אָדער „יונישע קליידער״.

אין קורסק האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ צאָל אַרויסגעשיקטע אַרבעטער פון טשערניגאָווער און אַנדערע גובערניעס, פון דער אַזוי גערופענער יידישער געטאָ — דעם צאַרישן „תחום״. זיי זיינען גע־שטאַנען אונטער פּאָליצייאישן אויפזיכט.

אין יאָר 1901, ווען דער צאַר האָט געדאַרפט באַזוכן קורסק און בייוואוינען די מיליטערישע מאַנעווערס, האָט מען אַלע פאַרדעכטיקטע אַרעסטירט. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפונען אונדזער באַ־קאַנטער מאַקס שור, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ ראָלע אין אָרגאַ־ניזירן די אינדאָסטריעל יוניאָן פון די נאָדל־ארבעטער און איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון קאַנאַדער דזשאָינט־באָארד. אין 1930 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז קורסק געווען אַ מיליטערישער צענטער. עס זיינען דאָרט געשטאַנען עטלעכע פּאָלק סאָלדאַטן. קיין גרויסע אינדוסטריע איז אין שטאָט ניט געווען און די אַרום 100 יידישע פאַמי־ליעס האָבן זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט האַנדל אויף דער בירזשע, מיט אויפקויפן קאָרן און ווייץ, אָדער האָלץ פון די וועלדער. פילע פון די יידן האָבן באַקומען וואוין־רעכט אַלס באַלמעלאָכעס, אָבער די מערסטע האָבן באַקומען די „חזקה״ דורך אונטערשמירן דעם איספּראַווניק, אָדער פּאָ־ליצמייסטער. דער פּאָליצמייסטער האָט געהייסן מעלניקאָוו און וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

עס האָבן זיך שוין דעמאָלט אין קורסק געפונען פאַרשיידענע אַרבעטער־קרייזלעך, ווי: נאַראָדניקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן. אין יאָר 1902 בין איך שוין געווען אין סאַמע מיטן קאָך פון דער

אַרבעטער־באַוועגונג און עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז מיין באַלעבאָס האָט געפונען אין מיין באַזיץ עטלעכע פאַרבאָטענע ביכלעך און האָט מיך פאַר דער „קראַמאָלע" גלייך משלח געווען.

איך בין געוואָרן אַ דאַמען־שניידער און בין אָנגעקומען אויף דער גרעסטער פאַבריק אין קורסק, וואו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק אַרבעטער. די בחורים און מיידלעך זיינען געווען פון די קליינע שטעט־לעך אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד.

די מאַנסלייט זיינען געשלאָפן אויף די טישן פון פאַבריק און די מיידלעך — אין איין אַלקער. די מאַנסלייט האָבן געאַרבעט פון שטיק און די מיידלעך — פון וואָך. פאַרן עסן האָבן מיר געמוזט צאָלן. דער באַלע־באָס, אייזיק שומאַכער, איז געווען אַ האַרבאַטער און דער „האַרב" (פון פאָרנט און פון הינטן) האָט אונדז געמאַכט אַרבעטן ביז שפּעט אויפדער־נאַכט און אין די זומערדיקע טעג ביז אָונט. אין די ווינטערדיקע טעג האָבן מיר אַראָפּגענומען די צוויי שעה, פון 5 ביז 7, פאַר אַ שפּאַציר, אויף טיי.

דער באַלעבאָס פלעגט גיין שלאָפן אַרום 8 אַזייגער און 6־7 פלעגט ער אויפשטיין, אַריינגיין אין פאַבריק און זיך צעהוסטן מיט אַ הוסט, וואָס האָט געקענט אויפוועקן אַ טויטן... מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מען זאָל זיך מאַכן ניט־הערנדיק; איז דער „האַרב" געפאַלן אויוף אַן המצאה: קיצלען די שלאָפנדיקע אין די פּיאַטעס. איך האָב באַשלאָסן זיך אָפּ־רעכענען פאַר דאָס קיצלעניש און האָב פאַרן גיין שלאָפן אַוועקגעלייגט לעבן מיינע פיס אַ האַלב־קיילעכדיק קלאָץ, אויף וואָס מען פּרעסט די קליידער. ווען ער האָט מיך גענומען קיצלען, האָב איך אויסגעצויגן די פיס און דאָס קלעצל איז אים געפלויגן גלייך אין האַרצן, ווייל ער איז געווען אַ נידעריקער און דאָס האַרץ האָט דערגרייכט דעם טיש. ער איז נאָכדעם אָפּגעלעגן אַ שטיק צייט אין שפּיטאָל...

איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר און בין אַלץ מער אַקטיוו געוואָרן אין די אַרבעטער־קרייזלעך. די אָרגאַניזאַציע האָט מיר פאָרגעלייגט צו נעמען אַן אייגענע קוואַרטיר (וואוינונג) און מיין דירה זאָל דינען אַלס אָרט, וואו טוער פון אַנדערע שטעט, וואָס קומען קיין קורסק, זאָלן זיך טרעפן. איך האָב אָבער אין דער קוואַרטיר ניט געטאָרט האָבן קיין ליטעראַטור. געווען איז עס אין יאָר 1903.

אין שטאָט פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס וועגן „איסקראַ" („פונק") און

„פּראָלעטאַריע״ — די צוויי אונטערערדישע צייטונגען, וואָס זיינען דאָן דערשינען. עס פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן „מאַסאָווקעס״ (פאַרזאַמלונגען) הינטער דעם „מאַסקווער טויער״, אין וואַלד און אויך ביים יידישן בית־עולם, וואו דעם שמשס זון איז געווען אַן „אונדזעריקער״. מיר האָבן אויך אַרויסגעלאָזן פּראָקלאַמאַציעס קעגן רוסיש־יאַפּאַנישן קריג. די דערמאָר־דונג פון מיניסטער פּלעווע דורך דעם רעוואָלוציאָנער סאַזאָנאָוו האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע אַרבעטער פון קורסק. מען האָט מיך אַריינגעצויגן אין ספּעציעלן קאָמיטעט און מיר געגעבן אַ נייעם, טיפּיש־רוסישן נאָמען, גאַרניט ענלעך אויף מיין יידיש־רוסישן נאָמען „באָריס״. „טיכאָן״ איז געוואָרן מיין נאָמען, און אונטער דעם נאָמען האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט.

די רייסערייען צווישן די רעוואָלוציאָנערע גרופּן האָבן זיך אין קורסק איינגעשטילט בעת דער אָנהויב פון רוסיש־יאַפּאַנעזישן קריג נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן די שטאָט איז געווען פאַרטראָטן מיט אַ דעלעגאַט, וועלכן מען האָט גערופן „דער לאַנגער אַנדרעי״. דעמאָלט האָט זיך דאָרט אויך געגרינדעט אַ גרופּע באָלשעוויקעס.

אונזער אויפגאַבע איז געווען פונאַנדערצוװאַרפן פּראָקלאַמאַציעס קעגן קריג. די פּראָקלאַמאַציעס האָבן מיר צעטיילט אין די שעהען פון גיין נאָך טיי, דאָס הייסט צווישן 5־7 פאַרנאַכט.

אין סאַמע פלאַקער פון קריג האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסאַנטפּלעקן די גאַנצע קאָרופּציע פון ספּעקולאַציע, ווען די סוחרים האָבן גענומען אָפּשטעקן שיך און קליידער פאַר דער אַרמיי אין פּריוואַטע געשעפטן. עס זיינען דעמאָלט אין דער אַרמיי אויפגעקומען ספּעציעלע „וואָיעננע קאָמיטעטן״ קעגן מיליטאַריזם, מלחמה און דער קאָרופּציע אין היגטער־פראָנט.

דעם 4טן דעצעמבער 1904 בין איך פאַרטרויט געוואָרן מיט אַ מיסיע צו צעטיילן אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס צווישן די סאָלדאַטן פון די קאַ־זאַרמעס. איך האָב צום ערשטן אַליין דורכגעלייענט אַ פּראָקלאַמאַציע און אַ באַגייסטערטער אַוועק צו די קאַזאַרמעס. די סאָלדאַטן האָבן זיך רואיק שפּאַצירט מיט זייערע מיידלעך און כדי צו ציען זייער אויפמערקזאַמקייט, האָבן איך אויסגעשריגן: „טעלעגראַמאַ קוראָפּאַטקינאַ!״ קוראָפּאַטקין איז דאָן געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר אויפן פראָנט און די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן די בלעטלעך ווי מצה־וואַסער. איך האָב זיך באַלד גע־

כאַפּט, אַז איך האָב פאַרקאַכט אַ קאַשע, און האָב זיך גענומען באַצייטנס אָפּטראָגן. איך האָב אָבער באַלד דערהערט אַ פייפעריי. מען האָט מיך געכאַפּט מיט אַ צאָל פּראָקלאַמאַציעס אין קעשענע און מיך געפירט צום פּאָליצמייסטער. זיי האָבן גלייך פאַרלאַנגט איך זאָל אַרויסגעבן דעם אָרט פון דער דרוקעריי, וואו האָט מיר געגעבן די פּראָקלאַמאַציעס אאז״וו. מיין ענטפער איז געווען: איך ווייס ניט, איך האָב די פּראָקלאַמאַציעס געפונען. האָבן זיי מיך גענומען שלאָגן און מאַטערן ביז 12 אויפדערנאַכט, ווען מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער ביוראָ פון דער פּאָליציי. וואו מיין ערשטער ברוך הבא איז געווען: „זשידאָווניאַ״ — יידעלע. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף מיר דער פּראָקוראָר און דער וויצע־גובערנאַטאָר און אַזוי האָב איך זוכה געווען צו ווערן דער ערשטער פּאָליטישער אַרעסטירטער אין קורסק.

אויף מאָרגן האָט מען מיך געבראַכט אין „זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע״ און ערשט אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך באַקומען אַ דאָקומענט וועגן מיין פאַרברעכן, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 פּונקטן: 1) פאַרשפּרייטן אומגעזעצלעכע ליטעראַטור און 2) אַגיטאַציע צווישן מיליטער אַרונטערצוּוואַרפן די איצטיקע עקזיסטירנדיקע אָרדנונג...

איך בין געווען דער איינציקער פּאָליטישער פאַרברעכער אין אַ תּפיסה מיט 1200 קרימינעלע אַרעסטירטע. איך האָב דעריבער באַקומען די פּריווילעגיע צו זיצן באַזונדער. מיין תּפיסה־קאַמער איז געווען גרויס אַן ערך 6 פוס די ברייט און 12 פוס די לענג. דער איינציקער פענצטער איז געווען הויך, אַזוי, אַז מען האָט זיך געמוזט שטעלן אויפן טישל, וואָס איז געווען צוגעשמידט צו דער וואַנט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַן אייזערנער בעטל מיט אַ שטרויענעם מאַטראַץ. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער טאָג פון מיין אַרעסט אויך געווען אַ „דערהויבענער״, ווייל אין יענעם טאָג איז געבוירן געוואָרן דעם צאַרס יורש־עצר, אַלעקסיי.

אין דער תּפיסה פלעגן יעדן שבת אָנקומען „עטאַפּ״־אַרעסטאַנטן, וועלכע מען פלעגט שיקן פון אוקראַינע קיין סיביר און זיי פלעגן פאַרבלייבן ביי אונדז אַ פּאָר טעג. פון זיי האָב איך אויסגעפונען פאַרשיידענע נייעסן. קיין צייטונג האָט מען אין דער תּפיסה ניט אַריינגעלאָזן, פלעג איך שעפּן די אינפאָרמאַציע פון די עטאַפּ־אַרעסטאַנטן. עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און איך האָב זיך באַפריינדעט מיטן מאַן וואָס פלעגט רייניקן די תּפיסה־קאַמערן. איך האָב אים אָפּגעשטעקט אַ פּעקל מאַכאָרקע

און ער פלעגט מיר דערפאַר ברענגען פון צייט צו צייט אַ צייטונג. אַזוי האָב איך זיך דערוואוסט די נייעס, אַז דעם 9טן יאַנואַר האָבן די אַרבעטער מאַרשירט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַקאַנטן גלח גאַפּאָן. די ידיעה האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַרעסטאַנטן. מי האָט „נאַטשאַלסטוואָ" באַהאַנדלט מער אָדער ווייניקער אַנשטענדיק. מען האָט מיר דערלויבט לייענען ביכער.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ „כלה". די דאָזיקע כלה איז מיר אָבער ניט לייכט אָנגעקומען. געשען איז די זאַך אויף דעם אופן: אין איין שיינעם טאָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַ מיידל, אין וועלכן זי האָט מיר געשריבן, אַז זי איז פון שטעטל רודניע, מאָהילעווער גובערניע. זי האָט געהערט פון מיין אַרעסט, זי איז אַהער אַראָפּגעקומען, אָבער מען דערלויבט איר ניט מיך צו באַזוכן. אין בריוו איז געלעגן אירס אַ פאָטאָגראַפיע. איך האָב גלייך אַרויסגעלייענט דעם מיין פונעם בריוו און האָב גלייך געפאָדערט פון פּראָקוראָר אַ באַגעגעניש מיט מיין „כלה". עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש זיך צו טרעפן מיט מיין „כלה", וועלכע איך האָב גלייך דערקענט לויט דער פאָטאָגראַפיע.

די געשעענישן זיינען געלאָפן מיט אַ מוראַדיקער שנעלקייט. אין יענע טעג האָט מען אין מאָסקווע דערהרגעט דעם גרויספירשט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַנדערע וויכטיקע געשעענישן זיינען פאַרלאָפן און אין איין טאָג האָב איך דערזען ביי זיך אין טורמע אַ טשיקאַוון גאַסט, אַ „חבר אין נויט" — „טאָוואַרישטשאַ פּאָ ניעסשטשאַסטיו". איין נאַכט האָב איך דערהערט ווי די טיר אין מיין שכנותדיקן קאַמער האָט זיך געעפנט. איך בין נייגעריק געווען צו וויסן ווער מיין נייער שכן איז און האָב אָנגעהויבן רעדן אויף אַרעסטאַנסקע לשון: האָב אויסגעקלאַפּט דעם אַלף־בית אויף דער וואַנט. יענער אָבער האָט געענטפערט מיט אַ גאַנצן קולאַק, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין אַ פאַרבלאָנדזשעטער. אינ־דערפרי, אַז איך בין זיך געגאַנגען וואַשן, בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטערל פון טיר און האָב גלייך דערקענט מענדעלען, דעם רבס זון, — אַ לעב־יונג, וואָס האָט געשמט פאַר אַן אויסוואורף. ווי קומט ער אַהער? ער האָט מיר געוואָלט דערציילן די גאַנצע מעשה, אָבער איך האָב אים געהייסן אָנשרייבן און אַריבערוואַרפן דאָס צעטעלע. אומר ועושה — געזאָגט און געטאָן — און באַלד האָב איך אויסגעפונען די גאַנצע מעשה.

די מעשה איז אַזאַ: ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט דער ווייסער חברה, געווען איין שמעלקע מיט דער געהיים־פּאָליציי, האָט מיט זיי פאַרבראַכט אין אַ „הייזל" און איז אינדערפרי פאַרשוואונדן אָן אַ זיי־געזונט, און זיי האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר אים. האָט פּאַסירט אַז אין שטאָט איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די שולן, דער וויצע־גובערנאַטאָר קורלאָוו האָט אַרויסגעשיקט קאָזאַקן און אַ סך קינדער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. האָבן די עלטערן, חשובע שטאָט־באַלע־באַטים, פאַררופן אַ פּראָטעסט־מיטינג אין דער שטאָטישער דומע, ביי וועלכן די שטאָטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן צעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס. די לייט פון דער געהיים־פּאָליציי האָבן זיך אַרומגעקוקט, און דערזען מענדלען, האָבן זיי גלייך געמאַכט אויף אים אַ קלאַגע, אַז ער האָט געטיילט די פּראָקלאַמאַציעס און האָבן אים אַריינגעפּאַקט אין „חד־גדיא".

פון דעם נייעם שכן מיינעם האָב איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. דער דאָזיקער „העלד" איז געווען אַ פּחדן און האָט מורא געהאַט פאַר זיין שאָטן. ער האָט מורא געהאַט צו זיין אַליין מיט זיין שאָטן אין קאַמער, האָט זיין פאָטער, דער שטאָטישער רב, אויסגעפּועלט מען זאָל ביי אַ קאָמיטעט פון סוחרים פאַרלאַנגען זיי זאָלן אינטערוועגירן פון זיינטוועגן, און מען האָט אים באַזעצט ביי מיר אין קאַמער.

אין יענער צייט פלעג איך שוין באַקומען די „איסקראַ" און דעם „פּראָלעטאַריע", אָבער איך האָב זיך געדאַרפט היטן פאַר מיין שכן. מען פלעגט אָפט זוכן ביי מיר אין קאַמער די פאַרבאָטענע סחורה און מען האָט גאָרניט געפונען און יעדעס מאָל פלעגט זיך מענדל פאַרענטפערן, אַז ער האָט קיינעם גאָרניט דערציילט.

אין יענע יאָרן — 1901־4 — זיינען אין די גובערניעס פון קורסק, וואָראָניעזש און סאַראַטאָוו פאָרגעקומען פויערשע אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן אונטערגעצונדן די גיטער פון די רייכע גוטבאַזיצער. קורלאָוו האָט אַרויסגעשיקט זיינע קאָזאַקן אַנצולערנען די בונטאָווזשטשיקעס מיט שמיץ און תפיסה. ער האָט עס געטאָן אויף אַן אכזריותדיקן אופן. פריער פלעגט ער די פויערים הייסן פירן אין באָד און דאָרט האָט ער זיי צוגעשמידט צו דער באַנק און געשמיסן אויפן נאַקעטן לייב.

אין איין פרימאָרגן האָט מען געבראַכט אין אונדזער תפיסה עטלעכע אינטעליגענטן, מיטאַרבעטער פון דער „זעמסקע אופראַווע" (מוניציפּאַ־

לער אָרגאַניזאַציע), וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירן די אַגריקולטורעלע באַלעבאַטישקייט פון רוסלאַנד. איינער פון די אינטעליגענטן איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט מיטן נאָמען וואָראָבייעוו; די אַנדערע זיינען געווען סעמינאַריסטן פון גלחישן סעמינאַר. אונדזער תפיסה איז אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היים פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

די ליבעראַלע אינטעליגענץ האָט מען אַריינגעשיקט אין מיין קאַמער און נאָך זיבן וואָכן צוזאַמען האָט מען אונדז אַריינגעשיקט נייע פיר פּאָליטישע פאַרברעכער. אויף מאָרגן נאָכן אָנקומען פון די לעצטע פיר געסט האָט אונדז מענדל געבראַכט די נייעס, אַז אין טורמע געפינט זיך אויך אַ „באַרישניע" (אַ דאַמע). ער האָט בשעת מעשה געפרעגט וואָראָבייעוון דעם טייטש פון וואָרט „עס־ער".

— צו וואָס דאַרפסטו עס נויטיק וויסן? — האָט אים וואָראָבייעוו געפרעגט.

— די באַרישניע האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַן עס־ערקע — האָט מענדל געענטפערט — און איך האָב איר דערקלערט, אַז איך בין דאָס זעלבע...

— סטייטש, — האָט וואָראָבייעוו פּראָטעסטירט, — וויאַזוי קען זיך אַ מענטש אָנרופן מיט אַ נאָמען, וואָס ער ווייסט אַליין ניט דעם מיין פון דעם?

— ער האָט אַ רעכט זיך צו רופן „עס־ער" — האָט אַן אַנדער אינטע־ליגענטער אַרעסטאַנט פאַרענטפערט מענדלען, — זיין טאַטע איז אַ רב, און ער, דער זון פון אַ רב, איז אַן „עס־ער" „סין ראַבינאַ" — אין רוסיש, זון פון אַ רב)...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין שטאָט געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט אַרויסגעגעבן די עס־ערן, און מענדלס באַרישניע איז געווען די באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערקע סאָפיאַ איזמאַאילאָוויטש. מען האָט זיי געהאַלטן אין דער קורסקער תפיסה עטלעכע חדשים אויף דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן געוואָלט דערמאָרדן דעם וויצע־גובערנאַטאָר קורילאָוון, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער הילף פון פּאָליצמייסטער מעלניקאָוו.

יענעם יאָר איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע געשעעניש אין אָדעס, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס דער „פּאָטיאָמקין אויפשטאַנד". אין דערזעלבער צייט האָט אויך אין קורסק אויף דער באַן־סטאַנציע פּאַסירט אַן אויסער־

געוויינלעכע זאַך. קורסק האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן אייזנבאַן־קנופּ, דאָרט פלעגט מען בייטן די באַנען און די ליניעס און די לאָקאָמאָטיוון. האָט פּאַסירט און אין דער צייט פון בייטן די לאָקאָמאָטיוון און די ליניעס, וואָס פלעגט דויערן אַ היבשע ווײַלע, זיינען סאָלדאטן געלאָפן נאָך „קיפּיאַ־טאָק" (הייסע וואַסער), דעמאָלט האָט אַן אָפיצער פאַראָרדנט אַ סאָלדאַט זיך אומקערן צוריק אין זיין וואַגאָן. דער זעלנער האָט אַזוי גיך ניט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל, איז דער אָפיצער געוואָרן מלא כעס און האָט מיט זיין שווערד אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט בליץ־שנעל. ספּאָנטאַן, אין איין רגע האָבן די אַרבעטער פון דער אייזנבאַן־פאַבריק געוואָרפן די אַרבעט און אַלע, די סאָלדאַטן אינאיינעם מיט די אַרבעטער, האָבן זיך געלאָזן לויפן נאָכן רוצח, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ וואַגאָן. מען האָט אָפּגעקייטלט דעם וואַגאָן, אים אָוועקגעפירט אויף אַן אַנדער ליניע, אים באַגאָסן מיט קעראָסין און אים אונטערגעצונדן. עס האָט זיך ניט געפונען קיין אָפיציר, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַרן מערדער. אַלע זיינען געווען אויפגעצאַרנט פון דער קאַלטער און ברוטאַלער רציחה און האָבן געשריען: „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן! נקמה!"

נאָך יענער פּאַסירונג האָט זיך שוין אויסגעפאַרטיקט מיין משפּט און מיין פּראָצעס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין קרייז־געריכט. מיין אַד־וואָקאַט איז געווען אַ באַוואוסטער ליבעראַל, ראַסטאָרגייעוו. איך האָב אים שפּעטער באַגעגנט אין סיביר, וואוהין מען האָט אים פאַרשיקט אין יאָר 1906. מיין אַדוואָקאַט האָט פאַר מיר באַקומען פון אַ דאָקטאָר פון קרייז־שפּיטאָל 500 רובל איינלייג־געלט (בעיל) און איך בין באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

גלייך נאָך מיין פאַרלאָזן די תפיסה האָבן זיך צו מיר אַ לאָז געטאָן די אַרבעטער מיט בקשות צו שליכטן זייערע קאָנפליקטן. די פּאַרטיי גרופּע האָט געהאַלטן איך זאָל ווערן אַ „פּראָפעסיאָנאַל", ווייל אַלע באַלע־באַטים האָבן מורא געהאַט מיך צו נעמען אויף דער אַרבעט און איך האָב געמוזט קעגן מיין ווילן ווערן אַ פּראָפעסיאָנאַל (פּראָפעסיאָנאַלער רעוואָ־לוציאָנערער טוער).

אַרבעט האָט ניט געפעלט. דער טאָג און די נאַכט האָבן ניט גע־קלעקט. איך האָב אָבער ביי זיך ניט געקענט פועלן צו לעבן אויף יענעמס האָרעוואַניע. ענדלעך האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ געשעפט פון אַ

ניט־יידישן געשעפטמאַן, וואָס האָט געהערט צו דער ק.־ד., וועלכער האָט געהייסן אַנטאָנאָוו. אַ פריינט פון מיין אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געהאַלטן אַז איך בין אים נאָענט אידייאיש. גייענדיק צו דער אַרבעט און אַהיימ־גייענדיק פלעגט מיך באַגעגענען אַ פאַרשוין און מיך סאַלוטירן. איך האָב דערציילט וועגן דער באַגעגעניש אין דער „זשאַנדאַרמסקער פּראַוולעניע“, זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט, און דער סאַלוטירער איז פאַרשוואונדן...

אין חודש סעפּטעמבער פון יענעם יאָר האָט מען זיך גענומען גרייטן אין קורסק אויף אַ פּאָגראָם. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דעם וואָס די ליבעראַלן האָבן דעמאָלט פאַררופן פאַרזאַמלונגען און האָבן אַראָפּגעבראַכט פּראָפעסאָר וואָדאָוואָזאָוו, אַ לינקער ק.־ד. ער האָט גע־האַלטן אַ רעפעראַט וועגן אַ קאָנסטיטוציע. זיין פאָרטראַג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט, אַז דער הויפּט פון דער געגנט וואו דער פאָר־טראַג איז געהאַלטן געוואָרן, האָט גערופן צו זיך די ליבעראַלן און זיי געוואָרנט אַז ער וועט ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאָלגן וואָס וועלן פּאַסירן. מיר האָבן גוט אָפּגעשאַפּצט זיין „אומפאַראַנטוואָרטלעכ־קייט“ און גענומען מושטרירן אַ „זעלבסטשוץ“, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן מענטשן פון אַלע ריכטונגען: עס־ערן, יידן און קריסטן. פאַרשטייט זיך, מער ניט־יידן, ווי יידן. ביי יעדער פאַרזאַמלונג וואָס די ליבעראַלן האָבן פאַררופן, האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אונדזערע איי־גענע רעדנער.

באַלד זיינען געקומען די שטורמישע טעג פון 1905. עס האָבן זיך געמערט די פאַרזאַמלונגען און עס האָבן אויסגעפעלט רעדנער. אין יעדן פאַבריק און זאַוואָד, אויף דער אייזנבאַן, אומעטום זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען. אין דעם מאַנגל פון רעדנער האָט יעדער גע־מוזט ווערן אַן אַגיטאַטאָר. עס האָט ניט גענומען לאַנג וגם אני... אויך אייער קנעכט, איז געוואָרן אַ רעדנער...

ווען עס איז דערשינען דער צאַרישער „מאַניפעסט“, בין איך אויפ־געפאָדערט געוואָרן פון אַ גרופּע אייזנבאַן־אַרבעטער צו דערקלערן דעם „מאַניפעסט“. איך בין אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז איך האָב אָנ־געהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ און ערשט נאָכן זינגען דער־קלערט דעם מיין פון מאַניפעסט.

מען האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע. די נאַכט פאַר דער דעמאָנסטראַציע איז אַ קאָמיטעט, דערוויילט פון אַלע פּאַר־

טייען, אַוועק צום גובערנאַטאָר און אים דערציילט אַז עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען וועגן אַ פּאָגראָם און זיי בעטן אים אָננעמען מיטלען. ער האָט צוגעזאָגט. אָבער גאַנץ פרי האָט מען אויף די גאַסן ניט געזען קיין איין פּאָליציאַנט. מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז ער און דער פּאָליצמייסטער מעלניקאָוו האָבן זיי איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער, זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך נאָך כוליגאַנישע עלעמענטן פון מאַרק, די „באָסיאַקעס", דעם לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, און זיי האָבן זיך געגרייט...

אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן מאַרשירט אין פּאַראַייניקטע רייען פון דער „זעמסקער אופּראַווע" צו דעם מאָסקווער „פּלאַשטשאַד" (מאַרק־פּלאַץ). ווען זיי זיינען אַרויס אויף דער הויפּט־גאַס האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ צווייטער מאַניפעסטאַציע פון די „אונטערוועלט־פּאַטריאָטן" און עס איז אויסגעבראָכן אַ שלאַכט. דער המון איז זיך צעלאָפן אין די הויפן, אָבער די זעלבסטשוץ איז געבליבן אויפן „שלאַכטפעלד". צוויי פון דער זעלבסט־שוץ און צוועלף פון די „פּאַטריאָטן" זיינען געפאַלן...

נאָך דער שלאַכט האָט שוין אין שטאָט געהערשט אַ פיינלעכע שטי־מונג. מען האָט גערעדט, אַז מעלניקאָוו האָט ביי זיך אַ צעטל פון 15 מענטשן מיט וועלכע ער וועט זיך אָפּרעכענען. מיין נאָמען האָט זיך גע־פונען אויפן „ערן־צעטל".

אינמיטן נאַכט איז צו מיין קוואַרטיר צוגעפאָרן אַ דראָזשקע און עמעצער איז אַראָפּגעשפּרונגען און האָט אָנגעקלאַפּט. איך בין געווען זיכער אַז מען איז מיך געקומען אַרעסטירן, אָבער עס האָט זיך באַלד באַוויזן מיין אַדוואָקאַט אין דער באַגלייטונג פונעם דאָקטאָר דאָלזשענקאָוו און מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. דאָרט האָט מען מיך געהאַלטן צוויי טעג. דער דאָקטאָר האָט באַפוילן קיינעם ניט צולאָזן צו מיר. נאָך די צוויי טעג האָט מען מיך אַוועקגעפירט אויפן וואָקזאַל און אָפּגעשיקט קיין כאַרקאָוו — די שטאָט מיט וועלכער קורסק האָט געהאַט פאַרבינדונגען. פון דעם קורסקער פּאָגראָם זיינען ניט געווען קיין יידישע קרבנות, די באַנ־דיטן, אונטערוועלט־מענטשן, האָבן צעבראָכן די פענצטער פון יידישע און ניט־יידישע קראָמען. אַממערסטנס האָבן געליטן די ליבעראַלן.

איידער איך פאַרענדיק די דערינערונגען פון מיינע איבערלעבענישן אין קורסק, וויל איך פאַרצייכענען איין פּאַסירונג, וואָס איז מיר געבליבן פאַרקריצט אין זכרון.

אין אַ שטעטל לעבן קורסק, קאָראָטשאַ פּוסטיניאַ, האָט מען געפונען

אַ ברעטל אין אַ ברונעם אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעמאָלט אַן איקאָנע פון דער „הייליקער מוטער". די דאָזיקע איקאָנע האָט מען יעדן יאָר געטראָגן אויף די קורסקער גאַסן בעת עס איז פאָרגעקומען דער יאַריד. אויפן וועג פון קאָראַנייאַ קיין קורסק פלעגט זיך די איקאָנע־פּראָצעסיע אָפּשטעלן ביי יעדן קלויסטער. אונדזער טורמע האָט געהאַט איר אייגענעם קלויסטער, האָט מען די „הייליקע מוטער" אַריינגעטראָגן אויך צו אונדז אין דער באַגלייטונג פון מאָנאַשקעס און גלחים. איינער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַ סעמינאַריסט וועלכער האָט שטודירט פאַר גלח, איז גע־גאַנגען אָנגעטאָן אין אַ סטודענטסקע היטל, איז דער אויפזעער פון דער תפיסה צוגעגאַנגען און אים געגעבן אַ זעץ איבערן קאָפּ און אַראָפּגעוואָרפן זיין היטל. מיר, די אַרעסטירטע, האָבן גלייך געמאַכט אַן „אָבסטרוקציע" און אויפגעפאָדערט דעם פּראָקוראָר. ביז ער איז געקומען האָבן מיר דער־קלערט אַ הונגער־סטרייק. דער איינציקער, וועלכער האָט זיך אָנטזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט אונדז איז געווען מענדעלע דעם רבס. ווען דער פּראָ־קוראָר איז אויף מאָרגן געקומען, האָבן מיר אויפגעפאָדערט מען זאָל אָוועק־נעמען דעם תפיסה־אויפזעער און איינאיינעם מיט אים מענדלען, וועלכער פלעגט אַלץ אָפּטראָגן דעם נאַטשאַלניק פון דער טורמע. מיר האָבן דער־קלערט אַ הונגער־סטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע 9 טעג. אויפן פינפטן טאָג האָבן מיר געמאַכט אַן אָבסטרוקציע, וועלכע האָט זיך איבער־געטראָגן אין שטאָט. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ זון פון אַ קורסקער סוחר, האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט אונדז אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן: ער האָט צעריסן אַ קישן און געלאָזן פליען די פעדערן מיטן ווינט. אַרום 6 פאַר־נאַכט, ווען דער עולם קלייבט זיך אין שטאָטישן סאָד, האָבן זיי פאַר־שטאַנען דעם סימבאָל פון די פליענדיקע פעדערן און זיך באַלד אָנ־געהויבן קלייבן אַרום דער תפיסה, טייל פון זיי האָבן גערופן נעמען פון זייערע קרובים הינטער די תפיסה־ווענט (ווייל אין דער טורמע זיינען דעמאָלט געווען אַרום 1500 קרימינאַלניקעס, וועלכע זיינען באַגאַנגען קליינע גניבהס, כדי איינגעשפּאָרט צו ווערן און פאַרשפּאָרן גיין אויפן שלאַכטפעלד אָדער דינען אין מיליטער. עס איז געווען די צייט פון קריג מיט יאַפּאַן). דערזעענדיק דעם פאַרזאַמלטן עולם דורך די גראַטעס, האָבן מיר גענומען קלאַפּן אין די ווענט און ברעכן שטולן.

ערשט צומאָרגנס איז געקומען דער פּראָקוראָר און האָט געוואָלט מאַכן מיט אונדז אַ פּשרה, דער אויפזעער זאָל זיך אַנטשולדיקן. מיר

האָבן דעם קאָמפּראָמיס צוריקגעוויזן. ערשט נאָך ניין טעג איז געקומען אַ נייער נאַטשאַלניק און מענדעלען האָט מען איבערגעפירט אין דער אָפּטיילונג פון די קרימינעלע פאַרברעכער. פאַר דעם האָבן מיר אַרויסגעוואָרפן זיינע אַלע זאַכן. די דעמאָנסטראַציע און דער סטרייק האָבן געהאַט זייערע קרבנות. איינער פון די דעמאָנסטראַנטן איז אַראָפּ פון זינען און אין אויסברוך האָט ער צעבראָכן די גראַטעס פון א פענצטערל.

אין כאַרקאָוו בין איך געקומען מיט דער „יאַוקע"־אָנווייזונג אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט, וואו עס איז געווען די הויפּט קוואַרטיר פון דעם סטרייק־קאָמיטעט פון די אָקטאָבער־טעג, און דאָרטן איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין יענער צייט זיינעןביידע אָפּטיילונגען — פון די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס — געווען צוזאַמען. עס איז געווען איין צענטראַלע פירערשאַפט. איך האָב אין כאַרקאָוו פאַרווילט איין טאָג און בין אַוועק מיט אַן אָנווייזונג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו

קיין יעקאַטערינאָסלאַוו בין איך געקומען גלייך נאָכן פּאָגראָם. אויפן וועג פון וואָקזאַל האָב איך געטראָפן דעם „באַזאַר" אין פלאַמען און אויף די גאַסן האָבן זיך נאָך געוואַלגערט די הרוגים.

איך בין געגאַנגען אויף מיין „יאַווקע" (באַשטעלונג) גרייט אָפּצוגעבן און זיך צו דערקענען דורך מיין „פּאַראָל". גלייך נאָך מיין „באַקענען זיך" האָב איך געוואונען דעם צוטרוי און מען האָט מיך באַשטימט אין דעם קאָמיטעט אויסצוטיילן הילף פאַר די געליטענע פון דעם פּאָגראָם. אין קאָמיטעט זיינען אויך געווען פאַרטראָטן סוחרים און זיי האָבן פאַרלאַנגט אַז די ערשטע הילף זאָל געגעבן ווערן די רואינירטע קליינע געשעפטס-לייט וואָס קענען ניט אַרבעטן. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט דאַן בלויז געאַרבעט דער גרויסער בריאַנסקער זאַוואָד, וואָס האָט פּראָדוצירט מאַשינען. די לייכטע אינדוסטריע איז געווען פּאַראַליזירט און מען האָט ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט. קיין סך אַרבעט אין דעם הילפס-קאָמיטעט איז ניט געווען, אַ ביסל הילף איז אָנגעקומען פון אַמעריקע און פראַנקרייך. מען האָט מיך באַשטימט צו טאָן אָרגאַניזיר-אַרבעט אין יידישן קוואַרטאַל. עס זיינען דעמאָלט געווען אומרואיקע טעג. איך האָב זיך באַלד פאַרבונדן מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָב דאָ געטראָפן סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און אפילו איין פּועלי-ציוניסטקע, וועלכע האָט קאָאָפּערירט מיט אונדז.

אַרבעט האָב איך געקראָגן ביי אַ שניידער אויף פּאָליצייסקע גאַס, אָבער איך בין געווען פאַרטאָן אין אָרגאַניזאַציע-אַרבעט איבערן קאָפּ. מיין קורסקער „כלה" האָט געוואָלט אַריבערקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, אָבער איידער מיר האָבן באַוויזן זיך דורכצושרייבן איז זי אַרעסטירט געוואָרן, ווען מען האָט זי געכאַפּט מיט אַ טראַנספּאָרט „ליטעראַטור" צווישן קורסק און וואָראָניעזש, און נאָך עטלעכע חדשים האָט מען זי פאַרשיקט קיין סיביר. פון דאַן אָן איז זי פאַרשוואונדן און איך האָב מער ניט געוואוסט פון איר

גורל. איר נאָמען איז געווען סאָניע סאָלאָמאָנאָוונאַ ראָזען, אַ טאָכטער פון אַ שוחט אין רודניע, מאָהילעווער גובערניע.

אין יענער צייט האָט מען אויף אַ האַלב־לעגאַלן אופן אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און איך האָב באַלד געפונען אַ נייעם פעלד פאַר מיין אַקטיוויטעט. קיין סך האָב איך ניט פאַרדינט, בלויז געננוג אויף ברויט און קאָלבאַס און דירה־געלט דריי רובל אַ וואָך פאַר מיין קוואַרטיר, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאַנאַפּע אַוועקצולייגן דעם מידן קערפּער.

עס האָבן זיך דערנענטערט די שטורמדיקע דעצעמבער־טעג. עס זיינען אָפּט פאָרגעקומען אַרעסטן און מיר האָבן אויפגעכאַפּט קלאַנגען, אַז אין אונדזערע רייען געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט געהייסן שמואל טשערטקאָוו. די פּאַסירונגען האָבן זיך צעוויקלט. אָנהויב דעצעמבער איז אויסגעבראָכן דער אייזנבאַן־סטרייק. די אַרבעטער פון יעקאַטערי־נאָסלאַוו האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן סטרייק. טאָג־טעגלעך זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען. דער שטאָטישער קאָמיטעט האָט געהאַט זיין הויפּט־ביוראָ אין פּאָליטעכניקום. איך בין דאַן, ווי דער־מאָנט, געווען אַ מיטגליד פון קאָלעקטיוו, דאָס הייסט פון שטאָטישן קאָמיטעט.

ביי איינער פון די הייסע פאַרזאַמלונגען איז אַריינגעקומען עפּעס אַ פרעמדער און האָט אויסגערופן: „צעגייט זיך!‟, און איז באַלד אַרויס־געלאָפן פון זאַל. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צעלויפן, אָבער עס איז אונדז געלונגען צו כאַפּן דעם פרעמדן בחור, וועלכער האָט אונדז אויס־געזאָגט דעם סוד, אַז שמואל טשערטקאָוו האָט אַרויסגעגעבן די פאַר־זאַמלונג. ער ווייסט עס, ווייל ער אַליין דינט אין דער געהיים־פּאָליציי. מיר האָבן גענומען דעם פּראָוואָקאַטאָר אויפן צימבל. ער האָט גע־קראָגן אַן אינטער־פּאַרטייאישן משפּט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט צו אַלע פּאַרטייען און ער האָט יעדער פּאַרטיי גע־האָלפן איינשטעלן דרוקערייען און זיי נאָכדעם אַרויסגעגעבן צו דער פּאָליציי. אין איין נאַכט האָט מען דעם פּראָוואָקאַטאָר אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט און אים געגעבן זיין פאַרדינט שטראָף. זיינער אַ חבר אין דער אַרבעט, אַ גאָראָדאָוואָי, איז אָנגעלאָפן בשעת דער שי־סעריי און ער האָט געטיילט זיין גורל. די פּאָליצע האָטביידן איינ־געאָרדנט אַ פּאַראַדנע לויה.

דער שמואל אַז געווען אַ שיינער בחור און האָט באַזונדערס אויס־גענומען ביי דעם שוואַכן מין. מערקווירדיק ווי ער האָט זיך מודה געווען, נאָכדעם ווי מיר האָבן אים צוגעשטעלט צו דער וואַנט, און ער האָט זיך אַפילו אונטערגעשריבן אויף זיין אייגענעם ווידוי.

מען האָט זיך ווידער גערעכט אויף אַ פּאָגראָם. נאָכן ערשטן פּאָגראָם האָט מען דערציילט, איז אַלעקסאַנדראָוו, דער גובערנאַטאָר, אויפן דריטן טאָג געקומען אויפן מאַרק און אויסגערופן: „גענוג, חברה, צעגייט זיך אַהיים!" און באַלד האָט די וואָרנונג געווירקט. מיר אָבער האָבן זיך מער ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זיין „יושר" און זיינען צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. איך האָב שוין געהאַט אַ געוויסע דערפאַרונג פון קורסק און בין, פאַרשטייט זיך, באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין דער זעלבסט־שוץ־גרופּע. מיר, איך און אַ צענדליק חברים פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער גרופּע, זיינען געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און פון הויז צו הויז און געקליבן געווער און שפּיז. די באַלעבאַטים און די קרעמער האָבן זיך ברייטהאַרציק אָפּגערופן. פאַרשטייט זיך, אַז די רייכע האָבן פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיי צום ערשט באַשיצן ווען דער פּאָגראָם וועט אויסברעכן. די הויפּט־ביוראָ פון דער זעלבסטשוץ, וואָס האָט זיך גערופן אויף מיין פּאַרטיי־נאָמען „טיכאָנאָוו סאַמאָאָבאָראָנאַ", איז געווען איינגע־אָרדנט אין האַרץ פון יידישן געגנט, אין אַ שול אויף אַלעקסאַנדראָוו־סקע גאַס...

קיין פּאָגראָם איז ניט פאָרגעקומען. מעגלעך אַז די אויסלענדישע פּראָטעסטן האָבן געווירקט און מעגלעך אַז עס איז שווער געווען צו קריגן געדונגענע שלעגער. מיר האָבן יעדנפאַלס ניט געבענקט נאָכן פּאָגראָם.

דעם 11טן דעצעמבער האָט אויפגעהערט דער אייזנבאַן־סטרייק און מיט דעם האָט זיך אויך אויפגעלייזט דער ראָט פון אַרבעטער און סאָלדאָטן דעפּוטאָטן. ענדע פון דעצעמבער האָבן מיר זיך גענומען אָרגאַניזירן די האַלב־לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס זיינען פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס וועגן כאַראַקטער פון די פאַראיינען, צי זיי זאָלן זיין פּאַר־טייאישע אָדער אומפּאַרטייאישע. עס זיינען אויך געווען גענוג שטערונ־גען מצד דער פּאָליציי, באַזונדערס ביים רעגיסטרירן די באַאַמטע. פון קורסק האָב איך מיטגעבראַכט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין אָפיציעל אַמנעסטירט געוואָרן פון דער קלאָגע, האָב

איך זיך געפילט בעסער אונטער דעם פרעמדן פּאַספּאָרט, באַזונדערס ווען מען האָט מיך נאָך אַלץ אַרומגעזוכט אין קורסק...

עס דערמאָנט זיך מיר אַ געוויסע פאַרזאַמלונג פון דער עקזעקוטיווע פונעם שניידער־פאַראיין, ווען אַ גרופּע אַרבעטער האָבן אונדז געבראַכט אַ מתנה אַ לאָמפּ. און באַלד האָט זיך צעוויקלט אַ דיסקוסיע אַרום דעם לאָמפּ, צי וועט דער לאָמפּ באַלייכטן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, אָדער די אַרבעטער וועלן באַלויכטן ווערן פון קלאַסנקאַמף...

דעם 15טן יאַנואַר 1906 האָט געזאָלט פאַרקומען אַ זיצונג פון דעם קאָלעקטיוו, דעם שטאָטישן קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום 35 מיטגלידער. געווען איז עס אין אַ זונטאָג. צו דער גרופּע האָט אויך געהערט מאַרק כינאָי (דער איצטיקער מיטאַרבעטער פון „פאַרווערטס״, וועלכער האָט געהערט צו די וואַלד־זעגער. צי ער אַליין האָט דאָרט געאַרבעט אָדער האָט ער דאָרט בלויז אָרגאַניזירט די אַר־בעטער, ווייס איך ניט). ער האָט פאַר אונדזער זיצונג געקראָגן דעם געהילך־זאַוואָד אין ניזשנע־דניעפּראָווסק, אַ פאָרשטאָט פון יעקאַטערי־נאָסלאַוו, וואָס האָט געהייסן די ראָזענבערג־פאַבריק. געווען איז עס אין אַ זונטאָג און אַזוי ווי זונטאָג אַרבעט מען ניט, האָט אונדזער פאַרזאַמלונג פון עטלעכע און דרייסיק מענטשן באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער געהיים־פּאָליציי, אָדער עמעצער האָט אונדז איינפאַך אונטערגע־מסרט, און איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן צו עפענען די פאַרזאַמלונג זיינען מיר אַרונגערינגלט געוואָרן פון דער פּאָליציי פון אַלע זייטן. מען האָט אונדז געפירט איבער די גאַסן פון ניזשנע־דניעפּראָווסק ווי אויף אַן אמתן פּאַראַד. פאָראויס האָבן געריטן די פּאָליציי אויף פערד און אַרום אונדז אַ קייט פון דער „פּיעכאָטע״, די פוסגייענדיקע סאָלדאַטן, און הינ־טער אונדז — די רייטנדיקע קאָזאַקן. די גאַנצע צייט איז ווי אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף צווישן די פוסגייענדיקע סאָלדאַטן און די קאָזאַקן. ווי נאָר די קאָזאַקן האָבן געוואָלט אַ הייב־טאָן זייערע בייטשן אויף די אַרעס־טירטע, האָבן די סאָלדאַטן אויפגעהויבן זייערע ביקסן און זיי פאַר־פלאָנטערט... ערשט ביים טויער פון פּאָליצייסקער סטאַנציע, וואָס האָט געהייסן „מיכאַילאָווסקי אוטשאַסטאָק״, זיינען די פוסגייענדיקע סאָלדאַטן אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און אַ קאָזאַק האָט באַוויזן אַרומדרייען זיין בייטש איבער מיין האַלדז. איך בין נאָכדעם אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלענעם האַלדז.

מען האָט אונדז איבערגעפירט אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער טור־מע. דאָס איז געווען איינע פון די ערגסטע טורמעס אין מיין טורמע־קאַריערע. מען האָט איינגעשפּאַרט צו 125 מענטשן אין אַ קאַמער. די פּרויען האָט מען אַוועקגעפירט אין דער פרויען־טורמע. מיר האָבן דאָ אָנגעטראָפן פאַרשיידענע מענטשן. אַלץ אַרום איז געווען קויטיק און ברודיק. קיין בעטלעך זיינען דאָ ניט געווען, בלויז איין גרויסער טאַפּ־טשאַן פון ברעטער, וואו עס האָבן זיך געקענט אויסלייגן אַרום 20 מענטשן. די „אַלטע" אַרעסטאַנטן האָבן פאַרכאַפּט די פּלעצער און זיינען געשלאָפן אויף די נאַרעס, די נייע זיינען אָדער געשלאָפן, געלעגן אונטער דעם טאַפּטשאַן, אָדער אויפן דיל, און אַ סך זיינען געשטאַנען גאַנצע נעכט און טעג. צו אונדזער גליק האָט זיך צווישן אונדז געפונען איין מיט־גליד, וואָס איז געווען אַ זון פון דעם ניזשני־נאַווגאָראָדער (איצט גאָרקי) בירגערמייסטער, „גאַלאָוואַ", סאַוויעלעוו. דער פאָטער איז געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער האָט געפועלט מען זאָל אונדז אַרויסנעמען פון דעם גיהנם. מען האָט אונדז באַזעצט אין אַ הילצערנעם באַראַק, וואו מיר זיינען שיער ניט פאַרפרוירן געוואָרן. דער גאַלאָוואַ פון ניזשני־נאַווגאָראָד איז אָבער ניט אָפּגעפאָרן ביז מען האָט אונדז איבערגעפירט אין אַן אַנדער אָרט, וואָס האָט געהייסן „אַרעסטאַנסקע ראָטע". ענדלעך האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אין צוויי גרויסע קאַמערן וואָס זיינען געווען בשכנות און מיר האָבן ווייטער זיך געקענט טרעפן און פירן דיסקוסיעס.

ביי דער אויספאָרשונג האָבן מיר זיך אָנטזאָגט צו ענטפערן אויף פראַגעס. אַזוי ווי איך האָב געלעבט אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט און אויף מיין קוואַרטיר האָט זיך געפונען דאָס כלי־זיין פון זעלבסטשוץ, האָב איך ניט אָנגעגעבן מיין אַדרעס און האָב זיי בלויז אַרויסגעגעבן מיין אמתן נאָמען. אַלע אויספאָרשונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט דעם, וואָס דער פּאָליציי איז ניט געלונגען אויסצוגעפינען ווער מיר זיינען. מען האָט אונדז געהאַלטן אין טורמע ביז דעם 4טן אַפּריל.

דעם 3טן אַפּריל 1906 האָט עמעצער אַריינגעשאָסן דעם גובערנאַטאָר אַ קויל אין קאָפּ (מען האָט, דאַכט מיר, קיינעם ניט געכאַפּט). דעם זעלבן אויפדערנאַכט, אַרום 4 פאַרטאָג, האָט מען אונדז אויפגעוועקט און געהייסן זיך אָנטאָן און גרייטן זיך אין וועג, לויטן באַפעל פון דער פּאָליציי, אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין סיביר. אַרום 6 אינדערפרי, ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן צענדליקער פריינט

און קרובים פון די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געבראַכט צו טראָגן פעקלעך שפייז און קליידער. אין שטאָט האָב איך געהאַט אַ שוועסטערקינד, וועלכע האָט ניט אָנגעהערט צו דער באַוועגונג און זי האָט זיך אויך געפונען צווישן אונדזערע באַגלייטער. ווי אַזוי די קרובים האָבן זיך אַזוי גיך דערוואוסט וועגן אונדזער „גלות״ איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד, סיידן דאָס איז אויך געווען איינס פון די „ניסים״ פון דער אונטערערדי־שער באַוועגונג...

באַלד האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז אונדזער מאַרשרוט וועט דורכ־גיין קיעוו, קורסק, טולע, טשעליאַבינסק, סאַמאַראַ־טאַבאָלאַסק. אין קיע־ווער טורמע זיינען מיר פאַרבליבן צוויי טעג. איך האָב געלאָזט וויסן מיינע חברים אין קורסק וועגן מיין פאַרבייגיין זייער שטאָט, און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן שטאַטישן וואָקזאַל, האָבן שוין דאָרט אויף אונדז געוואַרט אַרום 500 מענטשן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גאַנצע דע־מאָנסטראַציע. אגב, ווען מיר האָבן דערגרייכט קורסק איז שוין אונדזער עטאַפּ באַשטאַנען פון אַרום 300 מענטשן. מען האָט אונדז געבראַכט אַ סך שפייז און נאַשוואַרג, אַזוי, אַז צוליב מיין באַקאַנטשאַפט מיט קורסק האָט די גאַנצע מחנה עטאַפּיסטן געגעסן... אגב האָט מען זיך פון דעם קורסקער קבלת פּנים דערוואוסט אין אַנדערע שטעט.

אין דער טולער טורמע זיינען מיר אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט. עס איז דאָרט אויך געווען זייער ענג, אָבער ניט צו פאַרגלייכן מיט יעקאַטערינאָ־סלאַוו. אין פענזאַ האָבן מיר באַקומען אַ מיליטערישן פּאַראַד. געווען איז עס דעם 20טן אַפּריל, דעם טאָג ווען עס איז דערעפנט געוואָרן די ערשטע דומע. די שטימונג איז דאַן געווען אַ פריילעכע. סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן אונדז באַגריסט און געשריען אַז מיר זאָלן זיך ניט ערגערן, ווייל מען וועט אונדז באַלד באַפרייען און שיקן אַהיים. דעם ערשטן מאַי זיינען מיר אָנגעקומען קיין טיומיין. אויפן וועג קיין טולע האָבן זיך אין אונדזער עטאַפּ אָנגעשלאָסן נאָך אַ גרופּע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס מען האָט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. דאָס זיינען געווען די, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין סעוואַסטאָפּאָל. אין דער גרופּע האָט זיך געפונען די שוין־דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערקע סאָפיאַ איזמאַאילאָוויטש, וואָס מען האָט פאַרשיקט אויף 20 יאָר קאַטאָרגע.

אין טשעליאַבינסק האָט מען אונדזער גרופּע פונאַנדערגעטיילט. אין טיומיין זיינען מיר כמעט געווען פריי. מען האָט זיך געגרייט אויף

אַ מאַניפעסט און דערפאַר ניט אַנטלאָפן אין מיטן דער רעלאַטיווער פרייהייט. די שטימונג איז אין אַלגעמיין געווען אַ געהויבענע. אין דער דומע זיינען געהאַלטן געוואָרן רעוואָלוציאָנערע רעדעס, און אַפילו אויפן וועג האָבן אונדז די סאָלדאַטן פון דעם קאָנוואָי געגעבן אָנצו־הערן, אַז אויב מיר ווילן אַנטלויפן, קענען מיר עס טאָן ביינאַכט, און מאַכן עס אַזוי, אַז מען זאָל אונדז ניט קענען געפינען... אָבער מיר זיינען ניט אַנטלאָפן, ווייל מיר האָבן געגלויבט אַז באַלד וועט מען אונדז צוריק אומקערן אַהיים.

אין מיטן דער וואַרטעניש זיינען מיר אַרויף אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז געפירט מיטן טייך אירטיש קיין טאָבאָלסק, און נאָכדעם אין די פאַרשיידענע דערפער.

אין סיביר; איך אַנטלויף

אונדזער גרופּע איז אַרונטערגעלאָזן געוואָרן פון שיף אין אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן נאָוואָיע סעלאָ (נייער דאָרף) אין מיטן נאַכט. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 31 מענער און איין פרוי, וואָס איז געפאָרן באַגלייטן איר מאַן. מיר האָבן אַלע אין זינען געהאַט אַנטלויפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט און דעריבער האָבן מיר אָנגענומען אַן איינשטי־מיקן קאָלעקטיוון באַשלוס קיינער פון אונדז זאָל ניט אויסזאָגן זיין נאָמען.

באַלד האָבן זיך אין אונדזער גרופּע, ווי מסתמא אין אַלע אַנדערע פאַרשיקטע גרופּעס, וואָס מען האָט פאַרשפּרייט איבער די שנייאיקע סטעפּעס ביי די ברעגעס פון אירטיש, באַוויזן פּראָבלעמען. די פּראָבלעמען האָבן זיך גענומען פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די פאַרשיידענע גרופּעס און זייערע פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטערן; עס זיינען אין די גרופּעס געווען מענטשן פון בילדונג און הויכער אינטעליגענץ און מענטשן פון דער „דעק" (אָפּגרונט), אַפילו מענטשן פון דער „אונטערוועלט". און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט הויזן מיט די נאָרמאַלע און געבילדעטע.

די איינוואוינער פון דאָרף האָבן אונדזער גרופּע, וואָס איז אגב גע־ווען איינהייטלעך צעמענטירט אידייאיש און גוט דיסציפּלינירט, אַרומ־געריגגלט מיט פריינטשאַפט, אונדז איינגעלאַדן צו זייערע פאַרזאַמלונגען און געבעטן שליכטן זייערע סכסוכים.

מיר האָבן באַלד איינגעשטעלט אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט דער שטאָט טאָבאָלסק, וואָס האָט אונדז צוגעשיקט אַ פאָרשטייער, וועלכער האָט אונדז געהאָלפן זיך איינאָרדענען. באַלד איז געגרינדעט געוואָרן אונדזער קאָ־מונע. מיר האָבן אָפּגעדונגען אַ הויז פאַר עטלעכע רובל אַ חודש און איינגעפירט אַ באַלעבאַטישקייט.

אַ גרויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט געהאַט די ווענערישע קראַנקהייט סיפיליס, האָבן מיר זיך דעריבער געהיט צו קויפן עסנוואַרג וואָס זייערע פרויען האָבן אָנגערירט; און כדי צו טרינקען

מילך, פלעגן מיר אַליין מעלקן די קי. פאַר פלייש פלעגן מיר קויפן אַ קעלבל אײדער ס׳איז געבוירן געוואָרן און דערנאָך אַליין געהאָדעוועט און געכאָוועט. ברויט האָבן מיר אַליין געבאַקן און פרישע פיש געקויפט גלייך נאָכן פאַנג ביים טייך. אַ באַזונדערע פריינטשאַפט האָט אונדז אַרויס־געוויזן דער דאָרפס־גלח, אַנטיפּיעוו, וועלכער האָט מיט אונדז סימפּאַטי־זירט און, וויסנדיק אַז די רעגירונגס־שטיצע איז קאַרג, האָט ער מיטגענומען אַ פּאַרטרעטער אויף זיין וועגעלע, ווען ער איז געפאָרן זאַמלען שפּייז ביי די אָרומיקע פּויערים. די פּראָבלעמען מיט די מענטשן פון דער „דעק״ האָבן מיר געפּרואווט לייזן דורך דיסציפּלינירן זיי און די וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט, האָבן מיר איזאָלירט, כאָטש גרינג איז זייער איזאָלאַציע אונדז ניט אָנגעקומען.

אונדזער דאָרף, די גאַנצע געגנט, האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער אינדזל, אַ מין אַרבל פונעם טייך אירטיש. פון איין דאָרף צום צווייטן האָט מען געקענט דערגרייכן דורך אַ שיפל אָדער אַ בריקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן פון ביידע זייטן מיט שטריק. די שיפלעך האָבן געהערט צו די פּויערים. ווען איינער פון אונדז איז אַנטלאָפן מיט אַ שיפל, פלעגן די פּויערים מאַכן אַ שוויגן. דער אַנטלאָפענער פלעגט זיך דערקלייבן ביז טאָבאָלסק, דאָרט אָנפילן די שיפל מיט שטיינער אָדער האָלץ און זי אָפּלאָזן צוריק צום באַלעבאָס. די מערסטע שיפלעך פלעגן זיך צוריק־קערן, אויב עס האָט זיך געמאַכט און אַ שיפל איז ניט צוריקגעקומען, האָבן מיר באַצאָלט דעם אייגנטימער פאַר זיין שאָדן.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער קאָמונע איז געווען זייער נעבעכדיק. דער רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ חודש וואָס יעדער איינער האָט באַ־קומען פון דער רעגירונג (מען האָט עס גערופן סטאָליפינס פּאַיאָק) האָט ניט געקלעקט און ווען ניט דער גלח, זכרונו לברכה, וואָס האָט געהאַט אַן איידל און וואַרעם האַרץ, און איז דערצו אַליין געווען דער פאָטער פון אַ זון אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכן מען האָט פאַרשיקט פון סיביר קיין אוקראַינע, — ווען ניט יענער גלח, וואָלט טאַקע געווען ביטער...

ווי שוין דערמאָנט האָבן מיר איינשטימיק באַשלאָסן ניט אויסזאָגן אונדזערע נעמען. פלעגט דער זשאַנדאַרם יעדן פרימאָרגן, ווען מיר זיינען נאָך געלעגן אין אונדזערע נאַרעס, ציילן די קעפּ, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פעלן צוויי „קעפּ״, האָט ער געלאָזט וויסן טאָבאָלסק און גלייך איז פון דאָרט געקומען אַ טשינאָווניק און אונדז צוזאַמענגערופן און שטרענג

געפאָדערט אים אויסצוזאָגן די נעמען פון די אַנטלאָפענע. מיר האָבן אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג ער זאָל אונדז געבן די 6 רובל וואָס אונדז קומט לויטן געזעץ (און ניט לויטן סטאָליפּינשן פּאַיאָק), ער זאָל אונדז צו־לייגן די איבעריקע געלט, וועלן מיר זיך אונטערשרייבן און ער וועט דעמאָלט וויסן אונדזערע נעמען. דעם טשינאָווניק איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל. ער האָט גלייך געבאָרגט געלט ביי אַ רייכן שכנותדיקן טאָטער און האָט אונדז אויסגעצאָלט. דעמאָלט האָבן מיר דווקא אונטער־געשריבן די נעמען פון די אַנטלאָפענע און מען האָט אַרויסגעשיקט טע־לעגראַמעס צו זוכן אַזעלכע, וואָס זיינען ניט אַנטלאָפן...

אַ געוויסע צייט נאָך אונדזער איינאָרדענען די קאָמונע זיינען מיר געפאָרן מיטן טייך אירטיש אין דער דערביאַיקער שטאָט בעריאָזאָוו צו לייזן דעם פּראָבלעם פון די „דעק"־מענטשן. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן פאַרשיקטן לעאָן טראָצקי און געהערט פון זיינע חברים ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן אים. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז ער זונדערט זיך אָפּ פון די אַנדערע פאַרשיקטע און קוקט אַראָפּ אויפן פּשוטן מענטשן...

דער וועג מיטן אירטיש, אַראָפּ וואַסער, איז געווען גרינג, ווייל די שיף איז אַליין געשוואומען מיטן שטראָם דערפאַר איז אָבער דער וועג צוריק אַנגעקומען שווער. מיר האָבן געדאַרפט שלעפּן די שיף מיט שטריק, ווייל עס איז אוממעגלעך געווען צו רודערן מיט וויעסלעס. דאָס האָט גענומען אַ טאָג און האַלב, ביז מיר האָבן דערזען אַ גרויסע שיף אויפן נאָמען פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. דער קאַפּיטאַן האָט אויף אונדזער סיגנאַל פאַראָרדנט אַראָפּצולאָזן שטריק און אַזוי האָבן מיר זיך דער־שלעפּט צוריק אין דאָרף.

ביז יולי זיינען שוין אַ סך פון די פאַרשיקטע געווען אַנטלאָפן צוריק און איך האָב זיך אויך אָנגעהויבן גרייטן צו מאַכן פּליטה, לויט דער ריי. איך האָב עס געוואָלט מאַכן לעגאַל האָב איך געשריבן צום גובערנאַטאָר אין טאָבאָלסק אַז איך בין קראַנק. איך דאַרף זיך היילן. אָוועקגעשיקט דעם בריוו און געוואַרט אויף אַן ענטפער און ניט קענענדיק זיך דער־וואַרטן האָב איך זיך געווענדט צו מיין גוטן גלח. ער האָט מיך פאַר־שטעלט, אָנגעטאָן דאָס היטל פון זיין משרת און געבראַכט צו דער שיף, וואָס איז דורכגעפאָרן דעם צווייטן דאָרף, און מיט דער הילף פון זיין טאָכטער בין איך אַרויפגעטראָטן אויפן שיף אַלס אַ חולה מסוכן...

ביז טאַבאַלסק בין איך געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון זיין טאָכטער. דאָרטן בין איך באַגעגנט געוואָרן פון זיינעם אַ שוואָגער, אויך אַ גלח, וועלכער האָט מיך גענומען צו זיך אַהיים, וואו איך בין געווען אַ פּאָר טעג. די פּאַרטיי־אָפּטיילונג האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ פּאַספּאָרט און ווען אַ צווייטע שיף האָט געדאַרפט דורכפאָרן, האָט דעם גלחס טאָכטער אַרויפגעטראָגן מיינע זאַכן אויף דער שיף. איך בין געשטאַנען פונדער־ווייטן און אַ רגע פאַרן אָפּגיין, איידער מען האָט צוגענומען די קלאַדקע, בין איך אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שיף און בין פאַרפאָרן ביז טשומיען, וואו איך האָב זיך גלייך פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיך דיריגירט קיין יעקאַטערינבורג (איצט סווערדלאָווסק). דאָרט האָב איך זיך געלאָזט דערקענען דורך אַריינגיין אין אַ בוד־געשעפט און פאַר־לאַנגען פאַר צען קאָפּיקעס תרי״ג מצוות. איך בין דאָרט פאַרבליבן 1 טאָג. קיין געלט האָב איך ניט געהאַט, האָב איך געשריבן צו מיינע קורסקער חברים מיר שיקן געלט קיין ניזשני נאָווגאָראָד (איצט גאָרקי) און גע־נומען די באַן קיין פּערם און פון דאָרטן געפאָרן מיט אַ שיף אויף דער וואָלגע גאַנצע אַכט טעג. אויף דער רייזע האָב איך זיך באַקענט מיט פאַרשיידענע טיפּן פּויערים, וואָס האָבן עולה־רגל געווען קיין קיעוו צו רעליגיעזע צערעמאָניעס, אויך טאַטערן און אַנדערע.

געקומען קיין ניזשני, בין איך גלייך אַריין אויף דער פּאָסט זיך נאָכפרעגן נאָכן געלט פון קורסק. אַ בריוו איז געווען, אָבער מען האָט מיר עס ניט געוואָלט אַרויסגעבן, ווייל אויף מיין פּאַספּאָרט איז ניט געווען קלאָר דער נאָמען פון דאָרף. אין וועלכן איך בין געבוירן גע־וואָרן. ניט קענענדיק זיך אַן עצה געבן, האָב איך זיך דערמאָנט אָן בירגערמייסטער מיט וועמענס זון איך בין צוזאַמען געזעסן אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער תפיסה. איך בין אַוועק אים אָפּגעבן אַ גרוס פון זיין זון. ער האָט באַלד געשיקט אַ משרת אין פּאָסט און מען האָט מיר געבראַכט דעם בריוו מיטן געלט. פון ניזשני בין איך אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, דאָרט זיך געטראָפן מיט דער אָרגאַניזאַציע און באַלד אָפּ־געפאָרן קיין קורסק.

אין קורסק בין איך האַרציק אויפגענומען געוואָרן פון מיינע חברים, וועלכע האָבן איינגעאָרדנט לכבוד מיר אַ פאַרזאַמלונג אין אַ וועלדל הינטערן „מאָסקווער טויער" און די פאַרזאַמלונג איז באמת געווען פאַר מיר אַ גרויסע דערמוטיקונג. איך האָב באַמערקט, אַז די אָרגאַני־

זאַציע איז געוואַקסן, עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן מענטשן פון קעגנערישן לאַגער. אויך דער פאַרזאַמלונג זיינען אָנוועזנד געווען אַרום 50 מענטשן.

לאַנג האָט די פאַרזאַמלונג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד זיינען אָנגעפאָרן קאָזאַקן און די פאַרזאַמלטע זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע ריכטונגען. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן צווישן קראָפּעווע, וואו איך בין שטאַרק צעברענט געוואָרן און בין נאָכדעם אָפּגעלעגן גאַנצע דריי טעג קראַנק. עס איז געווען אַ נס וואָס איך בין ניט צעטראָטן געוואָרן פון די קאָזאַקישע פערד, וועלכע זיינען געשפרונגען איבער מיר.

ווען איך האָב זיך ענדלעך דערשלעפּט אין שטאָט און געטראָפן מיינע חברים האָבן זיי באַשלאָסן מיך לאַנג דאָ ניט האַלטן און מיך משלח זיין קיין קיעוו.

מיט דעם סיבירער פּאַס אין קעשענע, אויפן נאָמען פון אַ פּויער, האָב איך זיך געלאָזט קיין קיעוו. דאָרט האָב איך זיך געדאַרפט „באַקענען", דורך אַריינגיין צו אַ ציין־דאָקטאָר און אים זאָגן, אַז איך וויל זיך לאָזן אַרויסנעמען אַ פּאָר ציין פאַר 20 קאָפּיקעס... דער ציין־דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען און מיך געשיקט אין אַן אייזן־געשעפט צו „קויפן אַ מעסערל פאַר 5 קאָפּיקעס", און אַזוי אַרום האָב איך זיך פאַרקניפּט מיט דער אָרגאַניזאַציע.

קיין וואוין־רעכט אין קיעוו האָבן יידן, ווי באַוואוסט, ניט געהאַט. דאָ האָט צוגעהאָלפן דער פּויערשער פּאַספּאָרט. מען איז אָבער מיין וואוינונג באַפאַלן און איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פון אַרעסט דורך אַנגרייטן 5 רובל אין די פאַלדן פון מיין פּאַספּאָרט... ווען זיי האָבן אָפּגעשטעקט דאָס געלט, האָב איך זיך געמאַכט שלאָפנדיק... געטראָגן האָב איך אַ פּויעריש היטל און כ'האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן די פּויערים, וואָס זיינען געקומען צו גאָטעס־דינסט. איין מאָל, ווען איך האָב שפּאַצירט אין גאָס און האָב דערשפּירט אַז שפּיאָנען פאָלגן מיר נאָך, בין איך ביים קלויסטער, אונטער די קלאַנגען פון די קלינגענדיקע גלעקער, געפאַלן אויף די קני און זיך געצלמט... ביז די שפּיאָנען זיינען שוין ניט געווען...

מיר איז געלונגען צו קריגן אַן אַנדער פּאַספּאָרט וואָס האָט מיר דערמעגלעכט צו וואוינען אומעטום. איך האָב באַקומען אַרבעט און כ'האָב זיך ביסלעכווייז איינגעאָרדנט. מיר זיינען באַלד צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אָרגאַניזירט אַ סטרייק פון די שניידערס אין

קיעוו. דער סטרייק איז געווען אַ דערפאָלג. איך האָב געאַרבעט און געסטרייקט אויף לודמורס מאַגאַזין אויפן קרעשטשאַטיק (אַ געשעפטס־גאַס).

דאָס איז געווען אין 1906, ווען די רעגירונג האָט צעטריבן די דומע און מען האָט זיך געגרייט צו די וואַלן פון דער צווייטער דומע. עס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען הייסע דיסקוסיעס צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן געשטרייט צווישן זיך צי מען זאָל גיין פאַר־אייניקט צו די וואַלן מיט די קאַדעטן (די מענשעוויקעס) אָדער אַרויס־שטעלן אייגענע קאַנדידאַטן (באָלשעוויקעס). אין דעם וואַל־קאָמיטעט זיינען דעמאָלט געווען די באַוואוסטע בונדיסטן ב. וולאַדעק — דער יונגער לאַסאַל, און מאַקס גאָלדפאַרב.

עס איז פאַררופן געוואָרן אַ וואַל־קאָנפערענץ, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון דער פאָליצײַ. אין מיטן איבערפאַל האָב איך צעריסן מיינע פאַפירן. צווישן מיינע צעריסענע דאָקומענטן איז אויך געווען דער פאַס־פאָרט, וואו איך האָב פיגורירט אַלס קאַראַאימער.

ווען פאָליצײַ האָט מיך גענומען אויספרעגן ווער איך בין, איז מיין ענטפער געווען — „קיינער ניט".

דעם דאָזיקן שפּאַסיקן ענטפער האָב איך, אגב, ניט איינמאָל גענוצט און דער הומאָר פלעגט העלפן אָפט ביי אַזעלכע געלעגנהייטן. הערנדיק אַז מיין נאָמען איז „קיינער ניט", האָבן די צאַרישע אַגענטן עס אָנגענומען, אַז איך וויל ניט אויסזאָגן מיין אמתן נאָמען. זיי האָבן מיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע אַרעסטאַנטן און אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן קאַמער, וואו עס איז געזעסן אַ שפּיאָן. איך האָב אָבער אויך מיט אים זיך געוויצלט. „אין דיינע ציווילע קליידער", האָב איך געזאָגט דעם שפּיאָן, „קוקסטו דאָך אויס מיט מענטשן גלייך, אָבער אין דיין זשאַנדאַרמסקן האַרץ זיצט אַ טייוול. איך האָב מער אַכטונג פאַר אַ געוויינלעכן גאָראָדאָוואָי, ווי פאַר דיר, פאַרשטעלטער! צבועק!"

איך האָב זיך באַטראַכט אַז אַזוי ווי מיין פאַספאָרט האָט מען מיר געמאַכט אין קיעוו און עס איז ניט אויסגעשלאָסן מען זאָל מיר „מאַכן" אַן אַנדערן, האָבן איך אָנגעגעבן דעם נאָמען פון פאַספאָרט: סאָלאָמאָן מאָיסעיעוויטש קאָהען. קיין אַדרעס האָב איך זיי ניט געגעבן. באַלד האָט מען די אַרעסטירטע צעטיילט אין גרופּעס און עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פּראָפעסיעס, ווי שרייבער, דאָקטוירים. אין איין גרופּע איז אויך געווען דער באַרימ־

טער טשאַרני וולאַדעק, וואָס האָט דאַן מיטגעאַרבעט אין דער קיעווער ליבעראַלער צייטונג „מיסל״, מאַקס גאָלדפאַרב און א דאָקטאָר פון לוקיאַ־נער שפּיטאָל, פּליישמאַן. מען האָט אונדז געהאַלטן אין איין אַרומשלעפּן אין פאַרשיידענע פּאָליציי־אָפּטיילונגען. מיר האָבן געהאַלטן אין איין טענהן אַז מיר האָבן זיך בלויז פאַרזאַמלט אין דער שול צו פאָדערן ביל־דונגס־רעכט פאַר פרויען.

דערווייל האָבן זיך געענדיקט די דריי חדשים, וואָס דער גובער־נאַטאָר האָט געהאַט רעכט צו האַלטן די אַרעסטירטע פאַר אָנטיילנעמען אין אַן אומלעגאַלער אסיפה. מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין טורמע און צוגעשטעלט די באַשולדיקונג: געהערן צו אַן אומלעגאַלער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס וויל שטירצן די רעגירונג מיט גוואַלד. נאָך דער באַשול־דיקונג זיינען פילע פון אונדז ארויסגעלאָזן געוואָרן אויף „קאַאוציע״ (בעיל). איינער, אַ געוויסער גאַרבער, האָט זיך באַמיט מיך אויך צו באַפרייען, אָבער ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט מיין קאַראַאימער פּאַס און האָט גאָר אָנגעגעבן אַז איך בין זיינער אַ פּלימעניק. דאָס האָט פאַר־שווערט מיין לאַגע.

מען האָט מיר צו וויסן געלאָזן, אַז מען גרייט זיך מיך צו פאַרשיקן און טאַווריער גובערניע כדי פעסטצושטעלן מיין אמתן קאַראַאימער נאָ־מען, צי איך געהער טאַקע צו דער סעקטע. איך האָב ניט געהאַט קיין גרויס חשק דורכצומאַכן נאָכאַמאָל דעם גאַנג מיטן עטאַפּ, וואָס איז אַן אמתערליידנס־וועג, שווער פיזיש און געפערלעך מאָראַליש, ווייל מען שלעפּט זיך חדשים לאַנג אין דער חברה פון גנבים און אַנדערע אמתע „פאָרשטייער״ פון אַ פאַרברעכערישער געזעלשאַפט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אויסזאָגן מיין אמתן נאָמען און אויסזאָגן אַז איך בין אַנטלאָפן פון סיביר און פאַרלאַנג מען זאָל מיך צוריק שיקן אין לאַנד פון די שנייען.

געטראַכט, באַשלאָסן און אָנגעשריבן אַ בריוו צום פּראָקוראָר. אין אַ געוויסן אינדערפרי פון חודש מערץ, 1906, זיינען געקומען צוויי פּאָ־ליציאַנטן און מיך אַוועקגעפירט אין דער ביוראָ וואָס האָט זיך געפונען אַפן סאָפּיעווסקער פּלאַץ. איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכן און גלייך ווי איך בין אַרויס אויפן גאַס האָבן זיך ביי מיר אין מוח געטומען וועבן פּלענער ווי אַזוי צו מאַכן אַ נייעם „ויברח״ — אַנטלויפן. איך האָב

פאַרלאַנגט אַ וואָגן אָבער זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז דאָס איז פאַרבאָטן. זיי האָבן מיר אָבער דערלויבט צו פאָרן מיט דער טראַמווי.

מיר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט לעבן מאָטאָר, וואו די טיר איז געווען האַלב אָפן. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אַרויפגעשלעפּט מיינע זאַכן וואָס זיינען געווען פאַרפּאַקט אין אַ לייוונטענעם זאַק מיט צוויי שטעקנס. ווען מיר האָבן געדאַרפט בייטן די טראַמווייַ האָבן די סאָלדאַטן אָנגענומען דעם זאַק פאַר די שטעקנס און אַראָפּגעטראָגן די זאַכן אין גאַס. איך האָב באַלד אויסגענוצט די געלעגנהייט פון זייער אָפּוועזנקייט, בין דורך דער האַלב־אָפענער טיר אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמווייַ. איך בין אַריין אין אַ הויף און זיך באַהאַלטן אין אַ שטאַל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך אַרויף אויפן דאַך פון דער שטאַל. געטראַכט האָב איך, אַז דער דאַך איז געבויט ווי אַ קראָקווע, אין מיטן הויך און פון ביידע זייטן נידעריק, אָבער איך האָב געמאַכט אַ טעות. דער דאַך איז געווען הויך. מורא־האָבנדיק אַז מען וועט מיך באַמערקן, האָב איך זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון דאַך, האָב איך קריכנדיק פאַרטשעפּעט מיין מאַנטל, וועלכער האָט זיך צעריסן אויף צוויי. איך האָב זיך אַרויסגעשיילט פון צעריסענעם מאַנטל, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און אָפּגעקומען מיט אַ צעניזקטן פוס.

הינקענדיק האָב איך באַוויזן זיך דורכצושלעפּן אַ פּאָר ראָג פון אַ גאַס און האָב דערזען מאַקס גאָלדפאַרבן. ער האָט מיך געוואָלט באַגריסן אויף דער „פרייהייט", אָבער איך האָב אים דערקלערט מיין לאַגע. ער האָט מיר געגעבן אַ פּאָר רובל און איך האָב געדונגען אַ קאַרעטע וואָס האָט מיך אָוועקגעפירט צו דעם דערמאָנטן גאַרבער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה, ניין טעכטער און איין זון. ער האָט געהאַט אַ שניידעריי, וואו ער און די משפחה האָבן געאַרבעט. ער האָט באַלד מיך באַקאַנט מיט די טעכטער און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזן מודיע צו זיין מיינע חברים וואו איך געפין זיך.

די גאַרבער־משפחה איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע. דער אַלטער האָט געשטיצט די באַוועגונג, ווייל ער איז געווען אַ טיף־גלויביקער אין תנ"ך, וואָס הייסט קעמפן פאַר פרייהייט קעגן טיראַניע און באַטראַכט די קעמפער פאַר שליחים פון גאָט; דערצו זיינען גאַרבערס קינדער מיר געווען באַזונדערס דאַנקבאַר, ווייל איך האָב זיינעם אַן איידעם מיט אַ צייט

צוריק געהאָלפן אַנטלויפן פון קורסק, אין צייט פון יאַפּאַנעזישער קריג, קיין לאָנדאָן.

בקיצור, עס האָט ניט גענומען לאַנג און אין מיין באַהעלטעניש האָבן זיך באַוויזן חברים. עס איז געווען ווי אין פסוק שטייט: „ויגלח ויחלף שמלותיו״, — מען האָט מיך אָפּגעראַזירט, אָנגעטאָן אין סטודענטסקע קליידער און שוואַרצע ברילן און מיך אַוועקגעפירט אין אַ היים פאַר סטודענטן, וואו איך בין פאַרבליבן אַן ערך 5 טעג. אין צווישן האָב איך געלייענט אין אַ קיעווער צייטונג אַז סאָלאָמאָן קאָהען איז אַנטלאָפן (זיי האָבן גאָרניט איבערגעגעבן, אַז איך האָב זיי אויסגעזאָגט מיין אמתן נאָמען).

עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב ווידער משנה השם געווען. איך האָב באַקומען אַ נייעם פּאַספּאָרט אונטערן נאָמען אברהם יאַקאָווליעוו בערעסטעצקי, און בין אַוועק קיין אָדעס.

אין אָדעס

קיין אָדעס בין איך אָנגעקומען מיט אַ „יאַווקע", אַ רעקאָמענדאַציע צו איינעם ניסים, דער סעקרעטאַר פון דעם דאָרטיקן שניידער פאַראיין, וועלכער האָט מיך געדאַרפט פאַרבינדן מיט דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער האָט מיך פאַרבונדן מיט אַ חבר לוגאַנסקי, וואָס איז געקומען פון דער שטאָט לוגאַנסק און איך בין באַלד איינגעאָרדנט געוואָרן ביי מיין שניידער־פאַך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין שותף איז אויך געווען אַ „צאַצקע". נאָר וועגן אים וועט נאָך אויסקומען צו ריידן.

אין אָדעס האָב איך באַלד געקראָגן דעם צוטרוי פון דער באַוועגונג אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שניידער־פאַראיין און איך בין באַלד אַריין אין דער פאַרוואַלטונג. איך האָב אויך געהאַט די מיסיע צו אָרגאַניזירן די וועשער־אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין פאַך־פאַראיין. די אַרבעטער פון אָדעס פלעגן זיך דעמאָלט צונויפקומען אין די „טראַקטירן", טיי־הייזער, וואָס זיינען געווען די זאַמל־פונקטן פאַר די אַרבעטער. איך בין געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין די טיי־הייזער און בין אויך געווען טעטיק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וואו איך האָב אָנגעפירט מיט דער שניידער־סעקציע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז, ווי שוין דערמאָנט, דאַן געווען צעטיילט אויף מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. עס איז דאַן געווען די צייט פון דער דומע און די פאַרטיי איז געווען לעבעדיק אַקטיוו. מען האָט זיך געגרייט צו אַ קאָנפערענץ. אין דער לייכטער אינדוסטריע האָבן די מענשעוויקעס געהאַט די איבערהאַנט, אַזוי ווי איך האָב געהערט צו דער לינקער גרופע, האָב איך ניט געהאַט קיין שאַנס דערוויילט צו ווערן, האָט מיך דער קאָמיטעט באַשטימט אין דער מאַנדאַט־קאָמיסיע איבערצוקוקן די „קרעדענשעלס".

פלוצלינג האָט דער צאַרישער רעזשים צעטריבן אויך די צווייטע דומע און די לינקע פאַרטייען, וועלכע זיינען זיך צונויפגעפאָרן אין העלסינגפאָרס (העלסינקי), פינלאַנד, האָבן דעמאָלט אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו

דער באַפעלקערונג צו באַיקאַטירן די רעגירונג, ניט צאָלן קיין שטייערן אאַז"וו, וואָס האָט געפירט צו גרויזאַמע באַשטראָפונגען, ווי תפיסה און סיביר.

דעם 2טן יוני האָבן מיר פאַררופן אין פאַראיין פון די קאָמאַשן־שטעפּער אַ קאָנפערענץ און איידער מיר האָבן צייט געהאַט גוט־צו־הייסן די דעלעגאַטן, האָט מען אונדז אַרעסטירט און עס האָט זיך איבערגע־חזרט די זעלבע פּראָצעדורע וואָס אין קיעוו. מיטן אונטערשייד וואָס דאָ האָבן מיר אויף דער באַשולדיקונג ניט געענטפערט, נאָר מיר האָבן איבערגעגעבן אונדזערע פּאַספּאָרטן. ווען עס איז געקומען מיין נעקסט האָב איך געענטפערט: איך בין פאַר אים, דאָס הייסט פאַר דעם נאָמען וואָס איר האָט דערמאָנט, דעם נאָמען פון מיין פאַלשן פּאַספּאָרט...

ביי יענער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַרום עטלעכע־און־צוואַנציק מענטשן און אַלע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף קאַרגע צוויי חדשים און נאָכדעם האָט מען אונדז פאַרשיקט אין שטעטל טיראַספּאָל, כער־סאָנער גובערניע.

אין טיראַספּאָל האָט זיך, בעת מיין פאַרהער, אָפּגעשפּילט אַ קור־ריאָזער אינצידענט, וואָס האָט דערלייכטערט, פאַרגרינגערט מיין סיטואַציע. בשעתן אַרויסרופן די נעמען, האָט מען מיך גערופן דעם ערשטן, כאָטש איך בין געווען דער לעצטער אויפן צעטל. איך האָב גלייך גענומען ציטערן, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומגעריכטן „לאַנדסמאַן". אין פּאַספּאָרט איז געווען פאַרצייכנט אַז איך בין פון שטעטל סקווערע און דער אויספרעגער איז געווען אַ סקווערער. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר און מיך געפרעגט צי איך גע־דענק אים פון סקווערע. איך האָב געפרעגט זיין נאָמען, „ווייל איך קאָן אים ניט דערקענען לויטן פּנים"... ער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען און איך האָב, מיט אַ געמאַכטער פרייד, זיך דערקענט צו אים. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים און צוגעזאָגט מיך איינצואָרדענען אויף אַרבעט אין טיראַספּאָל. פאַרן אַוועקגיין האָט ער דער גאַנצער גרופּע אָנגעזאָגט זיך צו מעלדן צו אים קומענדיקן מיטוואָך.

באַלד זיינען מיר אַוועק אין שטאָטישן גאָרטן, אָפּגעהאַלטן אַ פאַר־זאַמלונג און באַשלאָסן אַז דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע זאָל זיך צעפאָרן. בלויז אַ קליינע צאָל איז פאַרבליבן.

געוויינלעך, ווען מען פלעגט עמעצן פאַרשיקן, פלעגט מען ביי אים

צונעמען דעם פּאַספּאָרט. אונדזערע פּאַספּאָרטן האָט מען ניט צוגענומען. מיין פּאַספּאָרט איז געווען פאַר מיר ווערטלאָז און אַזוי ווי, לויט אים, האָב איך געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד, האָב איך דעם פּאַספּאָרט אַוועקגעגעבן מיין חברטע ראַכיל (וועלכע איז היינט אין ניו יאָרק) און איר אָנגעזאָגט צו דערקלערן, אַז זי איז געווען מיין באַגלייטערין און איצט פאָרט זי צוריק.

וועגן דער צאַצקעדיקייט פון מיין „חבר" לוגאַנסקי און זיינע „שיינע מעשים" בין איך געוואויר געוואָרן אין אָדעס פון דערפאַרונג. מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען. דעם ערשטן חודש האָב איך געצאָלט דירה־געלט און געהאָפּט אַז ער וועט צאָלן דעם צווייטן; דאָס זעלבע פאַר עסן... ווען מען האָט מיך אַרעסטירט האָב איך אים באַפוילן מיר צו ברענגען, אָדער שיקן אַ ליילעך מיט אַ קישן, וועש און קליידער. איך האָב פון אים אָבער קיין וואָרט ניט געהערט. מיין פרוי האָט זיך געמאָלדן צו אים אַלס מיין כלה, האָט זי מיר איבערגעגעבן אַז זי קען אים נישט געפינען; ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, באַקומען אַ נייעם פּאַספּאָרט און זיך איינגעאָרדנט אויף מיין נייער דירה, האָב איך געוואָלט אַריבערנעמען אַהער מיין ביבליאָטעק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַלע מיינע זאַכן פאַרקויפט און פאַרמשכנט...

מיין פּריוואַט לעבן, ווי אויך די אַקטיוויטעט פון די אַרבעטער־פאַראיינען בעת מיין צוריקקער קיין אָדעס, האָט זיך ווידער נאָרמאַליזירט. מיר האָבן איצט געאַרבעט אין דער ריכטונג פון אַרויסרופן אַ סטרייק. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז נאָך געווען לעגאַל און עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ צאָל קליינע פאַבריקן.

אָדעס איז געווען אַן אימיגראַנטן־שטאָט. עס פלעגן אַהין אָנפאָרן אַ סך יידן פון פאַרשיידענע שטעטלעך. זיי פלעגן עסן און שלאָפן ביי די באַלעבאַטים. בעת מיר האָבן אַרויסגערופן דעם סטרייק, איז אויסגעקומען אַז די זעלבע סטרייקנדיקע אַרבעטער דאַרפן גיין עסן און שלאָפן ביי די באַלעבאַטים. דאָס האָט דער פאַראיין און די פּאַרטיי אויסגעפירט דורך ספּעציעלע וואָרנונגס־שלוחים צו די באַלעבאַטים און זיי, די באַלעבאַטים, האָבן געמוזט נאָכגעבן אויס מורא.

ווען דער סטרייק האָט זיך פאַרענדיקט האָב איך זיך געפונען מער־ווייניקער אין גוטן עקאָנאָמישן מצב. איך האָב זיך דאָן באַקאַנט מיט אַ מיידל, מיין איצטיקע פרוי, און מיר האָבן געדונגען אַ נייע דירה אויף

דער פּושקין גאַס, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַן אַריסטאָקראַטישער געגנט. באַלד ווי מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער נייער היים איז געקומען דער „חבר״ לוגאַנסקי און זיך געבעטן ביי אונדז מיר זאָלן אים אַריינגעמען אין אונדזער וואוינונג, ווייל ער גרייט זיך צום פּריזיוו. באין ברירה האָבן מיר אים אַריינגענומען, און שפּעטער, צוליב זיינע מעשים טובים, געמוזט אויפגעבן די וואוינונג, אַבי פּטור צו ווערן פון דעם שלעכטן שכן. ער איז געווען אַ געפערלעכער קאָרטן־שפּילער, האָט פאַרשפּילט אַלץ וואָס ער האָט פאַרדינט און מיר האָבן אים געדאַרפט קאָרמענען...

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַן אַנדער וואוינונג, אינאיינעם מיט אַ פּאָר־פאָלק וואָס וואוינען איצט אין שיקאַגאָ, זיינען אַרויפגעאַר־בעטע ביזנעסלייט און זיינען סימפּאַטיש צו פּראָגרעסיוון געדאַנק...

די וואוינונג האָבן מיר געדונגען ביי אַ קאַפּיטאַן פון דער פּאָליציי און עס איז אונדז געווען גוט ווי די וועלט. ביז איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים פון דער אַרבעט, האָבן מיר געטראָפן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, איבערגעקערט די בענקלעך, דאָס טישל, די בעט צענומען און אויפן פענצטער אַ צעטעלע וואָס האָט זיך געלייענט: „איך האָב אָפּגעפונען דיין אַדרעס — דיין שוועסטער מלכה. ווער איז די „שוועסטער״?

אין יענער צייט האָב איך געלעבט אויף אַ פאַספּאָרט, וואָס אַ שפּי־טאָל־שוועסטער האָט מיר געגעבן פון איינעם וואָס מען האָט געפונען אין גאַס אַ טויטן. האָט זיך געמאַכט, אַז זיין שוועסטער איז געקומען קיין אָדעס, האָט אָפּגעזוכט זיין אַדרעס אין שטאַטישן אַדרעסן־בוך און אים געוואָלט מאַכן אַ „סיורפּריז״ דורך אָפּשטאַטן אים אַן אומגעריכטן באַ־זוך, און דעריבער האָט זי זיך באַוויזן אין זייך־מיין וואוינונג, ווייל איך בין דאָך געווען — ע ר. פאַרשטייט זיך אַז צוליב דעם אומגעריכטן וויזיט פון דער „שוועסטער״ מלכה, האָב איך געמוזט אויפגעבן די וואוינונג און טאַקע זוכן אַן אַנדער פאַספּאָרט. איך האָב טאַקע באַלד געקראָגן אַן אַנדער פאַספּאָרט, אַ שיינע דירה און אַפילו אַ הינטעלע, וועלכער האָט שפּעטער געהאַט אַ געוויסע פּאָליטישע באַדייטונג...

אין אָדעס האָב איך אָפּגעוואוינט אַן ערך אַכט־ניין חדשים, בין געווען טעטיק אין דער באַוועגונג, אָבער ווידער האָט מען פאַרבאָטן די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען. די רעאַקציע האָט זיך געשטאַרקט און מיר האָבן

אָנגעהויבן ליקווידירן די פאַראייגען. איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון דער ליקווידאַציע־קאָמיסיע אין שניידער־פאַראיין. איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן אָפּצופאָרן פון אָדעס.

אין יענער צייט איז פון פענזע אַראָפּגעקומען קיין אָדעס אַ שניידערין, מאַרפאַ, און איך האָב איר געדאַרפט איבערגעבן מיינע סעקרעטאַרישע פונקציעס. און דאָ הויבן זיך אָן מיינע נייע צרות. מיין פרוי, דאַן מיין כלה, האָט געהאַט אַ געוויסן פריינט, סאָלאָמאָן בעקער, צו וועלכן איך האָב קיין גרויס צוטרוי ניט געהאַט. איינמאָל, ווען איך האָב געהאַלטן ביים פאַקן מיינע און רעבעקאַס (מיין פרויס מיידלשער נאָמען איז רעבעקאַ סטריזשעוסקאַיאַ, „די געשאָרענע רעבעקאַ”) איז דער סאָלאָמאָן אַריינגעקומען. איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל וויסן וואוהין איך קלייב זיך אַריבער, אָבער אַזוי ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיטן פאַקן און בין אַרויס פון טויער, איז סאָלאָמאָן מיר נאָכגעגאַנגען און האָט אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן פון הינטעלע, וועלכער האָט נאָך באַוויזן מיר נאָכצוגיין ביז דער נייער דירה. איך האָב די צעבלוטיקטע חיה באַלד אַריינגענומען אין אַפּטייק, וואו מען האָט אָפּגעשטעלט דאָס רינענדיקע בלוט זיינס. די בלוט־שפּורן פון הינטל האָבן געפירט צוריק צו מיין אַלטער וואוינונג. אויפן מאָמענט איז מיר איינגעפאַלן, אַז סאָלאָמאָן האָט פאַרוואונדעט דאָס הינטעלע, כדי ער זאָל וויסן וואוהין רעבעקאַ קלייבט זיך איבער. אָבער שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז דער סאָלאָמאָן איז געווען אַן איינפאַכער פּראָוואָקאַטאָר.

אין מיטן נאַכט האָבן מיר דערהערט אַ געבראַזגעריי און באַלד האָבן די זשאַנדאַרן אויפגעבראָכן די טיר און זיינען אַריין אין הויז. מיין הינטל האָט זיך געוואָרפן אויף אַ זשאַנדאַר, אים צעריסן דעם מאַנטל. איך האָב אים באַרואיקט. זיי האָבן דורכגעפירט אַ הויז־זוכונג און צוגענומען אַלע ביכער און פּאַפּירן מיט פאַרשיידענע פאַרשריבענע נעמען, מיך געצוואונגען אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, און אַלץ פאַרנומען. זיי האָבן אונדזביידן, מיך און רעבעקאַן, אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. מיר זיינען דאָרט פאַרבליבן דריי טעג און די גאַנצע צייט געהערט דאָס וואָיען פון אונדזער געטריי הינטעלע. אויפן פערטן טאָג האָט מען אונדז געפירט אין דער זשאַנדאַרמען־ביוראָ, אונדז באַוויזן די טריפהנע פּאַפּירן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ בריוו צו רעבעקאַן אין וועלכן ס'איז געווען געשריבן אַז זי זאָל קריגן

און מיר איבערשיקן קיין טיפליס אַ „קאַראַאימער פּאַספּאָרט". דעמאָלט האָב איך אויסגעפונען, אַז אין יענער נאַכט האָט מען געמאַכט הויז־זוכונגען אין נאָך זיבן הייזער, צווישן זיי אויך ביי סאָפּיע סטאַמלער, וואָס מען האָט שפּעטער, אין די פּאַלמער־צייטן, אַרויסגעשיקט פון אַמעריקע; ביי אברהם וואָיסקאָבאָיניקאָוו, וואָס האָט אין אָדעס אנטיילגענומען אין אַ געוויסער קאָמיסיע, וועלכע מיר האָבן גערופן די „סמעשנאַיאַ קאָמיסיאַ" (די געלעכטער־קאָמיסיע), און ביי נאָך חברים, ביי וועלכע מען האָט בלויז צוגענומען די פּאַפּירן און זיי איבערגעלאָזן אין דער היים. אַזוי אַרום איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן....

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ געראַנגל צווישן מיר און דעם פּראָקוראָר. איך האָב זיך אנטזאָגט צו אָנערקענען די אַנדערע דאָקו־מענטן, חוץ די ביכער פון פּאַראיין, אַלס מיין אייגנטום און געהאַפּט דורכדעם זיך אַרויסדרייען פון דער באַשולדיקונג, לויטן ביישפּיל פון די אַנדערע חברים. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער אָדעסער טורמע, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט הויכע ווענט.

די דאָזיקע טורמע איז באַרימט געוואָרן דורך אַ ריי לידער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער סטראָפע: „אין אָדעס אויף כערסאָנער גאַס שטייט אַ געביידע, אַרומגערינגלט" — — —

אין אָדעס איז דעמאָלט געווען אַ קאָמיסיע וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צושטעלן אומזיסטע אַדוואָקאַטן די פּאָליטיש־אַרעסטירטע. אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע איז געווען אַניטאַ סאראטא (שפּעטער סעקרעטאַרין פון דער „אַלטע באָלשעוויקעס" אין מאָסקווע).

מיר האָבן באַקומען עטלעכע אַדוואָקאַטן און מיר האָבן קאָנפערירט מיט זיי וועגן דער ליניע פון פאַרטיידיקונג. די אַדוואָקאַטן האָבן גע־וואָלט פאַרוואַנדלען די זאַך אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע. איך האָב געהאַלטן, אַז עס לוינט ניט. דערוויל האָט מען געשריבן קיין סקווערע, קיעווער גובערניע, אויסצוגעפינען מיינע פאַרדינסטן פאַרן „צאַר באַטיושקאַ". סיביר האָט דערוויל געענטפערט, אַז זיי האָבן בכלל ניט געהערט פון אַזאַ נאָמען ווי בערעסטעצקי.

איך האָב געשריבן אַ בריוו צו מיין פאָטער אין האָראָדאָק און האָב געבעטן מיר אַרויסשיקן מיין פּאַספּאָרט. ער האָט מיר באַלד אַרויסגעשיקט אַ פּאַספּאָרט אויף מיין ברודערס נאָמען, וועלכער איז שוין געווען אַ יאָר אין אַמעריקע.

אַ חתונה אין טורמע

אַרעסטירט האָט מען אונדז אָנהויב 1908. דער משפּט איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר. די אַדוואָקאַטן האָבן מיר געזאָגט, עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַז רעבעקאַ זאָל באַפרייט ווערן, אָבער מיין „קעיס״ איז אַ האַרבע און אַ קאָמפּליצירטע, ווייל זיי האָבן באַקומען אינפאָרמאַציע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר אַז איך בין אַ „פּראָפעסיאָנאַל״, דאָס הייסט אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך דירעקט מיט פּאַרטיי־אַרבעט, וואָס איז פאַרבאָטן לויטן 106טן סטאַטוט (אַ מין געזעץ, ענלעך צום איצטיקן אַמעריקאַנער סמיט־אַקט, אָדער וואָלטער־מעקערן אַקט). אויב מען זאָל מיך פאַרמשפּטן, — האָבן מיינע אַדוואָקאַטן דערקלערט, — קען איך באַקומען פון 12 ביז 16 יאָר קאַטאָרגע.

ניט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן האָב איך באַשלאָסן זיך אַליין פאַרטיידיקן. דערביי האָט רעבעקאַ דערקלערט, אַז זי איז וויליק מיטצוגיין מיט מיר אויף קאַטאָרגע, — דאָס וואָלט פאַרלייכטערט און פאַרקירצט דעם טערמין, ווייל עס האָט דאַן געהערשט אַ געזעץ, אַז אין פאַל די ניט־פאַראורטיילטע פרוי פון אַ פאַרמשפּטן גייט־מיט מיט אים, ווערט זיין קאַטאָרגע־טערמין געשניטן אויף אַ העלפט. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן שטעלן אַ חופּה אין דער תּפיסה. אַ קאַזיאָנער ראַבינער האָט דורכגעפירט די חתונה־צערעמאָניע צווישן די פיר ווענט פון דער טורמע.

דער משפּט האָט ניט געדויערט לאַנג. אַלס עדות איז אויפגעטראָטן דער זשאַנדאַרמסקער ראָטמייסטער, וועמען מיין געטריי היטל האָט אַביסל צעביסן־צעריסן זיין אוניפאָרם, און דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט בייגעוואוינט מיין אַרעסט. דער פּראָקוראָר, וואָס האָט פאַרגעבראַכט די באַשולדיקונג, איז אויך געווען אַ מיליטערמאַן. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרטיידיקונג. צום ערשטן האָט דער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען ליבערמאַן, פאַרטיידיקט מיין פרוי. ער האָט געטענהט, אַז אין אָדעס קען יעדער באַקומען אַ פּאַספּאָרט אין אַ טיי־הויז פאַר 5 רובל

און אַז דער גאַנצער פֿאַרברעכן איז, וואָס דער פּאַספּאָרט־אַפּליקאַנט איז אַ ייד און האָט געדאַרפֿט דעם פּאַס כדי צו קענען וואוינען אומעטום.

עס איז אויפֿגעטראָטן דער עדות, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַלע דאָקומענטן געפֿונען ביי מיר אין דער היים און צווישן די דאָקומענטן וואָס ער האָט פֿאַרגעלייגט, האָט זיך אויך געפֿונען אַ האַנט־געשריבענע פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן אונטערדריקן די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג. ער האָט געזאָגט, אַז די פּראָקלאַמאַציע האָט גערופֿן אַראָפּצואוואַרפֿן דעם צאַר. איך האָב די פּראָקלאַמאַציע באַוויזן דעם גענעראַל נישטשענקאָ און דערקלערט, אַז עס געפֿינט זיך דאָרט ניט קיין איין וואָרט קעגן דער רעגירונג און די פּראָקלאַמאַציע איז בלויז געווענדעט קעגן דעם פֿאַרבאָט אויף דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. ווען מען האָט אַריינגערופֿן דעם אַנדערן עדות, דעם פּאָליציי־מאַן, האָט ער געזאָגט דאָס פֿאַרקערטע פֿון ערשטן עדות. נאָכן אויפֿטרעטן פֿון די צוויי עדות האָב איך אַרויסגערופֿן דעם באַלעבאָס פֿון דער פֿאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט, וואָס איז געווען אַ סוחר פֿון דער „ערשטער גילדע" (האַנדלס־מענטש פֿון ערשטן קלאַס). ער האָט באַוויזן, לויט זיינע געשעפֿטס־ביכער, אַז איך האָב ביי אים געאַרבעט די גאַנצע צייט און האָב קיינמאָל ניט געאַרבעט, אָדער געווען אַנגעשטעלט, אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מען האָט אים געפֿרעגט מיין אמתן נאָמען.

עס איז געקומען מיין ריי. איך האָב געלייקנט, אַז די אַלע פּעקלעך וואָס מען האָט ביי מיר געפֿונען זיינען מיינע, און אַז די געהיימע אינ־פֿאָרמאַציע וועגן מיר האָבן צוגעשטעלט געוועזענע גנבים אָדער רויבער, וואָס מען נעמט אָן אין געהיים־פּאָליציי פֿאַרן פּרייז פֿון מוחל־זיין זיי זייערע פֿאַרברעכנס. די דאָזיקע פֿאַרשוינען, אויב זיי האָבן גאָרניט וואָס צו באַריכטן, טראַכטן זיי אויס ליגנס כדי צו פֿאַרדינען זייער רעפּוטאַציע פֿון געטרייע דינער. מיינע צוויי אַדוואָקאַטן, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געזעסן און זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו מיינע רייד, האָבן מיר, נאָכדעם ווי דער פֿאָרזיצער מיט זיינע מיטהעלפֿער (די „דזשורי") זיינען אַוועק אויף אַ דריי־שעהדיקער באַראַטונג, דערקלערט, אַז איך האָב זיך אויסגעצייכנט פֿאַרטיידיקט, אָבער טאָקע דערפֿאַר האָבן זיי מורא אַז מען וועט מיך באַשטראָפֿן. דערקלערט האָבן זיי עס מיט דער פּסי־כאָלאָגיע פֿון די ריכטער, וועלכע באַטראַכטן יעדן אַרבעטער פֿאַר אַ

פחדן און אַן אומוויסנדיקן מענטשן, און אויב איך האָב געוואָגט זיך אַליין צו פאַרטיידיקן פאַר אַ קריגס־געריכט, און דערצו נאָך שטעמפּלען דעם זשאַנדאַרמסקי פּאָליציאַנט פאַר אַ ליגנער און די געהיים־פּאָליציי פאַר פאַרברעכער — דאַרף איך זיך ריכטן, אַז איך וועל שוין גוט ניט אָפּשניידן...

אויסגעלאָזן האָט זיך עס דווקא פונקט פאַרקערט. דער אורטייל איז געווען: אַזוי ווי עס זיינען ניט געווען גענוג באַווייזן, וואַרפט דער ריכטער אַרויס די קלאָגע און צוליב דער זינד פון וואוינען אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט גיט מען מיר 3 חדשים הויז־אַרעסט; דערצו ווערן אַריינגע־רעכנט די 6 חדשים תפיסה, וואָס איך האָב אָפּגעזעסן, און מען באַ־פרייט מיך צוזאַמען מיט מיין פרוי.

די אָדעסער טורמע איז מער־ווייניק געווען פון די טורמעס, וואָס מען האָט גערופן „פרייע". די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן געהאַלטן זייערע טירן אָפן פון פרי ביז נאַכט, מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין די קאַמערן, רעפערירט און געפירט דיסקוסיעס אויף פאַרשיידענע טעמעס. דאָס איז געווען אין יאָר 1907. שפּעטער אָבער, ווען איך בין צום צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן, איז שוין די פרייהייט באַגרענעצט געוואָרן.

אין יענער צייט האָבן מיר אַריינגעקראָגן אין טורמע אַ „בכבודיקן" אַרעסטאַנט. אַ זון פון אַ באַוואוסטן אָדעסער סוחר, וועלכער האָט פאַר־מאָגט אַ גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט. זיין שנור, די פרוי פון זון, איז געווען באַפריינדעט מיט אַ געוויסן אַנאַרכיסט, נאָוואָמירסקי. די אַנאַר־כיסטן פלעגן דעמאָלט דורכפירן אַ סך עקספּראָפּריאַציעס, איבערפאַלן קראָ־מען און צונעמען סחורות. האָט פּאַסירט אַז נאָך אַ געוויסן איבערפאַל האָט זיך די זשאַנדאַרמעריע דערוואוסט אַז דער דערמאָנטער נאָוואָמירסקי געפינט זיך אין הויז פון דעם סוחר און זיי זיינען באַפאַלן די הויז. נאָוואָ־מירסקי האָט באַוויזן אַנטלויפן דורכן פענצטער און איבערלאָזן זיין רעקל אויף אַ שטול. מען האָט געפרעגט דעם סוחרס זון, קויפמאַן האָט ער געהייסן, וועמענס רעקל דאָס איז? האָט ער געענטפערט: — מיינער. — מעסט אים אָן, — האָבן זיי באַפוילן.

ער האָט אים אָנגעטאָן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען אויף אים ענג.

דורכדעם איז, נעבעך, דער „מיוחס", דער זון פון גרויסן אָדעסער סוחר, אַריינגעפאַלן צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע... פאַרשטייט זיך,

אַז אין טורמע האָט ער מיט קיינעם קיין מגע ומשא ניט געהאַט. זיין קאַמער איז געווען אויסגעפּוצט מיט בילדער און באַשטעלט מיט בלומען און ער האָט זיך דאָרט געלעבט טאַקע ווי גאָט אין אָדעס... עסן האָט אים ניט געפעלט און זיין קאַמער איז געווען פול מיט פרוכטן, דעליקאַטעסנס און פאַרשיידענע נאַשערייען.

אַ גרויסער צאָל אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען „געזעסן" פאַר די דערמאָנטע עקספּראָפּריאַציעס, האָבן דערשמעקט דעם ריח פון די מאכלים און די נאַשוואַרג, האָבן זיי באַשלאָסן צו „עקספּראָפּריאירן"" אַביסל דעם סוחרס צימער און זיי האָבן אים ביסלעכווייז אויסגעליידיקט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל באַקלאָגט פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף די אַרעסטאַנטן, מען האָט צו זיי אַפּעלירט זיי זאָלן מער ניט באַווייזן זייער „העלדישקייט", אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. דאָס מאָל האָבן זיי זיך ניט באַנוגנט מיט צונעמען דאָס עסנוואַרג. זיי האָבן אויך אַוועקגעלקחנט זיינעם אַן אָנצוג. ער איז אַוועק זיך באַקלאָגן פאַר דער טורמע־אַדמיניסטראַציע. דעמאָלט האָט די פאַרוואַלטונג פאַרשלאָסן אַלע קאַמערס און האָט דערלויבט די אַרעסטירטע אַרויסצוגיין אין הויף אויף אַ שפּאַציר בלויז אויף אַ האַלבע שעה. מען האָט אונדז איינגעטיילט אין גרופּעס פון 10־12. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיטן דערלויבן צו גיין זיך וואַשן. פאַר די נאַטירלעכע באַדערפענישן, מיטן איינוואַשן זיך, האָבן זיי דערלויבט בלויז 5 מינוט. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט קעגן דער גזירה צום גענעראַל־גובערנאַטאָר און הויפּט־נאַטשאַלניק.

אַרויסלאָזן פלעגט מען, ווי געזאָגט, אַ 10־12 מענטשן, אָבער זיץ־פּלעצער פאַרן מענטשלעכן געברויך, זיינען געווען בלויז 2, ווי אויך צוויי וואַסער־קראַנען. אייניקע פלעגן נאָך אין משך פון דער באַשרענקטער צייט זיך וועלן „אָפּטושן", אַזוי, אַז קיין סך צייט איז שוין ניט געבליבן... דער שומר פלעגט אָנקלאַפּן אין טיר און מודיע זיין, אַז די צייט איז פאַריבער. מיר זיינען געפאַלן אויף אַן המצאה און מיטגענומען פון קאַמער דעם נאַכט־עמער... כדי צו טאָן וואָס מען דאַרף וואָס גיכער...

אין אַ פרימאָרגן האָב איך, לא עליכם, געליטן אויף דער קראַנקהייט פון צדיקים, דאָס הייסט אויפן מאָגן, און זיך דערלויבט בלייבן נאָך אַ פּאָר מינוט אויף יענעם כסא המלכות... דער געהילף־אויפפּאַסער האָט אָנגעקלאַפּט, און אַז איך האָב ניט געענטפערט, האָט ער אַריינגעשטופּט

זיין קאָפּ און מיך אָנגעהויבן זידלען מיט די ערגסטע אַנטיסעמיטישע קללות. איך האָב געכאַפּט דעם עמער און געטאָן וואָס עמעצער האָט אין דער פּאַרצייטיקער פּערסיע געטאָן צו המן הרשע, — האָב אים אָנ־געטאָן דעם „שטריימל" אויפן קאָפּ. ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט דער פליסיקייט פון קאָפּ ביז די פיס. אַ קיצור אַ מעשה, מען האָט מיך דערפאַר פאַרשפּאַרט אויף 3 טעג אין אַ קאַרצער, — אַ צימער אָן אַ שפּור לופט און ליכט. אַריינגעשטופּט אַהין האָט מען מיך בלויז אין מיינע אונטערוועש.

כאָטש עס איז געווען זומער, איז דאָ געווען נאַס און קאַלט און טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: וימש חושך, די פינצטערניש מיט די הענט אָנצוטאַפּן... ווען איך האָב אָנגעהויבן שפּאַצירן, האָב איך זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ. אַפילו קיין ביסל שטרוי אונטערצובעטן איז ניט געווען. די דריי טעג האָבן זיך געצויגן ווי דריי יאָר. עסן האָב איך באַקומען ברויט מיט זאַלץ און אַ גלאָז וואַסער. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען אַריינגעפירט אין קאַרצער צוויי יונגע בחורים, גנבים. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און זיך אַביסל דערוואָרעמט. ווען ניט די צוויי גנבים וואָלט איך פאַרפרוירן געוואָרן...

נאָך מיין באַפרייאונג — דאָס איז שוין געווען אום ווינטער — האָב איך אַ געוויסע צייט געוואוינט אין אַ צימער אויף „אוספּענסקע פּערע־אולאָק", אַזאַ געסל, און פלעג גיין אין אַ טיי־הויז נאָך הייסע וואַסער. איינמאָל, אַריינגייענדיק אין אַ טיי־הויז, האָב איך דאָרטן אָנגעטראָפן דעם געהילפס־נאַטשאַלניק אַ טויט שיכורן. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר ווי מיט אַן אַלטן פריינט. מיר האָבן זיך באַגריסט. — זיין נאָמען איז געווען וולאַדימיר פּעטראָוויטש. — מיר זיינען ביידע אַרויס פון טיי־הויז און איך האָב אים איבערגעלאָזן אויף די טרעפּ פון אַ קראָם. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געלייענט אַז מען האָט אים גע־פונען אַ דערפרוירענעם.

אין אָדעס בין איך פאַרבליבן עטלעכע חדשים. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין די לעצטע יאָרן וואָס איך האָב געלעבט אויף מיין אייגענעם נאָמען און לעגאַל. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט מיינע על־טערן און מיט מיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן שוין גע־וואוינט אין אַמעריקע. מיינע שוועסטער און ברידער האָבן מיר גע־דאַרפט צושיקן אַ „שיפסקאַרטע" אין שטעטל פון מיינע עלטערן.

נאָר פאָרן אָפּפאָרן צו די עלטערן בין איך אַראָפּגעפאָרן צו מיין שוועסטער און שוואָגער, וועלכע האָבן געוואוינט אין אַ דאָרף לעבן כמעלניק, פּאָ־דאָליער גובערניע, וואָס האָט געהייסן מאַרקוש. געווען איז עס אַ דאָרף וואו עס האָט געהערשט דער זעלבער דלות וואָס אין מיין ווייס־רוסיש שטעטל.

מיין פרויס זיידע האָט געהאַלטן אַ מיל, וואָס האָט זיך געדרייט מיטן כוח פון אַ בלינדער שקאַפּע. דער זיידע, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט אונטערגעטריבן די שקאַפּע, וועלכע האָט געדרייט דעם שטיינערנעם ראָד. פון דער מיל האָט ער געדאַרפט שפּייזן זיך און זיינע צוויי טעכטער.

מיין שוועסטער האָב איך שוין געקענט פון אָדעס, ווייל ער איז אַהין אַראָפּגעקומען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז זיין טאָכטער גייט חתונה האָבן מיט אַ... קריסט. לויט מיין פּאַרטייאישן נאָמען, „טיכאָן״, האָט ער מיך אָנגענומען פאַר אַ קריסט. ווען ער האָט זיך אָבער באַקאַנט מיט דעם „קריסט״ האָט ער מסכים געווען אויפן שידוך...

אין מיין געבורטס־שטעטל, האָראָדאָק, בין איך אָנגעקומען מיט דער באַן אין מיטן נאַכט; האָב געדונגען אַ וואָגן און זיך געהייסן פירן צו מיינעם אַ שוועסטערקינד, יעקב חיים רפאלס. ביי אים האָב איך פאַר־בראַכט אַ פּאָר שעה און זיך געלאָזן צו מיין עלטערנס היים. אויפן וועג האָט מיך באַגעגנט אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט ביים קוכן־בעקער „דער גאָט״ (אַזוי האָט מען אים גערופן). זי האָט מיך דערקענט און האָט באַלד גענומען לויפן. אינדערפרי, ווען דער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן אין שול, האָט שוין דער „גאָט״ געבראַכט די בשורה, אַז ברוך געפינט זיך אין שטעטל. מיין שוועסטערקינד האָט געלייקנט: — דאָס איז געקומען צו מיר אַ גאַסט פון נעוול, וואָס זעט אויס ווי ברוך... — האָט ער דער־קלערט. מיין שיפסקאַרטע איז נאָך ניט געווען אָנגעקומען, בין איך די צווייטע נאַכט אָפּגעפאָרן קיין וויטעבסק, וואו איך האָב באַקומען אַרבעט ביי איינעם פון די בעסטע דאַמען־שניידער. אויף פּסח בין איך צוגע־פאָרן קיין ליובאַוויטש, וואו עס האָט געוואוינט מיינע אַ פאַרהייראַטע שוועסטער.

פון ליובאַוויטש בין איך צוגעפאָרן קיין האָראָדאָק אָפּנעמען די שיפסקאַרטע און זיך געזעגענען מיט מיינע עלטערן. פאַר מיין אָפּפאָרן האָבן זיך פאַרזאַמלט מיין משפחה און מיינע חברים. די געזעגעניש איז

געוועזן אַ רירנדיקע. מיין מוטער האָט פאַרגאָסן טרערן און דער טאַטע האָט געשוויגן, אויסגעזען ווי פאַרשטיינערט. פאַרן פאַרלאָזן די הויז האָט ער מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און אַרויסגעמורמלט אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון:

„ברוך, איך ווייס דו ביסט ניט קיין פרומער און דו וועסט ניט דאַ־ווענען", האָט ער געזאָגט, „איך בעט דיר, אָבער, דו טראָגסט מיין טאַטנס נאָמען, זאָלסט מיר ניט אָנטאָן קיין שוואַרצן פאַרטוך אויף מיין פּנים"... מער האָב איך אים ניט געזען. ער איז שפּעטער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג אין שול, וואו ער האָט געדינט אַ סך יאָרן...

שמעון ליב און מושע ליבע כאַזאַנאָוו, דעם מחברס עלטערן

יאָרן אין אַמעריקע

קיין אַמעריקע; איך ווער אַ בראָנזווילער קלאָוקמאַכער

מיין נסיעה קיין אַמעריקע האָט מיך געפירט דורך בריסט־ליטאָווסק (בריסק), כעלם און רייעוויטש, וואו איך האָב זיך געדאַרפט טרעפן מיט אַן אַגענט, וואָס האָט מיך געדאַרפט אויסריכטן צו דער גרענעץ. אין אַגענטס הויז האָב איך געטראָפן אַזאַ דלות, אַז אין פאַרגלייך מיט דער אָרעמקייט איז שוין מיין אייגן שטעטל געווען אַ קעניגרייך פון עשירות. אין שטוב האָב איך אָנגעטראָפן עטלעכע קליינע קינדער. די עלטסטע אַ יאָר 6 און די ייִנגסטע אַ וואָך אַלט, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע. די עלטערע קינדער האָבן געהאַלטן אין איין וויינען און פאַרלאַנגען עסן, און דאָס קינד אין וויגל האָט געזויגן אַ טיכל מיט אַ ברוינער פליסיקייט. עס איז געווען האַרץ־רייסנדיק צו זען די הונגעריקע קינדער און איך, דער „עושר”, האָב זיי געקויפט אַ שטיק ברויט מיט אַ ביסל מילך. איך האָב געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויפן באַלעבאָס פון הויז, דעם אַגענט, וועלכער האָט מיך אַוועקגעפירט קיין זאַמאָשטש, וואו איך בין געבליבן אַ גאַנצן מעת־לעת, ווייל עס איז געווען פרייטיק און דער פרומער בעל־עגלה האָט ניט געוואָלט פאָרן אום שבת. שבת אָוונט, נאָך הבדלה, האָט מיך דער באַשריימלטער בעל־עגלה אַריבערגעפירט די גרענעץ און מיר האָבן זיך געפונען אין אַ גאַליציאַנער שטעטל, אין פראַנץ יאָזעפס מלוכה. די סצענע ווי אַ ייִד מיט אַ שטריימל שפּאַנט איין דאָס פערד אין וואָגן האָט מיר אויסגעזען קוריאָז. איך האָב גלייך געפרעגט, צי דער רב אַליין וועט מיך איבערפירן, און פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ כבוד?... און באַלד האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז אין גאַליציע טראָגן אַפילו די בעלי־עגלות שטריימלעך און קאַפּאָטעס...

נאָך עטלעכע טעג פון מאַטערנדיקער וואָגלעניש האָבן מיר, איך און נאָך פּאַסאַזשירן, זיך דערקליבן ביז האַמבורג, וואו מיר זיינען אַרויפגעשטיגן אויף אַ שיף, וואָס האָט זיך געשלעפּט גאַנצע פערצן טעג און

איז געווען פול אָנגעפּאַקט ווי מיט הערינג, און דאָס עסן — מען זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד — פון די מאכלים אויף דער שיף האָט מיך אַזוי געאיבלט, אַז חדשים לאַנג האָב איך אויף אַזעלכע מאכלים, ווי הערינג און מערן און טיי ניט געקענט קוקן...

אין האָב דערגרייכט עליס איילענד, וואָס האָט דאַן געהייסן „קעסל־גאַרדן", דעם 4טן מאַי, 1909; בין באַגעגנט געוואָרן פון מיין עלטערן ברודער, וואָס האָט שוין דאָ געהייסן מאָריס, און ער האָט מיך גענומען צו זיך אַהיים אין 5 געיטס עוועניו, ברוקלין. מיין ברודער האָט געהאַט אַ שניידער־קראָם און זיין דירה איז געווען הינטער דעם געשעפט און איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף. אין דעם הויף האָב איך מיר איינגעאָרדנט אַ וואוינונג, אַ הילצערןביידל צוגעדעקט מיט „אויל־קלאָט".

איך בין באַלד געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם בראָנזווילער לאָקאַל 11, פון קלאָוקמאַכער יוניאָן, וואָס האָט אַריינגענומען אַלע פּאַכלייט: אָפּערייטאָרס, פינישערס און פּרעסערס, און האָב באַקומען מיין ערשטן „דזשאַב" אין בראָנזוויל אַלס אַ פינישער אין אַ שאַפּ פון צוויי שותפים — דזשעק און אייבערעהעם. דער שאַפּ האָט דווקא אויסגעזען לייטיש. אַ ליכטיקער צימער אויפן צווייטן עטאַזש. אָבער עס האָט דאָרט געהערשט אַ מוראדיקע עקספּלואַטאַציע. מען האָט אָפּגענאַרט די גרינע און די עלטערע אַרבעטער. אַלע אַרבעטער האָבן באַקומען ביכעלעך אין וועלכע דער באַלעבאָס האָט אַריינגעשריבן די אַרבעט.

עס האָט פּאַסירט און אַ געוויסער אַרבעטער, דווקא אַ שנעלער באַל־מעלאָכע, האָט מיך אַמאָל אַ פרעג געטאָן וויפיל איך האָב באַקומען „פּעי". איך האָב אים אויסגעזאָגט. ער האָט זיך פאַרוואונדערט און מיר געוויזן אַז ער באַקומט אַ העלפט פון מיר. די סיבה איז געווען, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים פאַרשריבן אַ העלפט פון זיין פּראָדוקציע. איך האָב צונויפגערופן די אַרבעטער ביי זיך אין צימער און האָב זיי אין מיין צעבראָכענעם יידיש דערקלערט, אַז מיר איז שווער צו ריידן יידיש אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, אָבער דאָך דאַרפן מיר אַריבערגיין אין דער יוניאָן און באַריכטן וועגן דער עקספּלוטאַטאַציע.

אויף מאָרגן, נאָך דער אַרבעט, זיינען מיר אַוועק אין לאָקאַל, וואָס האָט זיך געפונען אויף וואַטקינס סטריט. דער „וואָקינג דעלעגאַט" (ביזנעס אַגענט), וואָס האָט געהייסן פינקלשטיין, איז שוין געווען איינמאָל אַ „קעמפער"! צו די אַנדערע אַרבעטער, האָט ער דערקלערט, וויל ער ניט

ריידן, ווייל זיי זיינען ניט קיין „יוניאָן־לייט”, און וואָס איז נוגע מיר, האָב איך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך, ווייל איך האָב דאָך געקראָגן גוט באַצאָלט; מיך, הייסט עס, האָט דער באַלעבאָס ניט אָפּגענאַרט...

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דער פאַרזאַמלונג פון לאָקאַל. אַזוי ווי עס איז מיר נאָך אַלץ שווער געווען צו ריידן יידיש, האָב איך גערעדט רוסיש, און אַזוי ווי צופעליק איז אויף דער פאַרזאַמלונג אויך אָנוועזנד געווען לעאָן דייטש, דער דעמאָלטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואוירקערס יוניאָן, האָט ער מיין רעדע איבערזעצט. מען האָט אנגענומען אַ באַשלוס צו טאַדלען דעם סעקרעטאר און דעם דעלעגאַט און מען האָט מיך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך צו אָר־גאַניזירן דעם „קלאָוק־שאַפּ” אין בראָנזוויל. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן מיר אין שאַפּ פאַררופן אַ מיטינג און עטאַבלירט אַ פרייז־קאָמיטע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זען, אַז די אַרבעט פון יעדן אַרבעטער זאָל ריכטיק פאַרשריבן ווערן. מ׳האָט דאַן געאַרבעט פון שטיק. עס האָט ניט גענומען לאַנג און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענער פינקלשטיין איז געווען דורכאויס קאָרופּטירט און איך בין געקומען מיט אים אין אָפּטע צוזאַמענשטויסן און האָב געפאָדערט מען זאָל אים אַוועקנעמען פון שאַפּ.

דער קלאָוקמאַכער סטרייק פון 1910

אין דעם בראָנזווילער שאַפּ האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ סעזאָן, ביז איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ סאָסייעטי וואָס האָט זיך גערופן „פּראָגרע־סיוו וואָירקינגמען בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן" און אַ ברודער פון דער סאָסייעטי האָט מיך אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ ביי אַ געוויסן פּערלמאַן אויף דער 19טער גאַס אין ניו יאָרק.

דאָרט האָב איך געאַרבעט אַ גאַנצן זומער ביז עס איז אויסגעבראָכן דער באַרימטער סטרייק פון 1910, וואָס האָט זיך געצויגן פון 10 ביז 12 וואָכן. עס איז געווען אַן אמת־מיליטאַנטער קאַמף. אין מיין זכרון איז פאַרבליבן איינגעקריצט די גרויסע פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, וואָס איז דאַן געווען אויף מעדיסאָן עוועניו און 26סטע סטריט.

ביי דער פאַרזאַמלונג איז אויפגעטראָטן סעמועל גאָמפּערס אַליין און דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, אייברעהעם ראָזנבערג, וועלכער איז פאַרבליבן אין מיין באַוואוסטזיין ווי אַ באַשיידענער מענטש מיט קליינע השגות, אָבער אַ פּשוטער, אָרנטלעכער פאָלקס־מענטש. דער סעקרעטאַר, לעאָן דייטש, איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און אַ גלענ־צענדער רעדנער. ער האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פירער, אָבער איז געווען דורכאויס קאָנסערוואַטיוו.

אין דעם סטרייק, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט אמתן ברען, האָבן אָנטייל גענומען מאָריס הילקוויט, מאיר לאָנדאָן און דזשעיקאָב פּענקין. נאָך צען וואָכן סטרייקן איז דער „פאָרווערטס" דערשינען מיט אַ גרויסן „קאַפּ": „אַ זיג פאַר די קלאָוקמאַכערס!" אָבער די אַרבעטער, אויף זייערע פאַרזאַמלונגען, האָבן צוריקגעוויזן אַזאַ סאָרט שליכטונג און האָבן גע־פאָדערט „אַ פולשטענדיקן יוניאָן־שאַפּ". די אַרבעטער זיינען געווען אַזוי אויפגערעגט פון דעם סעטלמענט, אַז זיי זיינען נאָך אַ פאַרזאַמלונג אין וועבסטער האָל אַוועק צו דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע און אויסגעבראָכן דאָרט די פענצטער... אין איייניקע טעג אַרום האָט מען אַרויסגעקראָגן אַ

בעסערן אָפּמאַך און אין אַ וואָך אַרום האָבן שוין אַרבעטער מאַרשירט אין דער באַגלייטונג פון מוזיק. עס געדענקט זיך מיר ווי אין שפּיץ פון אייניקע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס איז ס. מעץ, וועלכער איז זייער פּאָפּולער געווען ביי די אָפּערייטאָרס, געפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד. אויך זיגמאַן, פּאָליאַקאָוו און עלמער ראָזענבערג זיינען געווען פּאָפּולער. אַלס רעזולטאַט פון דעם געוואונענעם סטרייק זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די „פּיט פייער" מאַשינעס און עס האָט גענומען אַ סוף צום שלעפּן די קעפּלעך פון די מאַשינעס אויף די פּלייצעס און די „פינישערס" האָבן אויפגעהערט צו קויפן פאַר זייער אייגן געלט „קאָטן".

די באַלעבאַטים האָבן דעם זיג פון די אַרבעטער ניט אַראָפּגעשלונגען אַזוי שנעל. עס איז זיי געלונגען מיט דער הילף פון דיסטריקט אַטוירני, צו באַשולדיקן, אָדער ווי מען האָט עס דאַן גערופן, מאַכן אַ „פרעים־אַפּ" אויף די אָנפירער פון סטרייק, אַז זיי האָבן כלומרשט געפירט צו אַ מאָרד. עס האָט אָפּגעקאָסט דער יוניאָן אַ שיין ביסל געלט און אַ סך ענערגיע ביז עס איז זיי געלונגען צו באַפרייען זיך פון דעם בלבול. יענער בלבול איז באַקאַנט געוואָרן אַלס „דער לייבאָוויטש־פּראָצעס", אויפן נאָמען פון אַ סקעב, וואָס איז געהרגעט געוואָרן בעתן סטרייק. צווישן די געמשפּטע האָבן זיך געפונען מאָריס זיגמאַן און סאל מעץ.

די אינטערנעשאָנעל איז פון דעם 1910 סטרייק אַרויס געשטאַרקט און האָט דערוואָרבן אַ סך מאָראַלישן פּרעסטיזש, אָבער באַלד האָבן זיך געשאַפן מחלוקתן צווישן די פירער און עס האָב זיך גענומען פאָרמירן פאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, באַזונדערס אין די אַנאַרכאָ־סינדי־קאַליסטישע קרייזן. דאַן האָט מען אַראָפּגעבראַכט סידני הילמאַן פון שיקאַגאָ און אים באַשטימט פאַר אַ מענעדזשער. עס האָט זיך דאַן גע־רעשט מיט דעם ביזנאַ־אַפּערע און עס איז געקומען די מחלוקה מיט יצחק אייזיק הורוויטש, וועלכע האָט שיעור ניט רואינירט די יוניאָן. אין דער צייט זיינען פאַררופן געוואָרן אָפטע לאָקאַלע און גענעראַלע סטרייקס און אין דער פירערשאַפט האָבן זיך באַוויזן קאָנסערוואַטיווע, רעאַקציאָנערע נייגונגען אַלס רעזולטאַט פון זייער ביזנעס־קרובהשאַפט מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן.

די יאָרן 1909, 1910, 1911 זיינען דאָך פאַרבליבן די פרוכטבאַרסטע אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן. דאָס זיינען געווען יאָרן — עטאַפּן אין דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע פון

אַרבעטער. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער באַרימטער וועיסטמאַכער סטרייק אין 1909 פון לאָקאַל 25, וואָס האָט אויפגעשטורעמט דאָס גאַנצע לאַנד, געווען אַ מילשטיין אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. דער סטרייק איז געפירט געוואָרן פון דער פּראָגרעסיווער פירערין ראָוז פאַסטאָר סטאָוקס און אַ גרויסן ביי־טראָג האָט געמאַכט די יונגע קלאַראַ לעמליך־שייוועלסאָן. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער „זיידע", מאָריס ווינטשעווסקי, געווען דער „אָדיטאָר". חוץ דעם דערמאָנטן סטרייק אין 1910 איז דער סטרייק פון די לעידיס טעילאָרס לאָקאַל 38 אין 1911 געווען אַ מיליטאַנטער קאַמף און האָט געהאָלפן איינשטעלן די 48־שעהאיקע אַרבעטס־וואָך און האָט אָפּגעשאַפט שטיק־אַרבעט און אויך איינגעשטעלט אַ מינימום לוין. ווי געזאָגט, האָבן די באַלעבאַטים די אַלע דערגרייכונגען ניט געקענט אַראָפּ־שלינגען און האָבן זיך באַמיט דורך פאַרשיידענע אינטריגעס צונישט מאַכן די דערגרייכונגען און ביז אַ געוויסן גראַד האָט זיך עס זיי איינ־געגעבן.

ליכט און שאָטן אין דער אינטערנעשאָנעל

דער קלאַסנקאַמף האָט ניט אויפגעהערט. די יוניאָן איז געצוואונגען געווען צו רופן גרעסערע און קלענערע סטרייקס אין פאַרשיידענע שעפּער, וועלכע האָבן זיך אָפּט פאַרצויגן און האָבן אַרויסגערופן פּראָבלעמען. די קאַמפּן פון די באַלעבאַטים האָבן אויך אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען, צווישן זיי דאָס אונטערקויפן יוניאָן־פירער און טוער.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אַ באַוואוסטע פירמע אויף 5טער עוועניו און 52טע גאַס, היקסאָן, געמאַכט פאַר איר מענעדזשער איינעם פון די געוועזענע הויפּט־פירער פון דעם 1911 סטרייק. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַריינגעבראַכט דעמאָראַליזאַציע אין די יוניאָן־רייען.

אַ פאַסירונג, וואָס איז דעמאָלט פאַרלאָפן, האָט אָפּגעשוואַכט די יונגע יוניאָן פון לעידיס טעילאָרס. נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעפירט אַן 48־שעהדיקע אַרבעטס־וואָך, איז געווען ביי זיי איינגעפירט, אַז זיי אַרבעטן שבת ביז 1 נאָכמיטאָג. ביי די קאַסטאָמער שניידער האָט מען געאַרבעט ביזן פאַרענדיקן דעם מלבוש (גאַרמענט). אין זייער אָפּמאַך איז געווען אַ פּונקט וואָס האָט געפאָדערט, אַז אין פאַל פון אַ לויה, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ באַשטעלונג וואָס האָט געדאַרפט שנעל אויסגעפאַרטיגט ווערן, זאָל מען אָפּרופן דער יוניאָן און זי וועט דערלויבן צו פאַרענדיקן דעם קאָסטיום צו דער לויה.

האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך אין אַ שאָפּ פון אַ געוויסער מאַדאַם טאָרין. די אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז עס איז ניט געווען קיין טרויער־„אָרדער״ און זיי האָבן זיך אָנטזאָגט צו אַרבעטן קעגן ווילן פון דער פירמע. די אייגנטימער האָבן אָפּגעזאָגט די אַרבעטער און לאָקאַל 38 האָט דערקלערט אַ סטרייק.

די פירמע האָט דעמאָלט אָפּגעזאָגט צוויי אַרבעטער און די „אינטערנעשאָנעל״ האָט געהאַלטן מיט די באַלעבאַטים. דער „פאָרווערטס״ האָט אָפּן גערופן די אַרבעטער צוריקגיין צו דער אַרבעט. בלויז לאָקאַל 38

האָט פאַרעקשנט געפירט דעם סטרייק און דאָס ניט־קוקנדיק וואָס דייטש און ראָזנבערג האָבן דעמאָלט אָוועקגענומען דעם טשאַרטער פון לאָקאַל און פאַרכאַפּט די קאַסע. דער סטרייק האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג. לאָקאַל 38 האָט אַפּעלירט צו דער קאָנווענשאָן. צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך דעמאָלט געפונען אייברעהעם סאָלאָוויאָוו און יודל גאָלדשטיין, וואָס וואוינט איצט אין מאָנטיסעלאָ, ניו יאָרק.

עס איז געווען אַן עקשנותדיקער פּרינציפּיעלער קאַמף, וואָס די אַרבעטער האָבן געוואונען דורך אַרויסווייזן אַ סך פּרינציפּיעלקייט און ציל־באַוואוסטקייט.

אין 1912 איז אין קענעדע פאַרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל. די דעלעגאַטן פון דעם דערמאָנטן לאָקאַל, וואָס זיינען געווען אויף יענער קאָנווענשאָן, זיינען צוריקגעקומען מיטן טשאַרטער, אָבער די אינטערנעשאָנעל האָט אַוועקגעשטעלט דריי שומרים, אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן, „זשאַנדאַרמען", צו וואַכן איבער דער „„רענק ענד פייל" (די אַרבעטער אין אַלגעמיין). איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און געדענק נאָך די שטורעמדיקע פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבן די ביוראָקראַטן געגעבן „די וועלט צו זען". דער קאַמף קעגן די באַלעבאַטים איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דעם קאַמף קעגן דעם שיכט ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן זיך שוין דעמאָלט באַזעצט אויפן קערפּער פון דער אינטערנעשאָנעל און האָבן אַפילו אָנגעהויבן שאַפן אַ שיכט פּריווילעגירטע אַרבעטער אין געוויסע שעפּער.

אַזוי, למשל, איז געווען אַ פּונקט אין דעם אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים אַז אין פאַל פון „סלעק" (ווייניק אַרבעט), דאַרפן זיך די אַרבעטער טיילן איינער מיטן אַנדערן מיט דער אַרבעט, אָבער די באַלעבאַטים און זייערע „פאַרלייט" האָבן אַלע מאָל געפונען אַ וועג וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פון האַלטן דעם פּונקט און האָבן מיט דעם אַריינגעבראַכט צעטיילונג אין די רייען פון די אַרבעטער. דערצו האָט ניט געפעלט קיין קנאה, פּאָליטישע צאַנקעריי אאַז"וו. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז דער לאָקאַל זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן. איינע פון די סיבות פאַר דער שוואַכקייט איז אויך געווען די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע צעטיילונג, די פאַרשיידענע צווייגן — ווי אונגאַרישע, יידישע און איטאַליענישע — און איין צווייג האָט געגראָבן קעגן אַנדערן, און דאָס האָט זיך געמוזט אָפּרופן צום שלעכטן אויפן גאַנצן לאָקאַל, ווי בכלל אויף די באַדינגונגען אין די שעפּער.

אין יאָר 1915 איז די לאַגע אין לאָקאַל 38 געווען ענלעך צו דער לאַגע אין יאָר 1910, פאַר דעם היסטאָרישן סטרייק, און מען האָט געדאַרפט אַלץ אָנהייבן פונדאַסניי. עס איז אויסגעבראָכן דער סטרייק פון 1915. אין דער פירערשאַפט האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ געוויסער פראַגער — אַ באַ־שיידענער מענטש וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון דער אָרנטלעכקייט אַליין, און מיר האָבן אויך געהאַט אין דער פירערשאַפט אַ געוויסן ספּיוואַק — אַ מענטש וואָס איז אַהער אַריבערגעקומען מיט אַ געוויסן סטאַזש פון רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן אין רוסלאַנד און פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַ פּראַזן־שיסער און אַן ערשט־ראַנגיקער דעמאַגאָג; אויך אַן איטאַליענער, דזשאַנטשעלא, וואָס האָט זיך געלאָזט פירן פון דעם בער־דיקן איטאַליענישן אַנאַרכיסט קאַרלאָ טרעסקאַ.

דער סטרייק איז פון אָנהייב אָן אַוועק אויף אַ ריכטיקן וועג. אַנדערש ווי אין 1911, ווען מען האָט פאַרהאַנדלט מיט יעדן שאַפּ באַזונדער, האָט מען איצט שוין געדאַרפט פאַרהאַנדלען מיט דער „אַסאָסיאיישאָן”. עס האָט געהאַלטן ביי אַן אויסגלייך. די באַלעבאַטים האָבן נאָכגעגעבן גע־וויסע פאָדערונגען און אַנדערע פאָדערונגען געוואָלט איבערגעבן צו אַ שליכטונג־קאָמיסיע (אַרביטריישאָן, אומפּאַרטייאישע בוררים). ווען מיר האָבן פאַררופן פאַרזאַמלונגען פון די סטרייקערס, האָבן זיך געפונען רעדנער, וואָס האָבן אַגיטירט קעגן יעדן סאָרט „אַרביטריישאָן”. די אַרבעטער האָבן עס טאַקע צוריקגעוויזן. דער פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאָנעל איז געווען בענדזשאַמין שלעזינגער. ווען ער האָט זיך דער־וואוסט פון דעם באַשלוס, האָט ער אַרויסגעטריבן די שליכטונגס־קאָ־מיסיע פון אָפּיס פון דער אינטערנעשאָנעל. די דאָזיקע נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט אין „מאַרקעט” (די געגנט וואו די אַרבעטער פלעגן זיך פאַרזאַמלען) ווי אַ וואַלד־פייער, און ווען מען האָט גערופן אַ מאַסן־פאַר־זאַמלונג, איז ניט געווען צו וועמען צו ריידן. דער באַבערדלטער אַנאַרכיסט, לואידזשי רעיאַ, האָט אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז דער סטרייק איז פאַרלאָרן און האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער זיי זאָלן גיין צוריק צו דער אַרבעט. בקיצור, דער סטרייק איז דורכגעפאַלן טיילוויז צוליב דער דערמאָנטער דעמאַגאָגיע פון די אַגיטאַטאָרס קעגן אַרביטריישאָן, און טיילוויז צוליב דער ניט־טאַקטישער אויפפירונג פון שלעזינגערן אַליין.

אָבער דער הויפּט שולדיקער איז דאַכט מיר געווען דער דערמאָנטער „אָרנטלעכער” פראַגער, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן געהיימע קאָנפערענצן

מיט די פירער פון דער אַסאָסיאיישאַן, און האָט זיי דערמוטיקט ניט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען, ווייל די אינטערנעשאַנעל, האָט ער גע־טענהט, איז צעטיילט, צעשפּליטערט, און דער סטרייק איז אויסזיכט־לאָז. אַן אונטערזוכונג וואָס מען האָט דעמאָלט געמאַכט, האָט טאַקע פעסטגעשטעלט, אַז פראגער איז דער הויפּט־שולדיקער און זיין אַרבעט האָט ער אָפּגעטאָן מיט דער הילף פון אַ געוויסן שאַפּ־אַרבעטער, גרין. פראַגערן האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן און גרינען האָט מען אויך באַשטראָפט.

עס איז געקומען דאָס יאָר 1916 און ווידער איז אויסגעבראָכן אַ קלאָוקמאַכער סטרייק. די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן האָט באַוויזן אָפּצואווישן כמעט אַלע דערגרייכונגען פון באַרימטן 1910 סטרייק, און אַראָפּגעניִדערט די פרייזן אַזוי, אַז מען האָט פאַרדינט כמעט ווי אויף וואַסער אויף קאַשע. די בעסערע אַרבעטער, שניידערס פון דער היים, פלעגן לויפן כאַפּן אַ פּאָר וואָכן אַרבעט ביי די קלאָוקמאַכער און די קלאָוקמאַכער פלעגן אַרויסכאַפּן אַרבעט ביי די ליידיס טעילאָרס. ווען עס איז געווען סעזאָן ביי איינעם, איז געווען אַרבעטסלאָזיקייט ביים צווייטן. פאַרדינט נשקשה האָבן בלויז די „קאַלאַמבוס אָפּערייטאָרס", די וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה אין אַמעריקע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער 1916 סטרייק פון די קלאָוקמאַכער איז באַלד געקומען אַ פאַרטרעטער פון זייער דזשאָינט באָארד צום לאָ־קאַל 38 און געבעטן צו שטיצן דעם סטרייק. פון דעם דורכגעפאַלענעם סטרייק איז פאַרבליבן בלויז איין אָרגאַניזירטער שאַפּ מיט 10־12 אַרבע־טער. איך האָב געאַרבעט אין דעם שאַפּ. מיר האָבן זיך טאַקע באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און מיט דער הילף פון אַ קאָמיטעט פון דאַון־טאַון (די מערסטע שעפּער זיינען געווען „אַפּ־טאַון" — דאָס הייסט פון 42טע גאַס ביז 59טע) איז אונדז געלונגען אָפּצושטעלן די אַרבעט אין אַ פופצן פון די גרעסטע שעפּער, ווי: היקסאָן, וויינגאַרד, פּערל, בערג־דאָרף־גודמאַן און אַנדערע. מיר האָבן באַקומען אַ פּלאַץ, וואו מיר האָבן זיך געקענט פאַרזאַמלען, אויף צווייטער עוועניו און צווייטער גאַס אין אַ קירך.

דעמאָלט האָט אין מיין שכנות פּאַסירט אַ טראַגעדיע, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון קינדער־פּאַראַליז און אַלע מאַמעס האָבן געציטערט פאַרן גורל פון זייערע

קינדער. איך האָב געוואוינט אויף פרענקלין עוועניו, אויפן דריטן שטאָק איבער מיר האָט געוואוינט אַ מאַן מיט אַ פאַמיליע פון 4 קינדער. ער האָט געאַרבעט ביי זיינעם אַ ברודער, אַ „מאַנופעקטשורער", און בעתן סטרייק האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. דער ברודער האָט אים געשיקט אַ בריוו, אַז ער וועט אים קיינמאָל ניט צוריקנעמען צו דער אַרבעט. ער איז אין פאַרצווייפלונג אין מיטן נאַכט אַרויף אויפן דאַך און זיך אַראָפּגעוואָרפן. ביים אַרונטערפאַלן איז ער געבליבן ליגן אויף אַ דינער וואַנט מיט די פיס אין אַ צווייטן הויף און מיטן קערפּער אין אונדזער הויף. איך האָב נאָך באַוויזן צו דערהערן זיין קרעכצן, בין אַרויסגעלאָפן און אים געטראָפן ליגן אין אַ טייך בלוט. איך האָב באַלד געררופן אַן אַמבולאַנס און מען האָט אים פאַרנומען אין שפּיטאָל, וואו ער איז אין אַ פּאָר שעה אַרום אויסגעגאַנגען. דער דאָזיקער עפּיזאָד, אַ צייכן פון אכזריות מצד אַן אייגענעם ברודער, האָט מיך לאַנג פאַרפאָלגט. צוליב דער טראַגעדיע מיט דעם שכנס זעלבסטמאָרד האָבן מיין פרוי און קינד פאַרלאָזן צייטווייליק ניו־יאָרק און זיינען אַוועק צו אַ פריינט אין קינגסטאָן. אין־צווישן האָב איך באַקומען אַן אַנדער וואוינונג און זיך אַריבערגעצויגן אַהין.

דער קלאָוקמאַכער סטרייק איז געווען אין פולן ברען. אינמיטן האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע אַז אונדזער מיידעלע איז קראַנק. איך בין באַלד אַוועקגעפאָרן קיין קינגסטאָן און עס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך ביז די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז זי איז קראַנק אויף קינדער־פּאַראַליז (אינפאַנטעיל פּאַראַליסיס).

די אָפּטיילונג פאַר געזונט ענינים (באָארד אָוו העלט) פון אַלבאַני האָט באַלד איינגעשטעלט אַ קאַראַנטין און קיינעם ניט צוגעלאָזט צו מיין קינד. זיי האָבן אונדז אַפילו פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן די שטוב. ענדלעך האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש זיך צוריקצוקערן קיין ניו יאָרק. אַהין זיינען מיר געפאָרן באַגלייט פון צוויי פּאָליציאַנטן פון פאָרנט און צוויי — הינטער אונדז...

איך האָב זיך אַרויסגעקליבן אין אַ ליכטיקערע דירה אין בראָנקס און האָב זיך באַמיט צו באַקומען די בעסטע דאָקטוירים פאַרן קינד. ד'ער „פאָרווערטס" האָט דעמאָלט געעפנט אַ זאַמלונג פאַר אַ פאָנד לטובת די געליטענע פון קינדער־פּאַראַליז. עס איז דעמאָלט געווען אין סאַמע מיטן ברען פון סטרייק. איך האָב ניט געהאַט גענוג געלט פאַר דאָק־

טוירים. דער דאָקטאָר, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט מיר צוגעשיקט, האָט פאַרלאַנגט פינף דאָלער פאַרן וויזיט. איך האָב אים געפּרואווט דערקלערן מיין לאַגע, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערן און זען. מיט שוועריקייטן איז מיר געלונגען צו קריגן אַן הלוואה פון 5 דאָלער און איך האָב אים באַצאָלט. נאָך זיין אוועקגיין האָב איך צעריסן זיין מעדיצינישן צעטל (פּרעסקריפּשאַן). אַזוי האָט דער „פאָרווערטס" שוין דאַן געזאָרגט פאַר אָרעמע אַרבעטער...

נאָך לאַנגע מאַטערנישן און פאַרשיידענע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען מיט דאָקטוירים און שפּיטעלער, איז מיין טאָכטער אויסגע־היילט געוואָרן פון דער געפערלעכער קראַנקהייט.

נאָך מיין צוריקקער קיין ניו־יאָרק פון קינגסטאָן, וואו עס האָט פּאַסירט די טראַגעדיע מיט מיין טאָכטער, האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ געווּיסן שאָפּ, היקסאָן, אויף 5טער עוועניו און 52טע גאַס. נאָך עטלעכע חדשים האָט מיך דער אייגנטימער געשיקט אַרבעטן אין זיינער אָפּטיילונג אין באָסטאָן. דאָרט האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן ווינ־טער. דערווייל איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון יידישן קאָמיטעט פאַר הילף צו די געליטענע פון דער מלחמה (פּיפּלס רעליף) און איך בין געווען אַ מיטגליד פון אָראַנזשיר קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט די קאָנפערענץ.

מײן באַגעגעניש מיטן לײטענאַנט־גאָװערנאָר פֿון מאַסאַטשוזעטס — קאַלװין קולידזש

דער צופֿאַל האָט געװאָלט איך זאָל זיך טרעפֿן מיט אַ צוקונפֿטיקן רעפּובליקאַנער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן, װעלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע אין משפּט פֿון צװײ אומשולדיקע אַרבעטער די היסטאָריש־באַרימטע סאַקאָ און װאַנזעטי, קעמפֿער און מאַרטירער אויפֿן מזבח פֿון רעאַקציע.

פּאַסירט האָט עס אַזוי: קולידזש, דעמאָלט דער װיצע־גאָװערנאָר פֿון שטאָט מאַסאַטשוזעטס, איז געקומען באַגריסן די קאָנפֿערענץ צו העלפֿן די קרבנות פֿון דער ערשטער װעלט־מלחמה. די קאָנפֿערענץ האָט זיך געדאַרפֿט אָנהויבן 8 אַזײגער און ער איז, פֿאַרשטײט זיך, געקומען אין צײט. האָט דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט מיר צוגעטײלט דעם „כבוד" אים אונטער־צוהאַלטן און פֿאַרברענגען מיט אים ביז די קאָנפֿערענץ װעט זיך אָנ־הויבן.

מיר האָבן געפֿירט אונדזער שמועס אַרום סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג און געזעצגעבונג, װאָס האָט שוין דאַן געהערשט אין די אײראָפּעאישע לענדער, באַזונדערס אין דער שװײץ; װעגן „קראַנקען בענעפֿיט" און אַזוי װײטער. ער האָט זיך צוגעהערט אויפֿמערקזאַם צו מײַנע רײד. שפּעטער האָב איך געלײענט אין אַ באָסטאָנער צײטונג, אַז קולידזש האָט אַרײַנ־געבראַכט אַ פֿאָרשלאַג מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע צו שטודירן די פֿראַגע פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג און אַרײַנברענגען רעקאָמענדאַציעס. װאָס פֿון דעם איז געװאָרן — װײס איך ניט.

זומער 1917, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק קײן ניו־יאָרק. איך בין אַװעק אַרבעטן אין דער פֿאַבריק פֿון היקסאָנען. מיר האָבן באַ־שלאָסן צו יוניאָניזירן דעם שאָפּ. אין אײנעם אַ זומער־טאָג האָט מען מיך גערופֿן אין דער ביורא פֿון דער אינטערנעשאָנעל און די פֿירער — שלעזינגער, זיגמאַן און באַראָװ, דער סעקרעטאַר — האָבן מיר פֿאַר־

געשלאָגן אָנגעמען דעם אַמט פון אַן אָרגאַנייזער אין לאָקאַל 38. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט 20 דאלער אַ וואָך שכירות און פאַרזיכערט אַז די דאַמען־שניידער (לעידיס טעילאָרס) וועלן האָבן צוטרוי. איך האָב אָנגענומען דעם אַמט.

אינאיינעם מיט דעם אָפּיס סעקרעטאַר, הערי הילפמאַן, האָב איך צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון שעפּער, וואָס מען דאַרף יוניאָניזירן, און איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן די שעפּער, יעדער אינדערפרי פאַר דער אַרבעט, מיטאָג צייט און פאַרנאַכט. אַזוי האָב איך צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

סוף חודש אויגוסט 1917 האָבן מיר גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג און אויף אונדזער ערשטן רוף זיינען געקומען אַן ערך 150 מענטשן. די אינטערנעשאָנעל האָט אונדז צוגעשיקט אַלס אַן אויפפּאַסער אַ געוויסן סע־מועל לעפקאָוויטש, אַ מענטש מיט אַ הדרת פּנים, מיט אַ פראַנצויזיש בערדל. קיין גרויסער אָרגאַניזאַטאָר איז ער ניט געווען, אָבער ער האָט זיך אויסגעטויגט צו פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים. זיין רעספּעק־טאַבעלער אויסזען האָט אים געהאָלפן געפינען חן אין די אויגן פון די באַלעבאַטים.

מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ גענעראַל־סטרייק. אין מיטן סעפּ־טעמבער פון יענעם יאָר האָבן מיר גערופן נאָך אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זיינען שוין דאָס מאָל געקומען אַרום 400 מענטשן. די רעדנער זיינען געווען מאַקס גאָלדפאַרב פון „פאָרווערטס״, עלמער ראָזענבערג פון דער „אינטערנעשאָנעל״, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קאַנ־דידאַט פאַר אַסעמבלי, און אַלדזשערנאָן לי. סעמועל לעפקאָוויטש איז געווען דער פאָרזיצער.

איך געדענק ניט צי איך זאָל האָבן אַדרעסירט די פאַרזאַמלונג. וואָס איך געדענק יאָ איז, אַז מיר האָבן צוגעגרייט אַ פלוג־בלעטל (ליפלעט) און איך האָב פאַרן שלוס פון די זיצונגען געמאָלדן, אַז „מאָרגן 10 אינ־דערפרי גייען מיר אַרויס אין סטרייק״. די באַדינגונגען לאָזט די יוניאָן איבער צו יעדן שאַפּ. צום ביישפּיל, די פּראָבלעם וועגן „שטיק־אַרבעט״ אָדער „וואָך־אַרבעט״, איז אַ זאַך, וואָס דער שאַפּ אַליין וועט באַשטימען. דער אָפּרוף איז געווען אַ גינסטיקער. אין איין וואָך צייט איז דער סטרייק געשליכטעט געוואָרן. מען איז צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

אַרבעט איז דעמאָלט געווען גענוג. ס׳איז געווען זייער „ביזי״.

דאָס האָט אונדז אַ סך געהאָלפן. אַזוי איז מיר געלונגען צו בייטן די סיסטעם אין שעפער, אין וועלכע מען האָט געאַרבעט ביי דער „שטיק" — אויף וואָך־אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום האָט די יוניאָן גערופן אַ צווייטן סטרייק פון די „לעידיס טעילאָרס" און עס האָט זיך איינגעגעבן אין יענעם יאָר (1918) אויפצוהויבן דעם מינימום פון 34 דאָלער אַ וואָך אויף גאַנצע 50. מען האָט אָפגעשאַפט שטיק־אַרבעט און אין אַ סך שעפער האָבן די אַרבעטער פאַרדינט ביז 60 דאָלער אַ וואָך.

אין יענער צייט האָט די „אינטערנעשאָנעל" אָפגעהאַלטן אַ קאָנ־ווענשאָן אין באָסטאָן און איך בין געווען איינער פון די דעלעגאַטן, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם לאָקאַל 38. דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען שטרייטן און צווייטיקייטן צווישן לאָקאַל 1 און 17, מיט דער רובין־ליוואַי גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּאָזיציע אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, ווייט געווען פון צו זיין אַ פּרינציפּיעלער און „ריינער" קאַמף.

אַלס הויפט אָנגעשטעלטן האָט מען דעמאָלט אַראָפּגעבראַכט פון שיקאַגאָ, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון שלעזינגערן, דעם פּאָפּולערן אַרבעטער־פירער, ביזנאַ. לאַנג האָט זיך ביזנאַ ניט געהאַלטן אין זיין אַמט פון „טשיף קלוירק". די מאַשין פון די קלאָוקמאַכער האָט גע־אַרבעט קעגן אים און מ'האָט אַפילו צוואָרפן די וואַנט פון זיין אָפיס, אַרויסגענומען זיין טעלעפאָן און ער איז געבליבן בלויז מיט אַ בענקל און טישל אין מיטן צימער... אויף דער רעקאָמענדאַציע פון שלעזינ־גערן איז דעמאָלט געקומען פון שיקאַגאָ סידני הילמאַן, אָבער מען איז פון אים אויך שנעל פּטור געוואָרן און אויף זיין אָרט האָט מען געבראַכט פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הלוי הורוויץ. זיין מזל אין דער יוניאָן איז ניט געווען בעסער פון די ערשטע צוויי, מען האָט אים אויך משלח געווען. אין קורצן, עס האָבן זיך געשאַפן קליקעס אויף קליקעס און איינע האָט באַקעמפט די אַנדערע. לאָקאַל איינס האָט געהאַט אַלס פירער אַ גע־וויסן קאַטלער; לאָקאַל 17 — העלער; לאָקאַל 9 איז געפירט געוואָרן פון היילפערין און ראָזענבלאַט; לאָקאַל 35, דער אָנשטענדיקסטער פון אַלע, איז געפירט געוואָרן פון סעקרעטאַר קייזין, וואָס איז שפעטער געוואָרן דער בויער פון די אַמאַלגאַמייטעד־הייזער און אונטער וועמענס אויפזיכט עס ווערן איצט געבויט די אינטערנעשאָנעל הייזער אויף גרענד סטריט און איסט ריווער. די אַלע לאָקאַלן האָבן זיך קעגנזייטיק באַ־

קעמפּט: די — פאַר הורוויצן, די — פאַר אַן אַנדערן, די — פאַר אַזעלכע אָדער אַנדערע באַדינגונגען. רובין און ליוואַי האָבן געפאָדערט מען זאָל אויסהערן זייערע אָפּאָזיציאָנעלע אַרגומענטן און זיי צולאָזן צו דער קאָנווענשאָן; 17 און 1 האָבן זיך באַקעמפּט. די גענעראַל עקזעקוטיווע האָט זיך אַריינגעמישט, געפּרואווט פאַראייניקן ביידע לאָקאַלן — 1 און 17 אונטער איין נאָמען — „117", אָבער דער דערמאָנטער העלער האָט אַרויסגענומען אַן „אינדזשאַנקשאַן" (באַפעל פון געריכט) און באַקומען אַ סטעיט טשאַרטער פאַר זיין לאָקאַל 17. אַזוי אַרום איז געקומען אַ שענדלעכע צעשפּליטערונג אין דער אינטערנעשאָנעל. די רובין־ליוואַי אָפּערע און יצחק אייזיק הורוויץ־אָפּערע. האָט מען באַשלאָסן דורכצו־פירן וואַלן אונטער דער אויפזיכט פון אַן אומפּאַרטייאישער קאָמיטע. אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין לעפקאָוויטש, מאַגנאָוויטאַ פון לאָקאַל 38 און איך. די וואַלן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ כשרן אופן. נאָכן שטימען האָט מען פאַרשלאָסן דעם שטימקאַסטן, די שליסלען האָט לעפקאָוויטש גענומען מיט זיך, אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מיר זיינען געקומען ציילן די צעטלעך („באַלאָטס"), האָבן מיר אויסגעפונען, אַז עמעצער האָט אויפגעבראָכן דעם שלאָס און אַרויסגענומען די שטים־צעטלעך. מיר האָבן קיינמאָל ניט אויסגעפונען ווער דער שלאָס־ברעכער איז געווען.

די ערשטע וועלט מלחמה; די שטעלונג פון די אַרבעטער און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער וועלט־מלחמה.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דעמאָלט פאַרצייכנט געוויסע זיגן אין ניו־יאָרק. עס זיינען דערוויילט געוואָרן פאַרטרעטער צו דער אַסעמבלי, אַן אַלדערמען, דזשעיקאָב פּענקין איז דערוויילט געוואָרן אַלס מוניצי־פּאַלער ריכטער. אויף דער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאַן אין סט. לואיס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז דער אַמעריקאַנער אַר־בעטער־קלאַס האָט ניט קיין אינטערעס אין דער מלחמה אין אייראָפּע. די רעזאָלוציע איז אנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען. עס האָט זיך אָבער באַלד געשאַפן אַן אָפּאָזיציע, בראש פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען מאָריס הילקוויט, מאיר לאָנדאָן און וויקטאָר בערגער. די לעצטע צוויי — קאָנגרעסלייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אידעאָלאָ־גישע שטרייטן אין דער פּאַרטיי און די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דווקא האָט דעמאָלט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און דער אַרבעטער־קלאַס בכלל, פאַרצייכנט גרויסע זיגן. ווי דערמאָנט, זיינען דערוויילט געוואָרן עטלעכע אַסעמבלי־לייט, צוויי קאָנגרעסלייט, אַ סאָ־ציאַליסטישער אַלדערמען און אַ סאָציאַליסטישער מעיאָר אין מילוואקי; הילקוויט, אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק, האָט באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען. האָט די רעאַקציע אין ליכט פון דעם סאָציאַליסטישן וואוקס, נאַטירלעך ניט געקענט שוויגן. מען האָט דעמאָלט געמאַכט אַ בלבול אויף די דערוויילטע סאָציאַליסטישע אַסעמבלי־לייט. דעבסן און רוטענבערגן האָט מען פאַרשפאַרט אין טורמע. אין קורצן, די רעאַקציע האָט אָנגעהויבן בושעווען.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט דעמאָלט באַשלאָסן אויסצושליסן אַלע נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס פון דער פּאַרטיי, מיטן אויסנאַם פון דער יידישער, ווייל זיי האָבן געשטיצט

די 21 פונקטן פון דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט אַ סך אַריינ־געשפּילט אין די הענט פון דער רעאַקציע.

נאָכן געווינען פון דעם דערמאָנטן סטרייק האָבן זיך די „יוניאָן־שעפּער" אַנטוויקלט. אויף דער צווייטער עוועניו האָט זיך דעמאָלט גע־פונען אַ גרויסער קליידער־שאָפּ, וואָס האָט באַשעפטיקט איבער הונדערט אַרבעטער — די מילגרים ברידער, וועלכע זיינען, במחילה, געווען אַרויפגעאַרבעטע גראָבע־יונגען „אַלרייטניקעס", וועמען עס האָט געפעלט דער מינימום פון אַנשטענדיקייט. אַרויפגעאַרבעטע נגידים, האָט זיך דער קאָפּ ביי זיי פאַרדרייט. דער ייִנגסטער ברודער איז געווען אַ גראָ־דואירטער פון קאָלעדזש, און דער „אוטשאַני יעוורעי", דער געבילדע־טער האָט זיך באַפריינדעט מיט דעם טעמעני־פּאָליטישען דזשאָדזש (ריכטער) אַראָן ליוואַי, וואָס האָט געהאָלפן „אימפּיטשן" (אַרונטער־וואַרפן אין מיטן טערמין פון זיין אַמט) דעם גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק סטייט — סולצער (1912). דער ליוואַי איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער. ווען די מילגרוים ברידער האָבן אים אַריינבאַקומען אַלס הויז־פריינט און נאָכדעם אַלס שותף, האָט זיך ביי זיי דער קאָפּ גאָר אַנגעהויבן שווינד־לען פון פאַרריסנקייט. די דאָזיקע נגידים האָבן קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז ביי זיי אין שאָפּ זאָלן אַרבעטן אָרגאַני־זירטע אַרבעטער — יוניאָן־לייט. זיי האָבן אָנגענומען פאַרשיידענע מיט־לען ווי פּטור צו ווערן פון דער יוניאָן, אָבער עס איז ניט געגאַנגען. ביז זיי איז איינגעפאַלן צו אָרגאַניזירן ביי זיך אין דער היים, אין באָראָ פּאַרק, אַ געהיימען שאָפּ, וואו אַ געוויסע צאָל אַרבעטער פלעגן פאָרן נאָך דער אַרבעט און אויף די סוף־וואָכן. געטאָן האָבן זיי דאָס ניט צוליב נויט אין פּראָדוקציע, נאָר כדי צו צעברעכן די יוניאָן. דאָס האָבן זיי געטאָן מיטן וויסן און מיט דער גוטהייסונג פון זייער פריינט דזשאָדזש ליוואַי.

עס האָט זיך געפונען אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן די „אומלעגאַלע אַרבעט" אין באָראָ פּאַרק. ער האָט אונדז צו וויסן געגעבן און מיר, איך און הערי הילפמאַן, האָבן אָפּגעוואַרט אַ גאַנצע נאַכט און גאַנץ פרי, ווען די אַרבעטער זיינען אַרויס פון דער אַרבעט, האָבן מיר זיי באַפוילן צו קומען אין דער יוניאָן. אַלס רע־וואַנש האָבן די באַלעבאַטים אַוועקגעשיקט דעם טשערמאַן (פּאַרזי־צער) פון שאָפּ און די יוניאָן האָט דערקלערט אַ סטרייק, ביז מען וועט

צוריקרופן דעם טשערמאַן. איבער 4 חדשים האָט דער סטרייק אָנ־געהאַלטן און האָט געקאָסט קרבנות. עס איז דעמאָלט געווען אַ שווע־רער ווינטער. מענטשן האָבן זיך פאַרקילט, זיינען געפרוירן געוואָרן. עס דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די אינטערנעשאָנעל האָט דעמאָלט באמת געמאַכט אַ גרויסן בייטראָג אין דער פאָרם פון גרויסע ביישטייערונ־גען, אַרבעטער האָבן אַוועקגעגעבן 10 פּראָצענט פון זייערע שכירות. די פּאָליציי און די געריכטן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים. דזשאָדזש ליוואַי איז אַן חרפּה און בושה געקומען אין שאַפּ, און באַשיצט פון דער פּאָליציי, גערעדט מיט די באַלעבאַטים. עס איז ניט געווען קיין שאַנס, אַז דער סטרייק זאָל גע־וואונען ווערן. די יוניאַן האָט דעם שאַפּ באַיקאָטירט, אָבער עס איז דעמאָלט געווען אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, און עס האָט געקאָסט גענוג מי אָפּצוהאַלטן אַן אַרבעטער ניט צו גיין צו די מילגרוימס אַרבעטן.

דער קאַמף מיט די מילגרוים-ברידער און זייער שותף...

פאַר דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל אין 1920 האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו פאַראייניקן די אַרבעטער פון פרויען קליידער (לעידיס טעילאָרס) מיט די „סעמפּל־מאַכער" פון לאָקאַל 3. איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן און קיין דעלעגאַט פון די אַנדערע לאָקאַלן האָט ניט אויסגעזעצט קעגן דעם פאַרלאַנג פון אייניקייט אויף דער קאָנווענשאָן.

אָבער צוריקקערנדיק זיך פון דער קאָנווענשאָן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט א ווידערשטאַנד פון דערמאָנטן לעפקאָוויטשן און אַ געוויסן באַאמטן פון לאָקאַל 3. איין פאָדערונג וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט האָט געלויטעט, עס זאָלן ניט פאַרקומען קיין נייע וואַלן פאַר באַאַמטע. אין דער קלאָוקמאַכער אינדוסטריע פלעגט מען דאַן אַלע באַאמטע באַשטימען און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן אַזאַ מעטאָד פאַרן בעסטן מיטל צו קאָנטראָלירן די יוניאָן. מיר, דאַקעגן, האָבן געהאַלטן, אַז באַאמטע וואָס קריגן אַ געהאַלט, דאַרפן דערווײלט ווערן פון די מיטגלידער. די מיטגלידער פון לאָקאַל 38 האָבן געשטיצט די פאָדערונג. עס האָט געהאַלטן, אַז די פאַראייניקונג זאָל אינגאַנצן נישט צושטאַנד קומען. דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן צו באַאיינפלוסן די מיטגלידער, מען זאָל נאָכגעבן די באַאמטע פון לאָקאַל 3. איך אַליין האָב זיך אנטזאגט אָנצונעמען וועלכן עס איז באַצאָלטן אַמט און בין אַוועק אַרבעטן אין שאָפּ. דעמאָלט זיינען דערווײלט געוואָרן פאַר „ביזנעס אַגענטן" נייטן ווילקס, דזשעיקאָבס און מאַגנאָוויטאַ.

אין יענער צייט איז געווען אַ דוחק אויף געניטע אַרבעטער. דזשאָדזש ליוואַי האָט זיך געווענדעט צו רובין סאַדאָווסקי, ער זאָל צונויפפירן די מילגרוים ברידער מיט לאָקאַל 38 צו אַ קאָנפערענץ. ביי יענער קאָנפערענץ זיינען אָנוועזנד געווען, אַ חוץ ליוואַי און זיגמאַן, אויך איינער פון די מיל־

גרוימס באַלעבאַטים און איך. גלייך באַלד ביי דער ערשטער זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, אַז מיר קענען אָרגאַניזירן דעם גאַנצן שאַפּ.

מיר האָבן באַלד גערופן אַ שאַפּ־מיטינג און אָרגאַניזירט אַרום 300 אַרבעטער. מילגרוימס און ליוואַי האָבן דאָך ניט אויפגעגעבן זייער האָפנונג פּטור צו ווערן פון דער יוניאָן און האָבן אָנגעהויבן שפּינען נייע אינ־טריגעס. זיי האָבן גענומען דעם טשערמאַן, אונטער וועלכן די אַרבעטער האָבן געסטרייקט גאַנצע 17 וואָכן, און אים געמאַכט פאַרן פאַרוואַלטער. מילגרוים האָט מיט אויסערגעוויינלעכער חוצפּה דערקלערט, אַז ער קען אַפילו שלעזינגערן אַליין מאַכן צו אַרבעטן פאַר אים. אַלע אַרבעטער זיינען אויפגעצאַרנט געוואָרן פון דער חוצפּה און אַפילו די געוועזענע סטרייקברעכער האָבן געפאָדערט ער זאָל פאַרלאָזן זיין „מענעדזשער”־דזשאָב. די מילגרוימס זיינען אָבער געבליבן פאַרעקשנט, געטענהט אַז זיי האָבן אַ רעכט אָנצושטעלן וועמען זיי ווילן און די יוניאָן האָט גאָר־ניט געקענט טאָן. עס זיינען נאָך פאָרגעקומען געניוג קאַמפן מיט די מילגרוימס, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געהאַט זייער שאַפּ אויף דער 74טער גאַס און בראָדוויי. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיטן דזשאָדזש אין אָפיס פון די מילגרויסמס און אין מיוניסיפּאַל קאָורט (מו־ניציפּאַלן געריכט). עס זיינען געווען ציימן ווען ער האָט איבערגעריסן אַ „קעיס” אין מיטן און מיך אויפגענומען. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט אַ געוויסן דרך־ארץ, אָבער זיינע אינטריגעס האָבן ניט אויפ־געהערט. עס האָט איינמאָל פּאַסירט און ער האָט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז אַ געוויסער ענין זאָל איבערגיין צו אַ בוררות (אַרביטריישאָן). איך האָב אים דערקלערט, אַז אַזאַ זאַך דאַרף גוטגעהייסן ווערן פון די אַרבעטער אַליין אין שאַפּ. ער האָט פאַרגעלייגט איך זאָל רופן אַ פאַרזאַמלונג פון די שאַפּ־אַרבעטער. ווי איבערראַשט איך בין אָבער געוואָרן ווען איך בין געקומען צו דעם זאַל וואו מיר פלעגן שטענדיק אָפּהאַלטן אונדזערע מיטינגען, האָב איך אויסגעפונען אַז די פּאָליציי האָט פאַרווערט אונדז צו פאַרדינגען דעם זאַל. מיר זיינען אַוועק זוכן אַן אַנדער פּלאַץ און מען האָט אונדז געגעבן דעם זעלבן ענטפער, ביז מיר האָבן ענדלעך באַקומען דעם „ברייענט האָל”. ווען איך האָב פאַרגעלייגט פאַר די אַר־בעטער ליוואַיס פאַרשלאַג, האָבן זיי פון גאַרניט געוואָלט הערן. זיי האָבן געשריען, אַז זיי ווילן אַ לוין־העכערונג. מיר איז אָבער אַזאַ ראַדיקאַליזם מצד מענטשן, וועלכע האָבן גאַנץ פיין „געסקעבט” אין סטרייק פון 1917,

ניט געפעלן, און האָב אַ סך אַרגומענטירט מיט זיי אַנצונעמען אַראָן ליוואַיס פאָרשלאָג פאַר „אַרביטריישאַן". ווען איך האָב שפּעטער אָנגעקלונגען דעם ריכטער, האָט ער מיר געענטפערט אויף אַ גראָבן „סלענג"-לשון: „האַלט זיך מיט אייערע אַרבעטער!" („איידעלער" גערעדט: „שטעקט זיי...").

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיינע „גרויסע ראַדיקאַלן" האָבן שוין געהאַט מיט אים פריער געמאַכט סקעבישע קאָנטראַקטן. די יוניאָן איז געצוואונגען געווען ווידער צו רופן אַ סטרייק. עס איז געווען אַ פאַרביסענער קאַמף. יעדער טאָג אַרעסטן און בלבולים אויף די אַרבעטער. די „גערעכטן" האָבן, פאַרשטייט זיך, געאַרבעט פאַרן „דזשאַדזש". איין דזשאַדזש האָט פאַראָרדנט דער פּאָליציי ניט צוצולאָזן די יוניאָן־באַאמטע 4 בלאָקס פונעם שאַפּ, און דערלויבן ניט מער ווי צוויי פּיקעטס אַרום דעם שאַפּ.

איך וויל דאָ איבערגעבן צוויי כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון יענעם קאַמף:

ביי מילגרוימען האָט געאַרבעט מאָרעס קאַפּטאַן — אַ 74־יאָריקער אַרבעטער. ער האָט ביי זיי אָפּגעאַרבעט גאַנצע 20 יאָר. דער באַלעבאָס האָט אים אָבער אין אַ שיינעם טאָג געלאָזט אַרעסטירן, ווייל ער האָט כלומרשט אָפּגעשטעלט אַ קונה, אַ קויפערין, און זי געראָפן גיין מיט אים „פאַרברענגען". די דאָזיקע קויפערין איז, פאַרשטייט זיך, געווען פון די אמתע צנועות... דער ריכטער האָט קאַפּטאַנען באַשטראָפט מיט 5 טעג שווערער אַרבעט. איך האָב ניט גערוט ביז איך האָב אים, מיט דער הילף פון אַדוואָקאַט מאָריס ראָטענבערג, אַרויסגענומען אויף „העיבאס קאָרפּוס".

נאָך אַן עפּיזאָד: אַ געוויסן טאָג בין איך געקומען זען די „פּיקעטלאַין", זיינען מיך באַפאַלן מילגרוימס אונטערוועלט־פאַרשוינען. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ קראָם זיך צו ראַטעווען פון די מערדער, איז אָנגעקומען דער „געבילדעטער" טשאַרלי, מיר דער „קאַלעדזש דיפּלאָמע" און מיך אָנגעקלאָגט, אַז איך האָב געשלאָגן זיין ברודער. מען האָט מיך פאַרנומען און געשטעלט אונטער בעיל (קאַוציע). איך האָב געהאַט אַ פּראָבלעם צו קריגן אַן אַדוואָקאַט. די יוניאָן־אַדוואָקאַטן, מאָריס ראָטענבערג און מעקס לעווין זיינען געווען דעמאָקראַטן און האָבן מורא געהאַט אויפטרעטן קעגן דזשאַדזש אַראָן ליוואַי. נאָך אַ סך באַמיאונגען האָט מיך דער אָרנטלעכער אַדוואָקאַט ראָטענבערג רעקאָמענדירט צו אַ געוויסן אַדוואָקאַט.

קאַמינסקי, אַ געוועזענער דיסטריקט אַטוירני און אַ רעפּובליקאַנער, און יענער האָט גענומען מיין „קעיס".

די אָנקלאַגע האָט געבראַכט פאַלשע עדות וועלכע האָבן געזאָגט, אַז איך האָב אומגעוואָרפן איינעם פון די באַלעבאַטים, לואי מילגרוים, און האָב אים געטראָטן מיט די פיס. אַלס באַווייז האָבן זיי צוגעשטעלט אַ צעבראָכענעם האַרטן קאַפּעליוש (אַ „דוירבי"). אין צווישן איז דער ריכטער אַרויסגעגאַנגען ענטפערן אַ טעלעפאָן. דאָ האָט קאַמינסקי עפּעס אַריינגערוימט דעם געריכט־באַדינער אין אויער, און ווען דער ריכטער האָט זיך צוריקגעקערט האָט קאַמינסקי געהאַלטן מילגרוימען אויפן קרייץ־פאַרהער. ער האָט אים געפרעגט ווי גרויס איז דער חלק פון ריכטער ליוואַי אין דער פירמע פון די מילגרוים־ברידער. קאַמינסקי האָט זיך אַנטזאַגט פאָרצוזעצן דעם קרייץ־פאַרהער און אויפגעפאָדערט דעם ריכטער זיך אַליין צו באַזייטיקן אויפן גרונט פון דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס גערעדט מיטן דזשאָדזש. דער „דזשאָדזש" איז געוואָרן בלאַס, האָט אַ ווילע געטראַכט און נאָכדעם דערקלערט, אַז ער וואַרפט אַרויס די „קעיס".

נאָך 10 וואָכן איז דער סטרייק אויפגעגעבן געוואָרן און פּרעזידענט שלעזינגער האָט אָנגעקלאָגט דעם ריכטער ליוואַי. די ניו־יאָרק באַר אַסאָסיאיישאָן האָט אָנגעשטעלט אירן אַן אַדוואָקאַט, לעאָנאַרד וואַלערשטיין. דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל ליוואַין אָפּזאָגן פון זיין אַמט, אָבער ער האָט געהאַט די טעמעני מאַשין אויף זיין זייט און האָט אַזוי אַרום אָפּגעשלעפּט זיין משפט ביז דער ניו־יאָרק סופּרים קאָורט האָט זיך געביטן און מען האָט דעם ענין „צעריבן". ערשט יאָרן שפּעטער, ווען ליוואַי האָט געוואָלט לויפן אַלס סופּרים קאָורט ריכטער, האָט ער שלום געמאַכט מיט דער יוניאָן.

אַ געשפּרעך מיט דעם ריכטער וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט זאָגט עדות אויף זיין מענטאַליטעט, ווי בכלל אויף זיין באַנעם פון „גערעכטיקייט". איך האָב אים אַמאָל דערציילט וועגן אַ „פּרעים אַפּ"," אַ בלבול אויף מיר, און געפרעגט וואָס מען טוט קעגן אַ וויסטן שקר־בלבול? ער האָט לאַנג ניט געקלערט און מיר געענטפערט: „קעגן אַ בלבול קענט איר זיך קיינמאָל ניט פאַרטיידיקן. אַנדערש איז ווען איר באַגייט אַ פאַרברעכן, קענט איר אַלעמאָל שאַפן אַן „אַליביי", אַ „תירוץ"... ער האָט געוואוסט וואָס ער האָט געזאָגט. ווען איך האָב ניט קאַמינסקין אַלס מיין אַדוואָקאַט, וואָלט מיך יענער בלבול געקאָסט טייער...

די אינטערנעשאַנעל אין 1922

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל אין קליוולאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון און איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

די קאָנווענשאָן איז צוגעגרייט געוואָרן פון דער „מאַשין", וועלכע האָט שוין קאָנטראָליסט אַז אַלץ זאָל גיין ווי געשמירט. כאָטש אין יענער צייט האָבן נאָך אַנטאַגאָניזם און האָכמאַן פרעטענדירט אויף „לינקיזם". אויך ל. ליוואַי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „לינקן" און אין דער זעלבער צייט זיך געטוליעט צו יאַנאָווסקין, דעם רעדאַקטאָר פון „גערעכטיגקייט", און צו זיגמאַנען.

אויף יענער קאָנווענשאָן האָט זיגמאַן אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע קעגן אַן אַקטיווער טוערין און אַרבעטער־קעמפערין, איידאַ ראַטשטיין, אַז זי האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּאָזיציע קעגן דער „אינטערנעשאָנעל", אַז די באַאמטע זאָלן זיין דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מיטגלידער פון יעדן שאָפּ. איידאַ ראַטשטיין איז געווען די פאָרזיצערין פון לאָקאַל 25 און האָט דערעפנט די זיצונג. אָבער זיגמאַן האָט עס איגנאָרירט און אַליין גע־עפנט די זיצונג. איז איידאַ געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: זי האָט גענומען אַ טישל ביים עק פון זאַל, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און אַלע מיידלעך דעלעגאַטינס (דער לאָקאַל איז באַשטאַנען מערטסנס פון אַרבעטערינס) האָבן אויסגעדרייט די בענקלעך צו איר זייט, אַזוי, אַז זיגמאַן איז געבליבן פון הינטן... די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אונטער איר פאָרזיצערשאַפט.

די מאַשין און זייער „קרעדענשל קאָמיטע" האָבן גוט געוואוסט, אַז איידאַ איז די גרעסטע דערוויילטע דעלעגאַטין און האָבן זי ניט גע־קענט אויסשליסן, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע, אַז זי זאָל האָבן פאַרשפּרייט פלוג־בלעטלעך (ליפלעטס) אָפּגעדרוקט אַן דעם יוניאָן שטעמפּל (לייבל) און זי דערפאַר אויסגעשלאָסן. איך בין באַשטימט געוואָרן צו פאַר־טיידיקן איידאָן.

ווי נאָר דער פאָרזיצער קרעדענשל קאָמיטע, דייוויד דובינסקי, האָט

אַריינגעבראַכט דעם פאָרשלאַג, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געבעטן דעם פאָרזיצער ער זאָל עקזאַמינירן דעם אָנצוג, וואָס פּרעזידענט שלעזינגער טראָגט, צי האָט עס אַ יוניאָן־לייבל.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיטן פאָרשלאַג? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

— דער פּרעזידענט האָט איינגעהאַנדלט זיין אָנצוג ביי לאָרד און טעילאָר, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ סטרייק, — האָב איך געענטפערט.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל און דער פאָרזיצער האָט אויף שנעל געשלאָסן די זיצונג. די אַנטדעקונג האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אָבער מען האָט עס דערשטיקט און איידאַן האָט מען אויסגעשלאָסן. אַפילו די, וועלכע זיינען כלומרשט געווען לינק, האָבן געשטימט מיט דער מאַשין.

פאַר דער קאָנווענשאָן זיינען פאָרגעקומען אין לאָקאַל 38 דיסקוסיעס וועגן געבן אינסטרוקציעס די דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן. עס איז דעמאָלט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע צו אָנערקענען די „פרייהייט" (וועלכע איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר) ווי די איינציקע צייטונג וואָס פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. איך האָב געהאַלטן, אַז אַזאַ רעזאָלוציע וועט געבן אַ געלעגנהייט אַז אַנדערע זאָלן פאַרדאַמען די צייטונג, האָב איך דעריבער פאָרגעלייגט אַ מין קאָמפּראָמיס: מיר וועלן דאָס פאָרלייגן ביי אַ קלענערער זיצונג (אַ מין „קאָקוס"־מיטינג) און דאָרט וועלן מיר באַשטימען ווי צו האַנדלען. איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז די הייסע אָנהענגער פון דער רעזאָלוציע זיינען דווקא געווען דער רענעגאַט און מסור דזשאַזעף זאַק און דער רענעגאַט פון לאָקאַל 38, אייברעהעם טאַרטשינסקי, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ ראָלע אין פאַרראַטן די ליידיס טעילאָרס. ווען איך האָב דאָס איבערגעגעבן ביי אַ פאַרזאַמלונג פון לאָקאַל 38 האָט דער פאָרזיצער זיך געוואָרפן אויף מיר מיט אַ מעסער און מיר צעשניטן דאָס פּנים. איך האָב פאָרגעזעצט מיין אַקטיוויטעט אין דער יוניאָן אויף פאַרשיידענע געביטן.

נאָכדעם ווי איך האָב פאַרלאָזן מיין באַצאָלטן אַמט בין איך אַוועק ווכן אַרבעט ביי פּרויען קליידער („דרעסעס"). קיין גוטער דרעסמאַכער בין איך ניט געווען, בין איך געגאַנגען פון שאַפּ צו שאַפּ. אין איין פּלאַץ האָט דער באַלעבאָס דערקלערט, אַז איך אַרבעט צו פּאַמעלעך; אין אַן אַנדערן — דאָס זעלבע. אַזוי האָב איך אין איין וואָך צייט געאַרבעט אין פינף שעפּער און האָב פאַרדינט גאַנצע 13 דאָלער. אָבער איך האָב זיך

שנעל אויסגעלערנט די מלאכה און בין געוואָרן אַ פאַלנער אַרבעטער.

אין יענער צייט האָט די באַוואוסטע פירמע בען גערשיל געעפנט אַ „דרעס־שאַפּ" און דער פאַרמאַן, וועלכער איז געווען מיינער אַ פריינט, האָט מיך אַרויפגענומען צו דער אַרבעט. איך האָב גוט פאַרדינט. עס איז אָבער געווען ניט קיין אָרגאַניזירטער שאַפּ („אָפּען שאַפּ") און איך האָב אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אַרבעטער. מען האָט מיך געשיקט צו איזראַעל פיינבערגן. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער שאַפּ איז יוניאָניזירט געוואָרן. איך געדענק ווי פיינבערג איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שאַפּ און מיך געטראָפן ביי דער נייי־מאַשין. „איר קענט נאָך נייען?" האָט ער מיך געפרעגט. „אַ נאַרישקייט געדענקט זיך", האָב איך אים געענטפערט.

איך בין געוואָרן שאַפּ־טשערמאַן.

צו מיין מזל איז דער לאָקאַל פון מיין שאַפּ געווען פאַרבונדן מיט די קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען אַרויס אין סטרייק. איך בין דעמאָלט געווען דער טשערמאַן פון דער דרעסמאַכערס אָפּטיילונג און ווען אין אַ געוויסן מאָנטאָג זיינען די קלאָוקמאַכער אַרויס אין סטרייק, האָב איך זיך געטראָפן מיט פיינבערגן, דעם מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד. איך האָב אים געפרעגט וויאַזוי קאָן מען אַרבעטן ביים זעלבן באַלעבאָס „דרעסעס", ווען די קלאָוקמאַכער סטרייקן, עס הייסט דאָך אַז מיר העלפן דעם באַלעבאָס צו באַקעמפן די יוניאָן. איך האָב דעמאָלט גערופן אַ מיטינג און מיר האָבן פאַרגעזעצט צו דיסקוטירן גאַנצע עלף וואָכן, ביז די קלאָוקמאַכער האָבן „געסעטלט".

ווען מיר האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט איז צו מיר געקומען דער פאַרמאַן פון שאַפּ און דערקלערט, אַז היות ווי ער האָט ניט וואָס צו טאָן, פאָרט ער דערווייל אַוועק קיין לעיקוואוד אויף וואַקאַציע, און ווען דער סטרייק וועט זיך ענדיקן, זאָל איך אים אַהין שרייבן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען דער „דיזיינער" און נאָך אים די הויפּט־דרעיפּערין און אַלע מיט דער זעלבער טענה: זיי פאָרן קיין לעיקוואוד. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר זיך צונויפגערעדט מיטן סעקרעטאַר פון דזשאָינט באָארד, ל. לאַנגער, און איך בין מיט דעם קעמפּעריש קלאָוקמאַכער, שלום סעלין, אַוועק קיין לעיקוואוד זוכן די „וואַקאַציאָנערן". מיר האָבן געזוכט און געזוכט ביז מיר האָבן געכאַפּט אַ בחור, וואָס איז וויליק געווען צו גיין אין האָטעל וואו עס איז איינגעשטאַנען די דרעיפּערין. ער האָט אַרויס־

באַקומען פון איר דעם אַדרעס פון אַ שאַפּ אין פילאַדעלפיע... מיר זיינען באַלד אַוועק קיין פילאַדעלפיע און אָפּגעשטעלט אַ שאַפּ פון עטלעכע און דרייסיק אַרבעטער. אין אַ צווייטן שאַפּ האָבן מיר געטראָפן דעם ניו־יאָרקער באַלעבאָס, וועלכען האָט געוואָלט אונז לאָזן אַרעסטירן פאַר שטערן זיינע ביזנעס. מיר האָבן דאָרט דערקענט אַ פּאָר ניו־יאָרקער אַרבעטער און מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר וועלן אים אָנקלאָגן אין ברעכן דעם געזעץ קעגן ווייס־שקלאַפעריי... אַזוי אַרום האָט ער צוריקגעצויגן די קלאָגע קעגן אונדז און מיר קעגן אים.

ווען דער סטריק האָט זיך געענדיקט האָט דער באַלעבאָס מיך ניט געוואָלט ביי זיך אין שאַפּ, ווייל, האָט ער געזאָגט, איך האָב אים געגעבן „די וועלט צו זען”, אָבער עס האָבן זיך געפונען אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר מיר און האָבן אַפילו דערקלערט, אַז אין פאַל מען וועט מיך אָפּזאָגן, וועלן זיי סטרייקן. איך האָב אָבער דערקלערט, אַז איך וויל ניט אַז צוליב מיר זאָל עמעצער פאַרלירן איין טאָג אַרבעט, און איך בין אַוועק פון שאַפּ.

אין יענעם ווינטער, 1923, האָבן שלעזינגער און יאַנאָווסקי זיך צע־בוכקעט. יאַנאָווסקי האָט געוואָרפן שלעזינגערן אַ טינטער אין קאָפּ. נאָך יענעם געשלעג האָט שלעזינגער רעזיגנירט און מען האָט גערופן אַ ספּע־ציעלע קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר פון די זעלבע דעלעגאַטן וואָס זיינען געווען אין קליוולאַנד. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַ געוויסן לעידיס טעילאָר שאַפּ, מאַדאַם פרענסיס, און דער דיזיינער האָט מיך ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן אין סאַמע ברען פון סעזאָן. איך האָב זיך געווענדט צום הויפּט באַלעבאָס. די אַרבעטער האָבן צוגעזאָגט אָפּצואַרבעטן די שעהען פאַר מיר און דעם צווייטן דעלעגאַט, מאָריס גודמאַן, און מיר האָבן באַ־קומען די דערלויבעניש צו פאָרן צו דער קאָנווענשאָן.

אין ווינטער 1924 איז מיר געבוירן געוואָרן מיין צווייטע טאָכטער, וואָס איך האָב אַ נאָמען געגעבן „ביזי” (אַ צונאָמען וואָס די שכנים האָבן איר געגעבן).

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן פון 1924, אויף וועלכער מען האָט דערוואַרט עפּעס גרויסעס. מען האָט זיך פאַרנומען צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע שעפּער און יוניאָניזירן די אויסער שטאָ־טישע שעפּער, דאָס מיינט איינשטעלן אַ קאָנטראָל אין דער פּראָווינץ. אָבער די מאַשין האָט אַלץ צעשטערט. אַ סך דעלעגאַטן האָט מען געהייסן

הייבן די הענט. פּראַקטישע פאָרשלאָגן האָט מען אינגאַנצן ניט אויפגע־נומען. די קאָנווענשאָן האָט בלויז אויסגעהערט פּוסטע רעדעס און דער פאָרזיצער, זיגמאַן, האָט זיך שוין דאַן באַשעפטיקט מיט אַ פּי־צוכט פאַרם און זיין קאָפּ איז ניט געווען ביי דער קאָנווענשאָן. דעמאָלט האָט מען אויך אויסגעשלאָסן 17 דעלעגאַטן פאַרן איינציקן חטא, וואָס זיי האָבן ניט באַלאַנגט צו דער „מאַשין". צווישן זיי: ראָוז וואָרטיס, באָרוכאָוויטש, לואיס היימאַן און גם אני בתוכם, אויך ב. כאַזאַנאָוו.

לאָקאַל 38 איז געשטאַנען פאַר אַ וויכטיקער פּראָבלעם, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן און האָט געדאַרפט געלייזט ווערן: ווי אַזוי צו אָרגאַ־ניזירן די „פּריוועט" דרעסמייקערס. דאָס הייסט די מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט פּריוואַט קאַסטאָמער־אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט אויף דער פינפטער עוועניו אין אַ היפשער צאָל. עס האָט זיך ניט איינגע־געבן זיי צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם לאָקאַל 90. די אינטערנעשאָנעל האָט באַשטימט אַ מענעדזשער פאַר דעם לאָקאַל, אָבער יענער האָט גאָרניט געטאָן.

אין יאָר 1928 האָט מען ביי די לעידיס טעילאָרס געדאַרפט באַנייען דעם אָפּמאַך (די אָפּמאַכן פלעגן באַנייט ווערן יעדע 2 יאָר). מען האָט זיך געריכט אויף אַ סטרייק, האָט די פירערשאַפט גערופן אַ פאַרזאַמלונג אין בריינט האָל. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָבן מיר געוואוסט אַז זיי האָבן שוין צוגעגרייט אַ געהיימען אָפּמאַך מיט דער אַסאָסיאיישאָן אַז ביז 48 שעה וועלן די אַרבעטער פון די אַסאָסיאיישאָן־שעפּער צוריק גיין צו דער אַרבעט. דאָס האָט געמיינט, אַז די ניט־יוניאָן און די אַסאָ־סיאיישאָן שעפּער (וואו די מיידלעך האָבן געאַרבעט) וועלן בלייבן אומ־באַרירט. צום אָנהויב איז פּלאַנירט געוואָרן, אַז קיינער זאָל ניט צוריק־גיין צו דער אַרבעט ביז מען וועט ניט אָפּשטעלן די אַרבעט אין אַלע שעפּער. ווען עס איז געקומען צום באַריכט, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעזאָגט דעם געהיימען אָפּמאַך. איך האָב גענומען אַ וואָרט און האָב אַנטפּלעקט דעם סוד. דער פאָרזיצער איז אַריין אין גרימצאָרן און זיך געוואָרפן אויף מיר מיט אַ מעסער, מיר צעשניטן ס׳פּנים. די אַרבע־טער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און עס האָט געהאַלטן מען זאָל אים לינטשן... איך האָב זיך אָבער ניט דערשראָקן און זיך ניט פאַרלאָרן; און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס איך בין געווען צעבלוטיקט, בין איך געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און ניט געלאָזן עס זאָל קומען צו אַן אַטאַקע אויפן פאָרזיצער

פון לאָקאַל, ווייל איך האָב אין זינען געהאַט, אַז דאָס קען דערפירן צו אַ שפּליטערונג אין דער יוניאָן, ווי עס איז פאָרגעקומען אין 1915, ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די סעטעלמענט קאָמיטע פון דער אינטערנע־שאָנעל און עס האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די שונאים.

איך האָב געפּרואווט באַרואיקן דעם עולם, אָבער די פאַרזאַמלונג איז אָפּגעבראָכן געוואָרן. די עקזעקוטיווע האָט דורכגעפירט וואָס זי האָט גע־וואָלט. איך בין פון דער פאַרזאַמלונג אַוועק אין ניו־יאָרק האָספּיטאַל וואו מען האָט מיר פאַרנייט די וואונד און אַ פּאָר וואָכן האָב איך ניט געקענט גיין צו דער אַרבעט.

אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַררעט איז דער לאָקאַל שפּעטער גע־צוואונגען געווען צו רופן אַ סטרייק. דאָס איז געווען אין ווינטער פון 1930־1931, אין סאַמע מיטן פון דעם גרויסן קראַך אויף וואָל סטריט, ווען די טרויעריק־באַרימטע „הואווער־עפּלס" זיינען שוין געווען אויף יעדער ווינקל גאַס. בשעתן סטרייק האָבן זיך אָפּגעזוכט גענוג מיאוסע נפשות, וואָס זיינען געגאַנגען סקעבן. די אַרבעטער האָבן געקעמפט מיט אַלע כוחות. איך געדענק נאָך די גרויסע ברענענדיקע פרעסט און שניידנ־דיקע ווינטן פון יענער זייט האַדסאָן, וואָס האָבן געשרפעט און געשניטן די פּנימער.

די באַלעבאַטים פלעגן איינע די אַנדערע אַרויסהעלפן מיט די סקעבס. אַזוי פלעגן מיר אָנטרעפן, בעת פּיקעטן, די אַרבעטער פון איין שאַפּ גיין צו אַן אַנדער שאַפּ. אין אַ געוויסן קאַלטן פרימאָרגן האָב איך געטראָפן אַ סקעב אַריינגיין אין שאַפּ פון די מילגרוים בראַדערס אויף 57טער גאַס, און איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער... באַלד האָבן זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף מיר אַ פּאָר גענגסטערס און מען האָט מיך אַרעסטירט...

אין פּאַטרול־וואָגן אויפן וועג צו דער פּאָליציי, האָב איך געהאַט די „פּריווילעגיע" זיך צו געפינען צוזאַמען מיט דעיוויד דובינסקין. אין ניו־יאָרק „דעילי ניוס" איז נאָכדעם דערשינען אונדזערע ביידנס פּאָטאָגראַ־פיעס. פאַרשטייט זיך אַז אים האָבן זיי באַלד אַרויסגעלאָזן און איך בין פאַרבליבן ביז אויפדערנאַכט.

דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגן ביז ער איז אויסגעגאַנגען פון די כחות. אַ סך אַרבעטער זיינען אַוועק אָפּר כטן גלות, זוכן אַנדערע שעפּער. דער לאָקאַל איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם סטרייק.

קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן

אין 1911 האָט זיך אין ניו יאָרק געגרינדעט אַ קאָמיטעט אַרויסצו־געבן אַ פּראָגרעסיווע צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער גרינדונגס־קאָמיסיע וואָס האָט געשאַפן די צייטונג „נאָווי מיר". צום אָנהייב איז די צייטונג דערשינען אונטער אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דר. אינגערמאַן, דר. ראם און אב. קאַהאַן פון „פאָרווערטס". די אַרבעטער האָבן געהאָלפן פּאָפּולאַריזירן די צייטונג אין אָרגאַניזאַציעס און פאַרשיידענע קרייזן. צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג איז געלונגען אַראָפּצוברענגען פון דער שווייץ דעם רעוואָלוציאָנער לעוו דייטש. לאַנג האָט זיך אָבער דייטש ניט געהאַלטן אין דער רעדאַקציע צוליב זיינע שטרייטן מיט די אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער. ער איז צוריקגעפאָרן קיין איראָפּע.

מיין אַקטיוויטעט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג האָט ניט אויפגעהערט די גאַנצע צייט, ביז דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויסגעשלאָסן אַלע נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס אַרום דער פראַגע וואָס האָט זיך דאַן אויפגעהויבן וועגן אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה.

אין 1919 איז שוין דער שטרייט געווען גאַנץ שאַרף אַרום די פראַגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס איז אַנטשטאַנען אַ לינקע אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי און ווען די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט גערופן אַ קאָנווענשאַן אין באָסטאָן (1919) האָט די „רעכטע" פירערשאַפט אָנגעווענדט גאָר ניט קיין שיינע טאַקטיקס צו באַקעמפן די אָפּאָזיציע. אויסצורעכענען די אַלע „שיינע" מעטאָדן, וואָס די רעכטע האָבן אָנ־געווענדט וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. וועל איך דעריבער בלויז דער־מאָנען איין „טאַקטיק", וואָס איז כאַראַקטעריסטיש.

יעדער דעלעגאַט האָט באַקומען אַ קאַרטל און ביים שטימען האָט ער געדאַרפט ווייזן זיין קאַרטל. דער סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע איז דאַן געווען לולאָוו. ער האָט אַנגעפּאַקט די קאָנוועגשאָן מיט „פּראָקסיס" (פאַרטרעטער). אַ געוויסער דעלעגאַט, באקאל, האָט געהאַט אַזאַ „פּראָקסי"־קאַרטל און האָט געשטימט ווי לולאָווס מאַשין האָט געפאָדערט. עס איז דאַן אַנטשטאַנען אַ פראַגע וועגן צולאָזן דעלעגאַטן פון 8טן אַסעמבלי דיסטריקט פון דאַון־טאַון, ניו יאָרק. דער סעקרעטאַר פון דער קרע־דענשלס קאָמיטע, י. סיגעל, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט און דערציילט אַז אַזאַ דיסטריקט איז ניטאָ אויף דער מאַפּע פון דער פעדעראַציע. ווען באקאל האָט געוואָגט צו שטימען מען זאָל די דעלעגאַטן יאָ צולאָזן, האָט מען ביי אים צוריקגענומען זיין קאַרטל. די לולאָוו מאַשין האָט אויך געהאַט צוויי סאָרטן דעלעגאַטן. אין איין געגנט אין בראָנקס האָבן חברה, בעת אַ פאַרזאַמלונג צו דערוויילן דעלעגאַטן, אויסגעלאָשן די עלעקטריק און מען איז אַוועק אין אַ רעסטאָראַן און דאָרט דורכגעפירט וואַלן פון „אייגענע מענטשן".

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף יענער היסטאָרישער קאָנווענשאָן געמאַכט דער פאַרשטאַרבענער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט", מ. אָלגין, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ער האָט צוריקגעשליידערט דאָס „פּראָקסי"־קאַרטל וואָס מען האָט אים דער־לאַנגט און דערקלערט, אַז ער וויל בעסער זיין אַ גאַסט, אַ צושויער און ניט קיין דעלעגאַט פון אַ שטאָט, וואו ער איז קיינמאָל ניט געווען...

יענע קאָנווענשאָן האָט זיך, ווי באַוואוסט, געשפּאָלטן און עס איז געבוירן געוואָרן „די וואוירקערס פּאַרטי". אַ גרויסע צאָל מיטגלידער איז אַרויס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן דער נייער אַרבעטער פּאַרטיי. פאַר די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן ניט איינגעשטימט מיט די מעטאָדן און צילן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מען געדאַרפט געפינען אַ פעלד פון אַקטיוויזאַציע. ערשט שפּעטער, אין די יאָרן 1926־1925 האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן די אַר־בעטער קלובן אין גאַנץ ניו־יאָרק, אין די בראָנקס, און פון דאָרט האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט אין אַלע געגנטן. אין די קלובן בין איך געווען טעטיק צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־פירער און אינטעלעקטואַלן, ווי דר. מאַנדל, גלאַזבערמאַן, מעקס פּערלאָוו, מ. פּייזער, מאָריס פרידמאַן, דר. מעטליץ, יאַנג און אַנדערע. דעמאָלט האָבן זיך אויך באַוויזן די ערשטע געזאַנג־

בראָנקסער אַרבעטער־קלוב — 1932

פאַראיינען אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר יעקב שייפער, גבריאל סאָנשיין, טאָמאַס סאָקאָלאָוו, ל. מאַלאַמוט און אַנדערע. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און האָט אָנגעהויבן ווערן אַ פאַקטאָר אין יידישן אַרבעטער און פאָלקס־לעבן. די אַרבעטער־קלובן זיינען געוועזן דער פונדאַמענט פאַר דער גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

טעג און יאָרן אין סאָוועטן־
פאַרבאַנד

מיין רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

יולי 1932 האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. צו דער געלעגנהייט פון מיין אָפּפאַר, האָבן די אָרגאַניזאַציעס, וואו איך בין געווען טעטיק, אַראַנזשירט אָפיציעלע אָפּשייד־אָוונטן. צום שיף זיינען געקומען מיך באַגלייטן הונדערטער פריינט, אַז די גאַנצע שיף־דעק איז געווען פול מיט מענטשן. די שיף איז אָפּגעגאַנגען שפּעט ביי־נאַכט.

אויף מאָרגן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אויף דער שיף מיט מיר געפינט זיך מיינער אַ חבר פון בראָנקסער קולטור־צענטער, וואָס איז אָפּגעפאָרן שטילערהייט, צוליב פאַמיליע־ענינים; דורך אים האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ גרופּע פון עטלעכע און פערציק מענטשן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין בירא־בידזשאַן. איך האָב גלייך באַמערקט זייער התלהבות און ענטוזיאַזם פאַר דעם פּיאָנערטום און האָב זיי, ביי אונדזער צוזאַמענקום געזאָגט, אַז זיי דאַרפן אין זינען האָבן, אַז זיי פאָרן ווי פּיאָנערן און וועלן די ערשטע צייט קיין האָניק ניט לעקן... אַ טייל פון זיי זיינען געפאָרן מיט פרויען און קינדער. קיין באַזונדערן איינדרוק האָבן מיינע רייד אויף זיי ניט געמאַכט, פאַרקערט, מאַנכע האָבן אַפילו געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ קעגנער פון דער סאָוועטישער מדינה...

די גאַנצע גרופּע, אָן אויסנאַם, האָט געליטן פון ים־קראַנקהייט און איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איז געגאַנגען פון בעטל צו בעטל און זיי דערלאַנגט עסן און טרינקען. ווען מיר האָבן אַ פּאָר טעג פאַרבראַכט אין לאָנדאָן אין אַ האָטעל, וואו עס איז ניט געווען קיין הייסע וואַסער, האָבן זיי זיך געקרימט... איך האָב זיי געזאָגט: „איר מוזט זיך צוגעוואוינען צו אומבאַקוועמלעכקייטן, ווייל עס וועט אייך דאַרטן צוניץ קומען...״ מיט אונדז האָבן זיך אויך געפונען דער זון און די שנור פון איינעם בראָד־סקי, אַ מויערער אין בירא־בידזשאַן, וועלכע זיינען געפאָרן צו זייער פאָטער. צווישן דער גרופּע האָבן זיך געפונען מערערע ביזנעסלייט פון דער פּראָ־

ווינץ, ווי קליוולאַנד, דעטראָיט און פּיטסבורג. אויך זיי האָבן געקוקט קרום אויף דעם, וואָס איך האָב אָפּגעקילט זייער ענטוזיאַזם.

מיר האָבן זיך איבערגעזעצט אויף אַ סאָוועטישער שיף, „קאַלינין", וואָס האָט אונדז געפירט קיין האַמבורג. עס איז שוין געווען די צייט פון היטלעריסטישן אויפשטייג און די ברוינע העמדלעך האָבן געבושעוועט. די היטלעריסטן האָבן דעמאָלט געמאַכט איבערפאַלן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין שטאָטישן פּאַרק. אייניקע פון אונדזערע מיטרייזנדע האָבן אין האַמבורג אָנגעקויפט „באַרגעינס" (מציאות), ווי לעדערנע שטיוול און וואָלענע רעקלעך אאַז"וו. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער שיף און געהאַט אַ באמת אָנגענעמע רייזע. דער קאַפּיטאַן האָט אונדז באַהאַנדלט ווי געסט פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

אויפן וועג זיינען פאַרגעקומען צוויי געשעענישן. די סאָוועטישע שיף האָט געפירט לעדער און רויע פעלן און עטלעכע דייטשישע הינט. ווען די שיף איז אַריינגעשוואומען אין קיעל קאַנאַל, האָט זיך איין הונט אָפּגעריסן פון דער קייט און איז אַריינגעשפּרונגען אין קאַנאַל. אַ דייטשישער הונט האָט, ווייזט אויס, ניט געוואָלט טרעטן אויף דער סאָוועטישער ערד... די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און מאַטראָסן האָבן זיך געלאָזט מיט שלעפּ־שיפלעך כאַפּן דעם הונט. ווען מיר האָבן זיך צום דריטן מאָל אָפּגעשטעלט, האָבן מיר דערהערט קלעפּ פון דעק. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן עפענען דעם דעק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ יונגער בחור האָט זיך, בעתן אָפּשטעל אין הינסבורג אַריינגעגנבעט אויפן שיף. ער האָט געמיינט אַז די שיף, זייענדיק אין די באַלטישע וואַסערן וועט זיך מער ניט אָפּשטעלן און מען וועט אים ניט קענען צוריקקערן. אָבער מען האָט אים אַרעסטירט און יאָ אומגעקערט אַהיים. דאָס איז געווען אַ טראַגישע פּאַסירונג וואָס האָט איבערגעלאָזן אַן איינדרוק אויף אַלעמען.

אויפן דריטן טאָג פון אונדזער רייזע האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די בירא־בידזשאַנצעס, אַז זיי וואָלטן געדאַרפט שיקן אַ טעלעגראַמע צו דעם „אָזעט". זיי האָבן אָבער געלאַכט פון מיין פאָרשלאַג און זיך פאַרלאָזן, אַז דער „איקאָר" האָט שוין צו וויסן געלאָזן. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען, אַז אַזוי ווי מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין לענינגראַד אין אַן אָפיציעלן רו־טאָג, ווען אַלע אינסטיטוציעס זיינען געשלאָסן, האָט זיי קיינער ניט אָפּגעוואַרט און מען האָט אַפילו קיינעם ניט געקענט קריגן דורכן טעלעפאָן.

מיך האָט דער „אינטוריסט״ איינגעאָרדנט אין אַ האָטעל אַנטקעגן ברעג, וואו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געהאַט אַ צימער מיט 4 בעטן, האָב איך גענומען אַלע קינדער און אַ פּאָר פון דעם שוואַכן מין אין מיין האָטעל, און זיי דאָרט געלאָזט זיך אויסרוען און אַליין זיך אַוועק־געלאָזט אָפּזוכן דעם „אָזעט״. ערשט אויף מאָרגן איז אונדז געלונגען זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם „אָזעט״״. די ענטוזיאַסטן האָבן גלייך פאַרלוירן זייער ענטוזיאַזם, כאָטש זיי זיינען אַליין שולדיק געווען.

אויפן דריטן טאָג בין איך אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. די ערשטע זאַך האָב איך געוואָלט פאַרלענגערן מיין וויזע, אָדער זי אויסברייטערן. ווייל איך האָב געוואָלט באַזוכן מיין היים־שטאָט און די שטעט און דערפער ביי דער וואָלגאַ, וואו איך האָב אַמאָל געלעבט און געקעמפט. אין „נאַרקאָם״ (מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע געלעגנהייטן) האָב איך אָנגעטראָפן אַ ניו־יאָרקער מיידל, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט אַלס סעק־רעטערין. פאַרשטייט זיך, אַז די באַגעגעניש האָט אונדז ביידן דערפרייט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מיינער אַ פריינט, מעלנעטשאַנסקי, מיט וועמען איך האָב מיטגעאַרבעט אין „נאָווי מיר״, פאַרנעמט איצט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין ראַטנפאַרבאַנד. זי האָט אים גלייך טעלעפאָנירט. גלייך נאָך אונדזער באַגעגעניש האָט מיר מעלנעטשאַנסקי פאַרגעלייגט, איך זאָל דערווייל אָפּ־לייגן מיין רייזע און זיך שטעלן אַרבעטן. ער האָט מיך פאַרבונדן מיטן שניידער־טראַסט און גלייך ביי מיין אָנטרעפן זיך מיטן דירעקטאָר בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס ראַציאָנאַליזאַטאָר פון דער פאַבריק נומער 3 אויפן נאָמען פון אַנדרעיעוון. מיין וויזע איז באַלד פאַרלענגערט געוואָרן.

אין דער ביוראָ פון דירעקטאָר האָב איך אָנגעטראָפן אַ ניו־יאָרקער שניידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד גרופּע, מענדל גענדלין, און פון דער באַגעגעניש איז מיר אַרויסגעקומען אַ טובה. ווען דער דירעקטאָר האָט זיך באַמיט צו קריגן פאַר מיר אַ דירה, אָדער אַ צימער אין אַ האָטעל, האָט גענדלין פאַרגעלייגט מיך אַריינגעמען אין זיין גרויסער קוואַרטיר. ער האָט געהאַט צוויי צימערן. אין איין צימער האָט געוואוינט זיין טאָכ־טער מיט אַ קינד און דעם צווייטן צימער האָבן מיר אָפּגעטיילט דורך אַ צאָם.

די גענדלינס האָבן געשטאַמט פון אַ קליין ווייס־רוסיש שטעטל לעבן כאַסלאַוויטש, סמאָלענסקער געגנט, און די פרוי איז געווען אַ טיפּיש קליינ־שטעטלדיקע יידענע, וואָס האָט זיך באַצויגן עכט קליינשטעטלדיק אַפילו צו

די פּראָבלעמען פון סאָוועטן־לאַנד. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען די קראָמען האָבן פאַרמאָגט אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, איז סטאַלין געווען דער בעסטער מענטש; האָבן אויסגעפּעלט געוויסע אַרטיקלען, פלעגט זי שעלטן סטאַלינען מיט בייזע קללות. עס פלעגט ניט העלפן די טענות פון די קינדער, אַז אַ לאַנד וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע, ראַנגלט זיך מיט שוועריקייטן און סאַבאָטאַזש. מענדל, אָדער מישע, אַליין, פלעגט זיך אין די געשפּרעכן ניט אַריינמישן. זיין איינציקע עובדה איז געווען צופרידנשטעלן דעם דירעקטאָר פון טראַסט, ווען ער האָט פאַרגעטערט.

די פאַבריק, וואוהין איך בין אָנגעקומען איז באַשטאַנען פון פיר עטאַזש און האָט פאַרנומען אַ גאַנצן קוואַדראַטנעם סקווער. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אַרום 3000 אַרבעטער. אויף דריי עטאַזשן האָט מען פּראָדוצירט דאַמען־קליידער און אויף איין עטאַזש — מענער־קליידער. איך בין באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין דער ביוראָ פון טעכנישער אינספּעקציע וואָס מען האָט גערופן אויף רוסיש „אָטשעקאַ״ („אָטדעל טעכניטשעסקאָוואָ קאָנטראָליאַ״).

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין זוכן מיטלען ווי צו ראַציאָנאַליזירן, אויסבעסערן די אַרבעט־מעטאָדן, הייבן די פּראָדוקציע־פאָרמען. מען האָט מיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט איבער דער פאַבריק צו באַקענען מיט דער אַרבעט. מען האָט מיר געגעבן אַ „דעסק״, אַ טישל מיט אַ שרייבמאַשין און אַפילו אַ סעקרעטאַר, אין פאַל איך וועל עפּעס דאַרפן רעקאָמענדירן. איך האָבן אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן, האָב רעקאָמענדירט געוויסע אויסבעסערונגען אין די אַרבעט־פאָרמען און האָב אויך געהאַט געוויסע שוועריקייטן מיט מיין קאָמיטע, וועלכע האָט דווקא געהאַלטן אַז אויסבעסערונגען זיינען ניט נויטיק.

עס איז דעמאָלט געווען אַ צייט, ווען גוטע סחורה, גוטן מאַטעריאַל, איז שווער געווען צו באַקומען און מען האָט געדאַרפט נייען קליידער, וואָס זאָלן אויסזען שיין אַפילו פון דעם פּראָסטן מאַטעריאַל. מען האָט גענוצט פאַרשיידענע סחורות אין איין „גאַרמענט״. אַזאַ „גאַרמענט״ איז טאַקע אַרויסגעקומען שיין, אָבער עס איז ניט געווען לויט דער מאָס. איך האָב אָנגעווענדט אַן אַנדער מעטאָד, וואָס זאָל זיין אָנגעמאָסטן אויף דער פיגור. ווען איך האָב געוויזן איין מוסטער דעם דירעקטאָר האָט ער ביי מיר באַשטעלט גאַנצע צען.

די קאָמיטע האָט מיין מעטאָד ניט אָקצעפּטירט און מען האָט אַרויס־

גערופן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין (פּראָפסאָיוז) און פון שטאָטישן סאָוועט און ערשט דאַן האָבן זיי אָנגענומען מיינע אויסבעסערונגען און מען האָט אויך באַזיישיקט אייניקע פון דער קאָמיטע.

עס פאָדערט זיך אַ וואָרט וועגן דער אַרבעט־סיסטעם אין די קליי־נער פאַבריקן אין יענער צייט. אין מאָסקווע זיינען דאַן געווען אַרום 15 אָדער 17 פאַבריקן. אין דער געביידע פון טראַסט איז אויך געווען אַ צימער פאַר מוסטערן, אָדער, ווי מיר רופן עס אין אַמעריקע, אַ „סעמפּל רום", און אַ צושניידער אָפּטיילונג. יעדע פון די פאַבריקן פלעגט באַ־קומען צוגעשניטענע אַרבעט און אַ מוסטער פון יעדער מאָדע און מען האָט קאָנטראָלירט יעדן בינטל, צי עס איז ריכטיק צוגעשניטן געוואָרן.

נאָך יענער פאַסירונג מיט דער קאָמיטע האָב איך פאַרלאַנגט אַרבעט דירעקט אין דער פאַבריק און האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אינסטרוקטאָר.

די לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די דרייסיקער יאָרן

די צייט, ווען איך בין געקומען אין סאָוועטנלאַנד, איז געווען אַ שווערע. עס איז געווען ביים סוף פון ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן, בעת מען האָט געווידמעט אַלע כּחות דער שווערער־אינדוסטריע בויאונג. עס איז אויך געווען די צייט פון אָנהויב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע און סאַבאָטאַזש־ניקעס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אויף אַלע פראָנטן, און מען האָט געפילט דעם סאַבאָטאַזש אויף יעדן טראָט.

יעדע פאַבריק האָט געדאַרפט צושטעלן „פראָוויאַנט" פאַר אירע אַר־בעטער: לעבנס־מיטלען, ווי עסנוואַרג און אַנדערע נויטיקע זאַכן. דער „פראָוויאַנט" איז געלעגן אין די הענט פון די פאַרוואַלטערס, צווישן וועל־כע עס האָבן זיך געפונען ניט ווייניק סאַבאָטאַזשניקעס. אַזוי, צום ביי־שפּיל, האָט מען אויסגעפונען, אַז די קאָנטראַקטן וואָס די פאַרוואַלטערס האָבן געשלאָסן מיט די קאָלעקטיוו ווירטשאַפטן, זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז עס פלעגט נעמען וואָכן ביז דער „פראָוויאַנט" האָט דערגרייכט די שטאָט פון די ווייטע שטרעקעס. און אַז דאָס עסנוואַרג איז שוין יאָ געקומען, איז עס געווען איבערגעפירט, האָט צו גאָרניט געטויגט. געווען איז עס אויך די צייט פון די ראַציע־קאַרטלעך און יעדער אַר־בעטער פלעגט דאַרפן קריגן זיין חלק שפּייז פון דעם ערשטן ביזן פינפטן, און פון דעם פופצנטן ביזן צוואַנציקסטן פון חודש, אָבער אַז דער פראָ־וויאַנט איז ניט געקומען אין צייט, האָט זיך געשאַפן אַ סך אומצופרידנ־קייט. אַזוי האָט מען אין מיין פאַבריק אויפגעדעקט דעם הויפּט פון „פאַבקאָם" (פאַבריק־קאָמיטעט) אַ געוויסן סמירנאָוו, אַלס סאַבאָטאַזשניק און ער האָט באַקומען „3 יאָר".

אַפילו ווען די לאַגע אין ענין שפּייז האָט זיך פאַרבעסערט, האָט גענומען צייט ביז מען האָט געמאַכט אַ סוף צו אַנדערע איבלען. מיר פלעגן נייען ווינטערדיקע מאַנטלען מיט פוטערנע קאָלנערס. פלעגן מיר, 300 אַרבעטער, אָננייען אַ סך מאַנטלען, אָבער דעם פוטער האָט מען ניט באַקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַנשטאָט מען זאָל באַשטעלן דעם פוטער אין קאַזאַן איבער דער וואָלגע, אָדער אין גאָרקי, — מיט דער

האָנט צו דערלאַנגען — פלעגט מען עס באַשטעלן אין קאַמטשאַטקאַ, ערגעץ אין סיביר, און עס פלעגט דויערן חדשים ביז דער פוטער איז אָנגעקומען. ווען דער פוטער איז שוין געווען, האָט זיך געשאַפן אַ פּראָבלעם וועגן קריגן אַרבעטער אויפצונייען די קאָלנערס. עס האָבן אויסגעפעלט מענטשן. דעמאָלט בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן אַז די קעשענע־מאַכערס זאָלן געניצט ווערן פאַר נייען די קאָלנערס און די קעשענעס זאָל מען נייען אויפן מאַשין, כדי צו שפּאָרן „הענט". מיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און איך האָב באַקומען אַ פּרעמיע פון 1500 רובל, וואָס איך האָב צוריקגעגעבן די אַרבעטער.

איך האָב געאַרבעט מיט צוויי שיכטן. אַ האַלבן טאָג מיט איינעם און דעם צווייטן האַלבן טאָג — מיטן אַנדערן. די אָוונטן זיינען געווען פריי און איך האָב זיך געקענט ווידמען צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די פאַבריק האָט געהאַט אַ גרופּע פון „אָזעט". צום ערשטן זייער אַ קליינע און נאָכדעם איז די גרופּע געוואָקסן. און אויך ניט־יידישע אַרבעטער זיינען געווען מיטגלידער פון דער „אָזעט"־גרופּע. מען האָט מיך אַפילו געוואָלט דעלעגירן צו אַ פייערונג אין קאַלינינדאָרף, אָבער איך האָב באַאיינפלוסט דעם קאָמיטעט מען זאָל שיקן אַ ניט־יידישע פרוי. זי איז צוריקגעקומען, האָט אָפּגעגעבן אַ גוטן באַריכט און די פאַבריק האָט דעמאָלט געשאַפן עטלעכע טויזנט רובל און איבערגעשיקט מאַשינעס.

איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון ראַיאָנעם (דיסטריקט) קאָמיטעט פון „אָזעט" און אויך אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון יידישן אַרבעטער־קלוב, וואָס האָט זיך געפונען אין געוועזענעם אוקראַינער טעאַטער. דער קלוב האָט געהאַט עטלעכע צימערן פאַר פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן, אַ דראַמאַטישע גרופּע, אַדער קאָלעקטיוו און מוזיקאַלישע גרופּע, ווי אויך אַ שיינע ביבליאָטעק.

דערמאָנענדיק דעם יידישן קלוב איז כדאי איבערצוגעבן אַ פּאַסירונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָוועטן־מדינה.

דער אוקראַינער טעאַטער איז איבערגעגעבן געוואָרן די יידישע אַרבעטער באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ווייל די אוקראַינער האָבן די געביידע ניט געניצט. אין יאָר 1935 האָבן די אוקראַינער פאַרלאַנגט צוריק דעם בנין. דער מאָסקווער סאָוועט האָט געהייסן דעם יידישן אַרבעטער־קלוב זוכן אַן אַנדער פּלאַץ. אונדזער קאָמיטעט האָט געפאָדערט פון מאָסקווער סאָוועט און אויך פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אַן אַנדער

געביידע. עס איז דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין פּלעצער, און מען האָט זייער לאַנג געזוכט אַ פּאַסיקע געביידע. נאָך עטלעכע וואָכן פון זוכענישן איז איינער פון די פאַרוואַלטערס געקומען צום סאָוועט מיט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל זיי איבערגעבן די געביידע פון דער כאָר־שול אויף מיעסטניצקי גאַס, וואָס נעמט אַריין טויזנט מענטשן. דער פאַרוואַלטונגס־פאָרשטייער האָט מאָטיווירט זיין פאָרשלאַג מיט דעם, וואָס דער קלוב וועט קענען אויסברייטערן זיינע טעטיקייטן. דער סאָוועט האָט אים געענטפערט: „מיר וועלן מאַכן אַ פּרוּאוו און דיר איבערגעבן פאַר יום כיפור אָדער כל־נדרי־נאַכט אַ געביידע, וואָס נעמט אַריין אַן ערך 500 מענטשן און זע אַראַנזשיר אַן אַנטי־רעליגיעזע לעקציע אָן שום טעאַטראַלע פאַרווײַלונגען, בלויז אַ וויסנשאַפטלעכע לעקציע, און אויב אייער לעקציע וועט ציען אַזאַ גרויסן עולם און די רעליגיעזע יידן וועלן האָבן אַ ליידיקע שול, וועט איר באַ־קומען די גרויסע שול, און די פרומע יידן וועלן זיך איבערקלייבן אין אַ קלענערער געביידע.

דער פּרוּאוו איז געמאַכט געוואָרן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סינאַגאָגע איז דווקא געווען געפּאַקט און צום אַנטי־רעליגיעזן מיטינג זיינען געקומען אַרום 300 באַזוכער. האָט מען דעמאָלט דעם קלוב גע־געבן אַ שיינעם זאַל — אין דער געביידע פון די טראַמוויי־אַרבעטער — מיט אַ זאַל פון אַ טעאַטער אויפן ערשטן עטאַזש. און די אוקראַאינער האָבן צוריק באַקומען זייער טעאַטער.

נאָך אַ באַווייז פאַר דעם מצב פון רעליגיע אין יענע יאָרן אין מאָסקווע קאָן דינען דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקומען אין מאָסקווע האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון חברטע רחל מינץ, פון די בראַנקסער אַרבעטער־קלוב, וואָס איז געפאָרן זיך באַזעצן אין איר געבורטשטאָט האָמעל, אַז זי געפינט זיך אין האָטעל. איך בין געפאָרן צו איר אויף אַ באַזוך. פאָרנדיק מיטן ברעג פון דער טייך מאָסקווע, וועלכער געפינט זיך ביים קרעמל, האָב איך פון טראַמוויי באַמערקט ווי עס ציט זיך אַן עדה מענטשן. איך האָב גע־פרעגט דעם קאָנדוקטאָר וואוהין די מענטשן גייען, און ער האָט מיר געענטפערט: „מסתמא גייען זיי אין אַנטי־רעליגיעזן מוזיי". אָבער זיך דערנענטערנדיק צו זיי, האָב איך גלייך באַמערקט אַז דאָס איז ניט סתם קיין עקסקורסיע, נאָר יידן מיט שטריימלעך. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון טראַמוויי און באַצאָלט שטראָף פאַר אַראָפּשפּרינגען אין מיטן פאָרן...

איך האָב זיך דערנענטערט צום יידישן עולם און זיי געפרעגט: „וואוהין גייען יידן?" — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז היינט ראש־השנה און זיי גייען צום תשליך... און דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען ביי אונדז אין אַמעריקע האָט מען געהאַלטן אין איין שרייבן, אַז מען שיסט אין רוסלאַנד יידן פאַר גיין דאַווענען... און דאָ, אין מיטן העלן טאָג, ביי דער קרעמל־וואַנט — יידן מיט שטריימלעך!... איך האָב מיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט!

איך האָב געפרעגט די יידן צי זיי איז דערלויבט און דער ענטפער איז געווען: „ביי וועמען דאַרפן מיר נעמען אַ דערלויבעניש"... זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זיינען פון דער שול אויף מאַלע בראָנע, לעבן יידישן מלוכה־טעאַטער. פאַר טשיקאַוועס בין איך יענעם ערב יום־כיפור געגאַנגען אין שול, וואו איך האָב געטראָפן אַ גרויסן עולם מתפללים און האָב וועגן דעם געשריבן צו מיין סאָסייעטי אין ניו־יאָרק — „פּראָגרעסיוו וואָירקינג־מענס בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן".

ווער זיינען געווען די אויסלענדישע אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

געווען צווישן זיי פאַרשיידענע. אייניקע זיינען געקומען אַלס טוריסטן און אַ טייל זיינען געקומען מיט דער כוונה צו העלפן טעכניש דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זייער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער און טעכנאָלאָגישער דערפאַרונג. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געוואָלט העלפן זיך אַליין. זיי האָבן באַקומען קאָנטראַקטן פון „אַמטאָרג" (האַנדלס־קאָרפּאָראַציע פון סאָוועט־רוסלאַנד אין ניו־יאָרק) און זיי האָבן זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַנוצט מיט די פּריווילעגיעס וואָס די אויסלענדישע ספּעציאַליסטן און טעכניקער האָבן גענאָסן. צו די גרופּן האָט געהערט די סאָבוועי אָדער מעטראָ־אַרבעטער גרופּע. די וואַליזן־מאַכער (סוט־קעיס אַרבעטער). אַ סך פון זיי זיינען ניט געווען קיין אינזשינערן אָדער טעכניקער, נאָר זיינען געקומען לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון דער סאָוועטן־מאַכט. זיי זיינען איינגעשטאַנען אין די בעסטע האָטעלן און געגעסן אין די האָטעל־רעסטאָראַנען און אויסגענוצט זייער רעכט צו באַקומען סחורות אין די סאָוועטישע מאַגאַזינען פאַר זייערע משפחות.

עס געדענקט זיך מיר אַ פאַל מיט עטלעכע דיפּלאָמירטע אינזשינערן פון ברוקלינער „טראַקטאָר־סקול", שניידערס און שוסטערס, וואָס זיינען געקומען אין ראַטנלאַנד אַלס „טראַקטאָריסטן"... און נאָכדעם ווי זיי האָבן „באַוויזן וואָס זיי קענען"... ניט, האָט מען זיי געהייסן גיין אַרבעטן ביי

זייערע פּאַכן. פון אַלע „ספּעצן" האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, ביז מען איז פון זיי פּטור געוואָרן...

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן איינער וואָס איז געקומען העלפן און זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דעם שניידער־פאַך: דזשוליוס פאָרטנאָי.

ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דער מאָסקווער פאַבריק נומ. 3, האָב איך געטראָפן פאָרטנאָיען ביי דער אַרבעט אין פאַבריק נומער 7, וואו ער האָט, דאַכט מיר, געגעבן קינדער־רעקלעך. ער האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיינע פעאיקייטן און זיין ענערגיע. נאָך אַ שטיק צייט איז מיר געלונגען צו פאַראינטערעסירן אין אים דעם פאַרוואַלטער פון מיין פאַבריק און מען האָט אים און מיר און נאָך איינעם איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג פון אַ גאַנצן צעך פון 500 מענטשן, וואו מיר האָבן זיך באמת אויסגעצייכנט.

אין יענעם יאָר האָבן מיר געהאַט אַ סך באַזוכער אין אונדזער פאַבריק. צווישן די פילע אַמעריקאַנער טוריסטן באַזוכער געדענק איך דעם שרייבער און תלמיד־חכם קלמן מרמר, וועלכער האָט געזען מיין בילד אַלס שלאָגלער און האָט גערעדט צו מיין דירעקטאָר פונם שניידער־פאַך. איך געדענק אויך ווי מאָריס גודמאַן, וואָלף, פלאַט, און יוסף ברעסלאַו פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָבן באַזוכט מיין פאַבריק און איך האָב זיי באַוויזן די פאַרשיידענע איינריכטונגען: די לאַבאָראַטאָריע, דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל. ברעסלאַוו האָט אויך באַזוכט דעם קינדער־גאָרטן פון דער פאַבריק און איך האָב אים באַקענט מיט דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק, מיט וועמען ער האָט געפירט אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן דער נייער סיסטעמע פון סיגנאַליזאַציע וואָס מען האָט דאַן איינגעשטעלט אין דער ביוראָ פון דער פאַבריק, כדי דער אָפיס זאָל וויסן וואָס עס פעלט אין דער פאַבריק. די סיגנאַליזאַציע האָט אַ סך געהאָלפן. למשל, ווען מען האָט מיך געדאַרפט רופן אין דער ביוראָ אָדער פון דער ביוראָ, פלעגט מען אַ דריק טאָן אַ קנעפּל און אַ קאָלירט לעמפּל פלעגט זיך אָנצינדן און איך פלעג דורך אַ טעלעפאָן־טרייבל אין קעשענע זיך פאַרבינדן מיט דעם אָרט וואו מען רופט מיך.

ווען יוסף ברעסלאַו האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, האָב איך געהערט וועגן זיין באַגייסטערטן באַריכט פון זיין באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל און אין מיין פאַבריק בפרט.

סאָוועטישע טעג און חדשים

עס איז געווען איינגעשטעלט אַ פינף־טאָגיקע אַרבעטס־וואָך. דעם זעקסטן טאָג פלעגט מען רוען. אין איין וואָך האָט מען געהאַט איין פרייען טאָג, אין צוויי וואָכן — צוויי טעג. מען האָט געאַרבעט אין „סמענעס" אין 3 שיכטן: אַ וואָך פון 7 ביז 2:30 בייטאָג מיט 10 מינוט איבעררייס אויף טרינקען טיי און אָפּהאַלטן אַ קורצע פאַרזאַמלונג, צו פירן אַ שמועס אָדער אַ דיסקוסיע. 40 מינוט האָט מען געהאַט פאַר אָנבייסן. שפּעטער, אַז די פּראָדוקציע איז געוואָרן גרעסער, האָט מען אָפּגעשאַפט די מיטן־נאַכט שיפט און מ׳האָט געאַרבעט בלויז צוויי שיפטן: פון 7 ביז 2:30 און פון 2:30 ביז 11.

די יום־טוב טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט אַרויספאָרן צום זומער־פּלאַץ פון דער פאַבריק, אַרום 30 וויערסט פון מאָסקווע. איך בין געווען אַ מיטגליד פון טעכנישן סטעף און האָב זיך גערעכנט פאַר אַ מיט־גליד פון דער אינזשינערן־געזעלשאַפט. איך בין אויך געווען טעטיק אין אַ געזעלשאַפט צו העלפן די פּאָליטישע אַנטלאָפענע פון פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער. עס איז געווען נאָכן אויפשטאַנד פון די סאָציאַליסטן אין ווין (1934), אַ סך פון די עסטרייכישע קעמפער זיינען אַנטלאָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אונדזער געזעלשאַפט פלעגט איינ־אָרדענען אין די פאַבריקן מאָסן־פאַרזאַמלונגען. די פּליטים פון עסטרייך האָבן גערעדט דייטש און איך בין געווען דער איבערזעצער אויף רוסיש. איך געדענק אויך אַן אויסשטעלונג פון פאַרפאַלגונגען אין כינע אין יענער צייט מיט ענגלישע אויפשריפטן, וואָס איך האָב געדאַרפט איבער־זעצן.

אין יענע יאָרן האָב איך, זיך טרעפנדיק מיט אַ ניוי־אָרקער טוריסטקע, באַגעגנט אַ יוגנט־פריינט וואָס איז געווען מיט מיר אַקטיוו אין אָדעס אין יאָר 1907. ער איז געווען פּענסיאָנירט פון דער רעוואָלוציע און האָט גע־וואוינט אין דער היים פאַר די פּענסיאָנירטע — אַ פּרעכטיקע געביידע מיט

אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אַלטע פאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערן. איך פלעג אים אָפט באַזוכן און ער איז אויך געקומען צו מיר אויף באַזוך. איך האָב איינמאָל אָנגעטראָפן אין יענער היים מיינע אַ חברטע, וועלכע האָט געהערט מיט מיר אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פאַר דער שפּאַלטונג אין 1919). איר נאָמען איז געווען סאָפיע סאָרקין. איך האָב דאָרטן אויך געטראָפן דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער לעוו דייטש, וועלכער האָט געשריבן אַ בוך וועגן זיינע יאָרן אין דער שליסלבורגער פעסטונג. זיין פרוי איז געווען זינאָוויעווס שוועסטער. ער האָט געלעבט אין דער היים ווי אַ קעניג, האָט פאַרנומען צוויי צימערן און געהאַט באַדינונג. איינמאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבן קריטיקירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער מיך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, אַז איך האָב אים אַ זאָג געטאָן: „עס פאַרדריסט מיך וואָס דו ביסט צווישן די לעבעדיקע, ווייל איך וואָלט בעסער געוואָלט געדענקען דער אַלטן רעוואָלוציאָנער לעוו דייטש". ביי די ווערטער האָב איך אים פאַרלאָזן.

איין טאָג איז צו מיר געקומען סאָפיע סאָרקינס מאַן און מיר געבראַכט די טרויעריקע בשורה אַז זיין פרוי איז געשטאָרבן און איר לעצטער וואונטש איז געווען, אַז איך זאָל האַלטן נאָך איר די טרויער־רעדע. איך האָב גערעדט ביי איר ארון. לעוו דייטש איז אַריינגעקומען, האָט מיך דערזען און גלייך פאַרלאָזן דעם זאַל.

איך געדענק אויך די אויפנאַמעס וואָס די נאָדל־פאַך אַרבעטער פלעגן מאַכן פאַר פאַרשיידענע געסט און דעלעגאַציעס אויף וועלכע איך פלעג זיך טרעפן מיט אַלטע רעוואָלוציאָנערן.

פון יענער צייט געדענקט זיך מיר אויך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד וועגן אַן אויפנאַמע פאַר אַ גרופּע יוגנטלעכע דעלעגאַטן צו אַ ספּאָרטאַקוס קאָנפערענץ, וואָס איז דעמאָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זאַל פון יידישן קלוב. איינער פון די דעלעגאַטן האָט אין זיין באַגריסונג געזאָגט: „איך בין אייך מקנא וואָס איר האָט אַזעלכע פּרעכטיקע זאַלן, וואו איר קענט אָנפירן אייער אַרבעט, ביי אונדז אין אַמעריקע מוזן מיר אונדזער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אָנפירן אין די הויפן פון די טענעמענט־הייזער און זיינען אויסגעשטעלט צו די קלעפּ פון דער פּאָליציי". ער האָט באַנוצט דאָס וואָרט „פּאָליציי־קלאָבס" (שטעקנס) אָבער לויט דער איבערזעצונג פון דער רוסישער איבערזעצערין איז אויסגעקומען, אַז די

פּאָליציי קומט אין די קלובן פון די אַרבעטער. איך האָב געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּאַרזיצער אויף דער „פינקטלעכער" איבערזעצונג און מען האָט מיך אויפגעפאָדערט צו קאָרעגירן די איבערזעצונג.

אין פרילינג פון 1933 איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע מיין טאָכטער איידאַ אויף דער איינלאַדונג פון דער מאָסקווער „אַנגלאָ־אַמעריקען סקול".

ב. כאַזאַנאָוו, מאָסקווע, 1934

זי האָט שוין מיט אַ יאָר פריער געהאַט פאַרענדיקט קאַלעדזש. איך האָב נאָך דעם פאַריקן ווינטער באַקומען, מיט דער הילף פון דער פאַבריק, אַ צימער אין אַ צענטראַלער גאַס פון מאָסקווע, אוספּענסקאַיאַ. אַזוי, אַז מיין טאָכטער האָט שוין געהאַט וואוהין צו פאַרפאָרן און זי האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן ארבעטן אין דער שול. לאַנג האָט זי דאָרטן ניט געאַרבעט, ווייל די אָנפירערין פון טעכניקום פאַר אויסלענדישע שפּראַכן, מאַדאַם

באַראָדינאַ, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר און האָט זי פאַרנומען צו זיך אין טעכניקום און זי האָט אונטער איר אָנפירונג געאַרבעט אַ לענגערע צייט אַלס לערערין פון ענגליש.

איך האָב אָנגעהויבן זוכן, צוזאַמען מיט פּאַרטנאַיען, אַ געמיינשאַפט־לעכע דירה. איך האָב אַריינגעגעבן אַן אַפּליקאַציע אויף אַ וואוינונג אין אַ נייעם בלאָק הייזער, וואָס מען האָט געבויט אויף גאָרקי גאַס. און סוף 1934, ווען איך האָב צום צווייטן מאָל געקראָגן מיין וואַקאַציע, בין איך אַוועקגעפאָרן אין קאַווקאַז. עס איז געווען נאָכן אויספּאַרטיקן די אַרבעט אויף 125 פּראָצענט און נאָכן באַקומען אַ פּרעמיע וואָס איך האָב, ווי דערמאָנט, אַווקעגעגעבן די אַרבעטער. דער דאָקטאָר פון פאַבריק האָט מיך רעקאָמענדירט פאַר אַ חודש קוראָרט, אין וועלכן איך האָב זיך גע־נויטיקט, זייענדיק מיד פון שווערער אַרבעט.

בעת מיין קומען קיין מאָסקווע האָב איך געהאַט אַ ברודער און שוועסטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָב אַ צייט ניט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך, ביז איך האָב זיך דערוואוסט אַז זיי וואוינען אין פּערם, אויף דער וואָלגע, סווערדלאָווסקער געגנט. זיי זיינען געווען פון די „בעזשענצעס" (פּליכטלינגע), וואָס זיינען אַנטלאָפן פון וויטעבסקער גו־בערניע. מיין ברודער איז געווען אַ סאָלדאַט און איז געפאַנגען געוואָרן פון די דייטשן. שפּעטער האָט מען אים אויסגעביטן אין דווינסק און מען האָט אים באַזעצט אין פּערם. ער האָט געהאַט 3 זין און 2 טעכטער. מיין שוועסטער האָט געוואוינט אין שטעטל ליובאַוויטש, מאָהילעווער גו־בערניע און נאָך דער רעוואָלוציע זיינען זיי איבערגעפאָרן צו מיין ברודער אין פּערם. איך מיט מיין טאָכטער, וועלכע האָט נאָך ניט געהאַט אָנגע־הויבן איר אַרבעט אין דער ענגלישער שול, זיינען געפאָרן קיין פּערם צו אונדזערע אייגענע. ליידער האָב איך זיי שוין ניט געטראָפן צווישן די לעבעדיקע. זיי זיינען ביידע געשטאָרבן אַ פּאָר חדשים איידער איך ביר געקומען קיין מאָסקווע. מיין ברודערס קינדער, מיינע פּלימעניקעס, זיינען געווען מענטשן פון הויכער בילדונג און אינטעליגענץ. דער על־טערער זון איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין סווערדלאָווסקער אוניווערזיטעט, אַ צווייטער זון — אַ דירעקטאָר אין אַ מאַשינען־זאַוואָד אויפן נאָמען פון מאָלאָטאָוו, און דער ייִנגערער איז געווען אין לענינגראַד, וואו ער האָט זיך געלערנט צו ווערן אַן אינזשינער. די טאָכטער איז געווען אַ מעכאַניקערין.

מיין שוועסטערס זון האָט געאַרבעט אין „אָזעט" און די מיידל איז נאָך

געגאַנגען אין שול. מיר האָבן מיט די פּלימעניקעס פאַרבראַכט עטלעכע יום־טובדיקע טעג.

באַזונדערס האָט אויף מיר געווירקט מיין צוריקקער אַהיים, מיין באַזוך אין מיין געבורטס־שטעטל. ווי נאָר איך בין דאָרטן אָנגעקומען האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי דעם בעל־עגלה אויף מיינע שוועסטער־קינדער — חיה־צירעלע, יעקב־חיים רפאלס. דער בעל־עגלה האָט באַלד געוואוסט ווער זיי זיינען. „יעקב חיים רפאלס", האָט ער מיר דערקלערט, „וואוינט מיט זיין פאַמיליע אין לענינגראַד".

עס איז געווען פריי־טיק פאַר ליכט בענטשן, און דאָס קליינע ווייס־רוסישע שטעטל האָט אויסגעזען ווי אין די אַמאָליקע צייטן. די קראָמען זיינען געווען געשלאָסן, יידן זיינען געגאַנגען פון מרחץ מיט פעקלעך וועש אונטערן אָרעם און אַנדערע האָבן זיך געאײלט אין שול. ווען דער בעל־עגלה האָט מיך צוגעפירט צו מיין שוועסטערקינד, האָבן שוין די ליכט געברענט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיי האָבן מיך ניט געזען זינט 1908, ווען איך בין אין געהיים אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אויף מאָרגן האָט זיך די גאַנצע משפּחה פאַרזאַמלט לכבוד דעם גאַסט. איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט אַ צוויי וואָכן און האָב בייגעוואוינט אַ יאַריד אין שטעטל. נאָך אַ שוועסטערקינד מיינס, זעלדע, איז דעמאָלט אַריבערגעקומען פון אַ קאָלכאָז פון אַרום 25 ווערסט פון האָראָדאָק. קומענדיק אויפן יאַריד איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל און מען האָט מיך געבעטן איך זאָל האַלטן אַ רעדע. איך האָב זיי באַגריסט מיט זייערע דערגרייכונגען און זיי געוואונטשן דערפאָלג. די צווייטע וואָך האָט מען מיך איינגעלאַדן צו דער זיצונג פונעם שטעטלשן סאָוועט. אין סאָוועט האָט מען מיך געבעטן זיי דערציילן וועגן מיינע רעוואָלו־ציאָנערע טעטיקייטן און מיינע טורמע־יאָרן.

מיין שוועסטערקינד חיה־צירעלע האָט זיך פון איר 12טן יאָר אָן געהאָדעוועט ביי איר פעטער, ביי מיין פאָטער אין הויז. מען האָט זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. זי איז געווען אַ יתומה. איר מוטער, מיין מומע, איז יונגערהייט געשטאָרבן. זי איז געווען זייער שיין און אַ סך בחורים האָבן זיך צו איר געשדכנט. דער מאַן, וואָס האָט זי געהייראַט, האָט איר גענומען אָן נדן. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטנהייט.

אויפן קאָלכאָז האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיין קוזינעס טאָכטער, אַ געראָטן מיידל, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטקע. זי האָט מיך בעת מיין פאַרלאָזן

האָראָדאָק באַגלייט ביז וויטעבסק און איז אָפּגעפאָרן קיין אָרשע אין אַ קאָמסאָמאָלסקן לאַגער — אַ זומער־קעמפּ פאַר דער יוגנט.

אין די פאַר וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מיין שטעטל, פלעג איך אָפט שפּאַצירן אויפן שאָסעי וואָס האָט געפירט קיין נעוול און זיך דערמאָנען אַז אין די אַלטע צייטן האָבן די גרויסע אַרומיקע ערד־שטחים געהערט צו רייכע לאַנדבאַזיצער און היינט איז די ערד געווען דאָס אייגנטום פון אַ „סאָווכאָז", און אַ זון פון מיינס אַ שוועסטערקינד, אברהמל, אברהמל דער קרומער, אָדער, אברהם מרדכי לייזערס, איז געווען דער פאַרוואַלטער. איך געדענק אויך ווי מיין שוועסטערקינדס שנור האָט זייער געבענקט נאָך איר געבורטסשטאָט, לענינגראַד, די שטאָט פון די „ווייסע נעכט".

אויף מיין רייזע צוריק פון שטעטל האָב איך אַ פּאָר טעג פאַרבראַכט אין וויטעבסק, וואו איך האָב באַזוכט די שניידער־פאַבריק וואו עס זיינען דאַן געווען באַשעפטיקט איבער 5000 אַרבעטער. דאָס איז באמת געווען אַ מוסטער־פאַבריק, וואָס האָט געהאַט איין חסרון. די סאַבאָטאַזש־ניקעס האָבן די ווענט פון פאַבריק געבויט פון גלאָז, כדי מען זאָל, אין פאַל פון אַ מלחמה, קענען זען אַלץ דורך די ווענט... אין וויטעבסק האָט דעמאָלט געבליט אַ יידיש לעבן. מיין שטעטל האָט זיך אויך אַנטוויקלט, אָבער די יוגנט האָט זיך געצויגן צו די גרויסע שטעט.

אויף מיין וואַקאַציע אין קאַווקאַז בין איך געשיקט געוואָרן מיט אַ דאָקומענט וואָס גיט אַ באַרעכטיקונג אויף אַ בילעט. ווען איך בין געקומען אויפן אָרט האָט מען מיך גענומען אין אַ באָד און נאָכדעם געפירט אין „דיספּענסערי", וואו דאָקטוירים האָבן באַשטימט אין וואָס פאַר אַ קוראַציע איך נויטיק זיך. מען האָט באַשטימט, אַז איך נויטיק זיך אין בלאָטע־ און שוועבל־בעדער. די בלאָטע־בעדער זיינען שוואַרץ ווי פעך, און נאָך אַזאַ באָד דאַרף מען נעמען אַן אמתן שפּריץ, וואָס זאָל אַראָפּשווענקען די בלאָטע. דער דאָקטאָר האָט אויך אויסגעפונען, אַז איך האָב אַ פאַרגרעסערטע לעבער און מיין מאָגן האָט אביסל אַראָפּגענידערט, פלעגט מען מיר געבן געוויסע מאַסאַזשן און באַפוילן טרינקען יעדן טאָג מינעראַל־וואַסער.

אין יעסענטוקי האָב איך פאַרבראַכט אַרום אַ חודש צייט. דורך דער צייט האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט מיינעם אַן אַלטן חבר פון קורסק,



לערמאָנטאָוו־מוזעאום אין פּיאַטיגאָרסק, קאַווקאַז

איסאַק לייקין, וועלכער איז אויך געווען אַ פּענסיאָנירטער רעוואָלוציאָנער, און איז איצט געווען אין זשעלעזנאָוואָדסק. דורך אים איז צו מיר אין איין טאָג געקומען דער פאָרזיצער פון שטאָטישן סאָוועט פון פּיאַטיגאָרסק, וואו עס געפינט זיך דער לערמאָנטאָוו מוזעי און דער פּלאַץ פון פּושקינס דועל, און מיך איינגעלאַדן צו אַ זיצונג פון פּיאַטיגאָרסקער סאָוועט און צו זיך אַהיים אויף אָנבייסן. איך האָב אויך באַזוכט אַלע קאַווקאַזער רו־פּלעצער, וואוהין מען פאָרט נאָך מינעראַל־וואַסער. דאָרטן זיינען געווען קאָנצענטרירט די קור־ערטער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, „טרעיד־יוניאָנס". איך בין אויך געווען אין די אַלגעמיינע קור־ערטער, וואו איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַלטע חברים פון קיעוו פון יאָר 1906. איך האָב דאָרט אויך באַגעגנט צוויי לערערינס פון קורסק, די שטאָט, וואו איך האָב אָנגעהויבן מיין אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. זיי האָבן מיך דערקענט פון דער ערשטער מאַי־פייערונג אין קורסק, וואו מען האָט איינגעאָרדנט אַ אמתע שטאָטישע אויפנאַמע פאַר מיר און מיינע אַלטע חברים, און זיי האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס. נאָך דער אויפנאַמע, יענעם ערשטן מאַי, געדענק איך, ווי מען האָט מיך געפירט אין שטאָטישן מוזעי, וואו מיינס אַ בילד, אַלס 19־יאָריקער בחור, איז געווען איינגעמויערט אין אַ וואַנט. מען האָט מיך אויך געפירט אָנקוקן די אַלטע טורמע, וואו איך בין געזעסן און דורכגעפירט אַ הונגער סטרייק. איצט איז די טורמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוך־פאַבריק. מיין בילד איז דאָרט געהאַנגען איבער מיין נאָמען, וואָס איך האָב געהאַט אויסגעקריצט מיט אַ מעסער. די צוויי לערערינס אין קוראָרט האָבן מיך דערקענט פון יענער אויפנאַמע און פון לייקינס הויז, וואו עס האָט זיך געהאַדעוועט אַן אייניקל, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך מיר... דער נאָמען איז טאַקע פאַרבונדן מיט אַ טשיקאַווער פאַסירונג.

מיין חבר לייקינס טאָכטער, וואָס האָט שטודירט אין מאָסקווע, האָט דאָרט געהייראַט מיט אַן אַרמענער. ווען זי האָט געדאַרפט געבוירן אַ קינד איז זי געקומען צו גאַסט צו די עלטערן אין קורסק. ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן אַרמעניש פאָטער, וואָס האָט געוואָלט דעם יינגל געבן אַן אַרמענישן נאָמען, און זיידע־באָבע, וואָס האָבן געוואָלט אַ יידישן נאָמען. מען האָט זיך געאייניקט, צו אַלעמענס צופרידנקייט האָט מען אַ נאָמען געגעבן דאָס קינד

ב. כאַזאַנאָוו מיט אַ גרופּע סאָוועטישע אַרבעטער אויף וואַקאַציע אין קיסלאָוואָדסק, קאַווקאַז, 1936

נאָך מיר, אַן אַלטן פאַרשיקטן חבר קיין סיביר, וואָס איז „שוין ניט צווישן די לעבעדיקע"...

ווי שוין דערמאָנט, האָב איך זיך אויף מיין אָפּרו־פּלאַץ אין קאַווקאַז, יעסענטוקי, בעפריינדעט מיט צוויי קורסקער לערערינס. דאָרט איז געווען איינגעשטעלט, אַז יעדן נאָכמיטאָג דאַרף מען רוען אַ גאַנצע שעה, אַפילו דער אויטאָמאָביל־ און וואָגן־פאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט. פלעג איך דע־מאָלט קומען צו זיי אויף טיי און מיר פלעגן נאָכדעם אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אָדער גיין טרינקען די מינעראַלע וואַסער. יעדער טרינקער פלעגט גיין אָנגעטאָן אין ווייסן און מיטברענגען מיט זיך זיין גלאָז. ווען מיר פלעגן שטיין אין ווייסע בגדים פאַר דעם וואַסער־קוואַל, האָבן מיר אויסגעזען ווי אַ שורה מתפללים ביים כותל מערבי. איינמאָל, ווען מיר, איך און די „שוועסטער", האָבן פאַרבראַכט געמיטלעך ביי אַ גלעזל טיי, איז אַריינגעקומען נאָך אַ מיידל און האָט דערקלערט, אַז מען האָט זי אַהער צוגעשיקט זי זאָל וואוינען מיט די לערערינס אין צימער. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט מיט די נעמען. זי האָט זיך גערופן מאַרפאַ סוויניאַרניצאַ (מאַרטאַ די חזרטע). דעם באַדייט פון „מאָדנעם" נאָמען האָט זי דערקלערט מיט דעם, וואָס זי האָדעוועט חזרים אין איר קאָל־ווירט און האָט זיך דערוואָרבן דעם טיטול „שלאַגלערין" אין דעם פאַך.

איינמאָל, ווען איך בין אַריין צו די דריי שכנות אין צימער, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז אַ שאַרפער גערוך. איך האָב געפרעגט: „פונוואַנען דער ׳זיסער׳ ריח?" די לערערקעס האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער און מיר דערקלערט, אַז מאַרפאַ די חזרטע האָט צעבראָכן אַ פלעשל פאַרפיום. מאַרפאַ האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן, אַז זי האָט זיי אַליין געהייסן איר רופן מיט דעם נאָמען, האָט זי אויס־געבראָכן אין אַ געוויין און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף דער באַליידיקונג און עס האָט געהאַלטן מען זאָל די צוויי לערערינס אַוועקשיקן פון קוראָרט פאַר דער צייט. איך האָב געמוזט גיין צום דירעקטאָר אויפקלערן דעם גאַנצן ענין...

צו די נאָוועמבער־פייערונגען בין איך געפאָרן אין דערבייאיקן קיסלאָוואָדסק. די רייזע האָט געדויערט אינגאַנצן 20 מינוט. אָבער דאָרטן איז געווען זומער ווי אין מיטן יוני און אין יעסענטוקי איז געווען אַ שניי מיט אַ ווינט. אַזוי נאָענט און אַזאַ אונטערשייד אין קלימאַט...

מיין רייזע קיין ניו יאָרק און צוריק; דער מאָרד פון קיראָוון

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע פון מיין אָפּרו, האָב איך נאָך אַלץ קיין נייע דירה ניט געהאַט. אונדזער פאַמיליע איז געווען צעטיילט. איך מיט דער עלטערער טאָכטער אין מאָסקווע און מיין פרוי מיט דער ייִנגערער — אין ניו־יאָרק. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז די נייע וואוינונג וועט זיין פאַרטיק אָנהייב 1935.

אויפן ראַט פון מיין פאַבריק־דירעקטאָר בין איך אָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר חדשים קיין ניו־יאָרק צו ברענגען מיין פרוי מיט דער טאָכטער. איך בין געפאָרן דורך פּוילן און דייטשלאַנד, וואו די נאַציס האָבן שוין געבושעוועט און האָב דערפאַר אַפילו ניט געוואָלט פאַרלאָזן מיין וואַגאָן. אין פראַנקרייך האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף וואָס האָט מיך געבראַכט קיין ניו־יאָרק.

קיין גרויס חשק צו פאַרלאָזן אַמעריקע האָט מיין פרוי ניט געהאַט, אָבער די ייִנגערע טאָכטער האָט זיך איינגעעקשנט, און מיר זיינען נאָך צוויי חדשים אָפּגעפאָרן דורך לאָנדאָן מיט אַ סאָוועטישער שיף קיין לענינגראַד. מיר האָבן מיט זיך מיטגעפירט אַ סך זאַכן: פון מאַטראַצן און ביז קליייניקייטן, און מיט שוועריקייטן איז אונדז אָנגעקומען צו קריגן לאַסט־אויטאָס אין לענינגראַד, וואָס זאָלן טראַנספערירן אונדזערע חפצים קיין מאָסקווע.

קיין נייע דירה האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געהאַט. און בעת מיין זיין אין ניו־יאָרק האָט דערוויל מיין טאָכטער אַריינגענומען אין דער דירה אַן אַמעריקאַנער און בעת מיין צוריקקער האָבן מיר איינפאַך ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און געדאַרפט גיין שלאָפן ביי פריינט. ענד־לעך האָבן מיר באַקומען אונדזער נייע וואוינונג, נאָך צוויי חדשים.

אָנהייב דעצעמבער האָט פּאַסירט די טראַגעדיע מיט דערשיסן דעם

באַרימטן סאָוועטישן פירער סערגעי קיראָוו, וואָס האָט געלייגט דעם שטעמפּל פון טרויער אויף מאָסקווע און אויפן גאַנצן לאַנד. קיראָוו איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די אַרבעטער־מאַסן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער פאָלקסמענטש, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון די אַרבעטער־קרייזן. יענעם פרימאָרגן, אין וועלכן מ׳האָט געבראַכט זיין קערפּער קיין מאָסקווע, זיינען די גאַסן געווען שוואַרץ פון מענטשן און דער גאַנצער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, און די פּאָר טעג וואָס ער איז געלעגן אין זאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פלעגן שטיין גרויסע רייען פאַר גאַנצע קוואַרטאַלן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם געפאַלענעם קרבן פון אַ באַנדע שעדיקער.

דאָס לעבן האָט זיך געענדערט אין די פּאָר יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סאָוועטנלאַנד. אין 1932, צום ביישפּיל, איז נאָך ניט געווען איינגעפירט דער פּאַספּאָרטן־סיסטעם. די שטאָט איז דעמאָלט פאַר־פלייצט געווען מיט אַ ספּעקולאַנטישן עלעמענט, וואָס האָט געהאַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק און פאַרנומען אַ סך וואוינונגען. כדי פּטור צו ווערן פון זיי האָט מען איינגעפירט, אַז יעדער איינער זאָל האָבן ביי זיך אַ דאָ־קומענט וואָס וויזט וואו ער איז באַשעפטיקט. אויב ער האָט אַזאַ דאָקו־מענט ניט געהאַט, פלעגט ער קריגן 48 שעה ביזן אַרויסציען זיך פון זיין וואוינונג. די, וועלכע האָבן זיך געוואָלט איינאָרדענען אויף אַרבעט, פלעגט מען געבן אַ געלעגנהייט צו בלייבן אין מאָסקווע.

דעמאָלט זיינען אויך פאָרגעקומען גענוג רייניקונגען אין דער פּאַרטיי און מען האָט געהאַלטן אין איין רייניקן די פּאַרטיי פון שעדלעכע עלע־מענטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט איינגענעסטיקט. פיל האָבן זיך אַליין באַ־זייטיקט און פיל האָט מען געגעבן די געלעגנהייט צו באַווייזן זייער טריי־שאַפט אין דער צוקונפט. אַזעלכע רייניקונגס־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין די קלובן פון די פאַבריקן און אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגן מענטשן אַרויסטרעטן און אויסלייגן זייער גאַנצע לעבנס־געשיכטע דאָן פלעגט דער פאָרזיצער פרעגן צי עמעצער האָט וואָס צו זאָגן, אָפּ־פרעגן אָדער באַשטרייטן די געשיכטע. עס זיינען געווען עפנטלעכע פאָלקס־משפּטים.

אין 1934 האָט זיך די לאַגע געביטן צום גוטן. מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם ראַציע־קאָרטן סיסטעם און שפּייז און אַנדערע געברויך־אַרטיקלען אין די קראָמען און מאַגאַזינען איז געווען בשפע. די פּרייזן אין די מאַ־

גאַזינען זיינען נאָטירלעך געווען מערער ווי אויף די ראַציע־קאַרטלעך, פלעגט די פאַבריק, אָדער די אינסטיטוציע וואו מ׳האָט געאַרבעט, צו־לייגן צום לוין עקסטרע עטלעכע רובל.

אין יאַנואַר פון יענעם יאָר האָבן מיר באַקומען אַ רחבותדיקע דירה אין וואַרטניקאָווסקע פּערעאולאָק (געסל) אינאיינעם מיט דער פּאַרטנאַי־פאַמיליע. די דירה האָט געהאַט פינף חדרים און אַ קיך מיט אַ באָד־צימער, עלעקטרישע באַלייכטונג און צענטראַלע באַהייצונג (סטיעם היעט). מיין טאָכטער האָט, ווי שוין געזאָגט, געאַרבעט אַלס לערערין, און מיין פרוי אַלס פאַרוואַלטערין פון שפּייז־צימער פון „מאָסקווער ניוס" — אַ טעגלעכע ענגלישע צייטונג. מיר האָבן דעריבער געמוזט קריגן אַ הויז־פרוי פאַר דער שטוב־אַרבעט.

אין יענעם יאָר האָט מען אויך איינגעפירט „קאָסטאָמער אַרבעט" פאַר מענער־ און פרויען־קליידער און מען האָט געעפנט אַ צאָל קראָמען וואו מען האָט געקענט באַשטעלן אַ קלייד אָדער אַ מאַנטל „צו אָרדער". די ערשטע מאָס פלעגט מען מאַכן אין קראָם און נאָכדעם געשיקט אין פאַבריק צו פאַרענדיקן. איך האָב באַקומען די אויפגאַבע איינצושטעלן אַזעלכע פאַבריקן. איך האָב איינגעשטעלט דריי אַזעלכע פאַבריקן, וואָס האָט פאַרלייכטערט די אָפּעראַציעס, וואָס האָבן שוין מער ניט געדאַרפט איינ־געטיילט ווערן אויף 24 אָדער 30 אַזעלכע אָפּעראַציעס, נאָר 6 אָדער 8, איז געווען גענוג.

אויך דער סאָציאַל־קולטורעלער לעבן האָט פּראָגרעסירט. איך און מיין פאַמיליע האָבן גענאָסן קולטור איבער גענוג. עס איז כמעט ניט געווען קיין וואָך מיר זאָלן ניט אַרויספאָרן אין אַ פּאַרק פון קולטור אָדער באַזוכן די אָפּערע. מיין עלטערע טאָכטער האָט גענומען קורסן אין דער קאָנ־סערוואַטאָריע פון מוזיק און מיין יינגערע האָט דעם ערשטן יאָר געלערנט אין דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער שול און דעם צווייטן אין אַ סאָוועטישער פאָלקשול.

יענעם זומער, נאָך די „טרויעריק באַרימטע" פּראָצעסן, האָב איך מיט אַ גרופּע אַלטע חברים באַזוכט אוקראַינע. מיר זיינען געווען אַרום אַ וואָך צייט אין אָדעס, ביים לימאַן, און דעם באַרימטן לערמאָנטאָוו־סאַנאַטאָריום, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן ברעג, אַ שטח פון אַן ערך 6 מייל. אַהער זיינען געקומען מענטשן אויף אָפּרו פון אַלע עקן לאַנד. פון דאָרטן זיינען מיר געפאָרן מיטן ים קיין כערסאָן און נאָכדעם מיטן דניעפּער קיין

קרעמענטשוג, יעקאַטערינאָסלאַוו (דניעפּראָפּעטראָווסק) און געזען דעם באַ־רימטן „דניעפּראָסטראָי״, און פון דאָרטן — קיין קיעוו.

קיעוו איז געווען פּרעכטיק. אין געוועזענעם גובערנאַטאָרסקן פּאַרק, וואָס האָט איצט געהייסן דער פּראָלעטאַרסקער פּאַרק, פלעגט שפּילן אַן אָרקעסטער פון 4 פּאַרנאַכט ביז שפּעט אין אָוונט און דער „פּליאַזש״, דער זאַמדיקער דניעפּער־ברעג האָט אויסגעקוקט ווי אַ וואונדערלעכע אידיליע. אין די דאָרטיקע אַרכיוון האָב איך געפונען מאַטעריאַלן וועגן מיינע אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. די „פּעטשערסקע לאַווריע״ (אַן אַלטער קלויסטער) איז איצט געווען אַ מוזעי, און ביים אַריינגאַנג האָט זיך נאָך געפונען דער קבר פון סטאָליפּינען, דער צאַרישער מיניסטער, וועמען דער סטודענט באָגראָוו האָט דערהרגעט. אונטער גלאָז האָבן מיר געזען רעליקוויעס, מענטשלעכעביינער, און דעם ליגן פון דער מאַדאָנע וואָס האָט פאַרגאָסן ביטערע טרערן. דער „נס״ פלעגט פּאַסירן אויף דעם אופן: „גאָטס מאַמע״ איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער מיט אַ קייטל און אַ רינגעלע, וואָס פלעגט זיך צוקייקלען צו דער מוטערס אויגן און אַרויסקוועטשן אַ טראָפּן — אַ טרער.

איך בין שוין געווען אין האָמעל, וואָס איז געווען שיין געבויט מיט אַ שטאָטישן פּאַרק. אין האָמעל בין איך געווען צוגאַסט ביי מיין פריינט סעם מינץ, וועלכער האָט יאָרן געוואוינט אין ניו יאָרק און האָט גע־הערט צום בראָנסקער אַרבעטער קלוב. אין האָמעל האָט ער געאַרבעט אין אַן אייזנבאַן פאַבריק.

מיין פרוי האָט יענעם זומער באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר אַ חודש אָפּרו אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען אויף דער וואָלגע. די שיף איז געווען פּרעכטיק איינגעאָרדנט און ביי איר אָפּשטעל אין יעדער שטאָט פלעגן די פּאַסאַזשירן באַזוכן מיט אַ טוריסטן־פירער פאַרשיידענע אינ־טערעסאַנטע פּלעצער און מוזייאומס. זי האָט באַזוכט אַ סך שטעט. צווישן זיי סטאַלינגראַד, און האָט זיך צוריקגעקערט אַ באַגייסטערטע פול מיט איינדרוקן. אין צווישן האָט מיין עלטערע טאָכטער אויך באַזוכט אַמעריקע און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט.

ווי געזאָגט, איז דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די סאָוועטישע בירגער געשטיגן. מיטן אָפּשאַפן די ראַציע־קאַרטן איז כמעט פאַרשוואונדן דער שוואַרצער מאַרק. דער אַרבעטס־מיניסטעריום איז אויך פאַרביטן געוואָרן

און זיינע פונקציעס האָבן איבערגענומען די קאָמיטעטן פון די פּראָפּע־סיאָנעלע פאַראיינען, ווי אינספּעקציע, געזונט, קראַנקן בענעפיט, ספּאָרט אאַז״וו. קינדער־״יאַסלעס״, היימען פאַר קינדער פון מוטערס, וואָס אַר־בעטן אין די פאַבריק, און זומער־לאַגערן (קעמפּס) פאַר קינדער — אַלץ איז איצט געלעגן אין די הענט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זייערע קאָמיטעטן.

אַ וואָרט וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: זיי זיינען ניט אַרויפ־געצוואונגען געוואָרן אויף די מיטגלידער, נאָר יעדער איינער איז געווען פריי אויסצוקלייבן צו געהערן צו דער יוניאָן אָדער ניט. פאַרשטייט זיך, אַז יוניאָן־מיטגלידער האָבן געהאַט מער פּריווילעגיעס, אַזוי צום ביישפּיל, ווען אַ יוניאָן־אַרבעטער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער באַקו־מען 100 פּראָצענט פון זיין געהאַלט און ניט קיין יוניאָן מיטגליד — בלויז 75 פּראָצענט.

מיין פאַבריק, נומער 3, האָט אויסגעבויט אַ שיינעם קלוב מיט אַ באַקוועמען עס־צימער און בעת די איבעררייסן פאַר מיטאָגן האָט מען דאָרט געקענט באַקומען אַ פרישן מאָלצייט. אין די פרייע טעג, פלעגט מען אַרויספאָרן אין די פּאַרקס אויף קולטור־פאַרווייליונגען.

די טרעיד יוניאָן פירער זיינען געווען אַלטע אויסגעפּרואווטע רע־וואָלוציאָנערן. צום ביישפּיל, דער דירעקטאָר פון מיין פאַבריק, ראַווקין, איז אין די אַלטע יאָרן געווען אַ ״זאַגאָטאָווטשיק״ (שוסטער־אַרבעטער) און האָט נאָך אין 1905 אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון כאַרקאָוו. וואַלעריאַן זאָרין, דער איצטיקער אַמבאַסאַדאָר אין מערב דייטשלאַנד, איז אויך געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ שניידער פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905, און אַזוי קאָן איך אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל פון געוועזענע פאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערן. די רעגי־רונג האָט זיי געשיקט אויף ספּעציעלע קורסן, וואו מען האָט זיי אויס־געבילדעט אַלס פירער, פּונקט ווי מען האָט אויסגעפּאַרטיקט טעכניקער, אינזשינערן און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן.

צוזאַמען מיט דער הויבונג פון לעבנס־סטאַנדאַרד איז אויך געשטיגן דער קולטורעלער ניוואָ. אין יעדער פאַבריק האָט מען איינגעפירט קול־טור־ווינקלען, ביבליאָטעקן און אין דער איבעררייס־צייט פלעגט מען פאַרלייענען ליטעראַטור דערציילונגען און קליינע פעליעטאָנען. מיר פלעגן אויך הערן באַריכטן פון פאַרשטייער פון ״אָזעט״ און דיסקוטירן די פראַגע

פון בירעביזדזשאַן און די פּראָבלעמען פון פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די קאַפּיטאַליסטישע און פאַשיסטישע לענדער. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען אין די צייטן פון באַרימטן דימיטראָוו־פּראָצעס אין בערלין, פּאָרגעקומען אימפּאָזאַנטע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען. די אַרבעטער און די פּאָלקס־מאַסן האָבן רעאַגירט אויף יעדער געשעעניש, ענערגיש און באַוואוסט־זיניק. אין 1936, ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, האָבן די אַרבעטער דיסקוטירט אין די קלובן און אין די ווינקלען אויף די פאַבריקן, די רעדעס און די פאַרהאַנדלונגען פון יענעם היסטאָרישן קאָנגרעס.

אַ גרויסן איינדרוק אויף די אַרבעטער האָט געמאַכט דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סטאַכאַנאָווצעס, די שלאָגלער וועלכע האָבן אויסגע־נוצט זייער טעכנישן וויסן צו אַרבעטן גרינגער און פּראָדוצירן מערער. סטאַכאַנאָוו, ווי באַוואוסט, איז געווען אַ קוילן־אַרבעטער, וואָס האָט באַ־וויזן אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימום פון פּראָדוקציע, און נאָך אים האָבן נאָכגעפּאָלגט אַנדערע אַרבעטער אויף יעדן געביט פון דער אינ־דוסטריע. די סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג האָט זיך שנעל און ראַשיק אַנטוויקלט.

איך געדענק די ערשטע סטאַכאַנאָוו־פאַרזאַמלונג אין זאַל פון קרעמ־לין, מיטן אָנטייל פון גאַנצן צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, בראש מיטן פּרעזידענט מיכאַאיל קאַלינין. ער האָט דערעפנט די פאַרזאַמלונג און האָט גערופן צו דערוויילן אַ פּרעזידיום פון 40 סטאַכאַנאָווצעס, וועלכע זיינען דערווילט געוואָרן און האָבן אונטער אַ רעש פון אַפּלאָדיסמענטן פאַרנומען זייער אָרט אויף דער בינע. די זיצנדיקע פּאַרטיי־פירער, סטאַלין צווישן זיי, זיינען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם נייעם פּרעזידיום פון די סטאַכאַנאָווצעס... ווייזט אויס, אַז דער „פּער־זאָנען קולט" האָט נאָך דאַן ניט געאַרבעט געהעריק... איך געדענק ווי אין אַ פּאָר שעה אַרום, נאָכדעם ווי די סטאַכאַנאָווצעס האָבן גערעדט, האָט מען געבעטן סטאַלינען צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. ער האָט דערקלערט, אַז די בעסטע רעדעס האָבן געהאַלטן די אַרבעטער און האָט נאָכדעם דאָך געגעבן אַן אַנאַליז פון דער סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג און זי באַצייכנט ווי אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע באַוועגונג אויפן וועג צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט.

צוריק אין ניו יאָרק; קיין וועג צוריק

איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ תושב אין לאַנד. און איך האָב אָנגעגעבן וועגן דעם אַ מעלדונג אין דער רעגירונג. מיין ניו־יאָרקער משפחה האָט אָבער געוואָלט, איך זאָל פריער זיי נאָכאַמאָל באַזוכן צו דער געלעגנהייט פון חתונה מאַכן זייערע קינדער. מיין פרוי און די ייִנגערע טאָכטער האָבן געוואָלט זיך דורכפאָרן און איך האָב זיך וועגן דעם דורכגערעדט מיט דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק, וועלכער האָט מיר פאַרשפּראָכן זיין הילף.

אין יענער צייט זיינען מיר שוין געווען „רייך". אַלע האָבן געאַרבעט און אָפּגעשפּאָרט אַ פיינע פּאָר רובל וואָס איז אונדז צוניץ געקומען אויף רייזע־הוצאות. מיר האָבן באַקומען הין־און־צוריק־בילעטן און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. אויפן וועג זיינען מיר ווידער פאַרבייגעפאָרן די פּאַשיסטישע לענדער און אַפילו פון וואַגאָן ניט אַרויס. בלויז אין פראַנקרייך האָבן מיר גוט פאַרבראַכט עטלעכע טעג. מיט אונדז איז דאָן מיטגעפאָרן אַ סאָוועטישע לערערין מיט איר מאַן, וועלכע זיינען געפאָרן אַרבעטן אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. מיר האָבן זיך מיט זיי שטאַרק באַפריינדעט. אין פּאַריז האָבן מיר אויך אָנגעטראָפן אַלטע חברים פון אָדעס פון די יאָרן 8־1907.

אין ניו יאָרק ביי דער שיף האָבן מיר געהאַט אַ האַרציקע אויפנאַמע. מיר האָבן זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט און געגאַנגען פון איין חתונה צו דער צווייטער. אין מיטן יענעם זומער, 1938, האָב איך אַוועקגעשיקט מיין פּאַספּאָרט קיין וואַשינגטאָן אים צו באַנייען און אָנהויב יולי האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון וואַשינגטאָן וועגן אַן אַלטן געזעץ, אַז נאַטוראַליזירטע בירגער, וואָס פאָרן אין זייער געבוירן־לאַנד אויף צוויי יאָר, טאָרן ניט אַרויספאָרן צוריק ביז זיי וואוינען דאָ אָפּ אַ שטיקל צייט. איך האָב זיך באַמיט צו קריגן דעם פּאַספּאָרט דורך פאַרשיידענע אינטערווענציעס אין וואַשינגטאָן. זיך געטראָפן מיט אַ סענאַטאָר, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן און איך האָב געמוזט אָנהויבן צוריק זיך איינאָרדענען אין מיין אַלט־נייער היים. ווערן צוריק אַ מיטגליד אין דער יוניאָן

איז מיר אָנגעקומען שווער, ווייל דער לאָקאַל 38 איז דעמאָלט געפירט געוואָרן פון געוועזענעם אַנאַרכיסט איזידאָר דזשעיקאָבס, פון געוועזענע אַנאַרכיסטן און מענטשן וועלכע האָבן געביטן זייערע פּאָליטישע מיינונ־גען יעדן טאָג, לויט ווי עס האָט זיך געלוינט. זיי האָבן געטאָן אַלץ מיך צוריק ניט אַריינלאָזן אין דער יוניאָן, צוליב פאַרשיידענע טעמים.

ערשטנס האָט מיין יוניאָן קאַרטל געטראָגן דעם נומער 1 — אַ גרויסער כבוד, וואָס אַ „פירער־פּאַרפירער" פון דער יוניאָן האָט מיר ניט פאַרגונען, און צווייטנס, האָבן זיי בכלל מיך געוואָלט האַלטן פון דער ווייטנס. איך בין יאָ געוואָרן אַ מיטגליד, אָבער צו מיין פאַך האָט מען מיך דורך פאַרשיידענע דריידלעך ניט צוגעלאָזט. אַז איך האָב שוין יאָ באַקומען אַ „דזשאָב" און האָב געדאַרפט ברענגען אַן אַרבעטס־קאַרד האָט מען מיר געהייסן אין דער יוניאָן קומען מאָרגן, און אויף מאָרגן האָט שוין געוואַרט אַן אַנדערער אויף דער אַרבעט. עס האָט אַפילו ניט געהאָלפן וואָס דער נייער אַנדערער אַרבעטער האָט געזאָגט דעם פירער אין דער יוניאָן, ער זאָל כאַזאַנאָוון אַוועקגעבן דעם פּלאַץ, ווייל ער האָט שוין פאַרדינט דעם סעזאָן 500 דאָלער, און כאַזאַנאָוו האָט נאָך קיין טאָג ניט געאַרבעט. — עס האָט גאָרניט געהאָלפן. מיין אַמט אַלס געוועזענער „אָרגאַנייזער" און מיינע יאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן מיך פּסול גע־מאַכט.

איך בין געצוואונגען געוואָרן צו אַרבעטן ביי אַנדערע פאַכן און בין געוואָרן אַ „דרעסמאַכער". מיין ערשטן „דזשאָב" האָב איך באַקומען אין אַ פּלאַץ, וואו איך האָב זיך געפילט זייער היימיש, ווייל די אַרבעטער האָבן מיך געקענט און איך בין געווען צווישן אייגענע מענטשן, האָב געניאָסן דעם רעספּעקט ניט בלויז פון די אַרבעטער, נאָר אַפילו פון דעם „באָס", דעם „קאָנטראַקטאָר" וואָס האָט געאַרבעט פאַר אַ „דזשאָבער".

אין יענער צייט איז קיין סך אַרבעט ניט געווען און די אַרבעטער פלעגן גיין זוכן אַ פּאָר וואָכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש־וואו. איך בין אַוועק זוכן אַרבעט פון מאַכן מוסטערן, „סעמפּלס". אין אַ געוויסן פּריטיק, ווען איך בין צוריקגעקומען אין שאָפּ זיך נאָכפרעגן אויף אַרבעט, האָב איך דאָרטן אָנגעטראָפן דעם „דזשאָבער" וואָס האָט געהייסן פאַקס און ער האָט מיך שפּאַסיק געפרעגט צי איך בין געפאָרן פייערן דעם ערשטן מאַי אין מאָסקווע. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב געאַרבעט אַ פּאָר בלאַק ווייטער, וואו מען דיסקרימינירט ניט קעגן יידישע אַרבעטער.

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט מיך פאַקס געפרעגט.

איך האָב אים געענטפערט, אַז זיין אויפפאַסער, אָדער „פּראָדאַקשאַן מענעדזשער", באַשעפטיקט נאָר איטאַליענישע אַרבעטער. ער האָט זיך געפילט געטראָפן פון מיין באַמערקונג, האָט מיר געהייסן וואַרטן און איז אַוועק. ווען ער איז אַוועק האָב איך פון שאָפּ-באַלעבאָס באַקומען אַ יישר־כח פאַר דער באַמערקונג. פאַקס האָט זיך צוריקגעקערט און מיר געהייסן קומען מאָנטיק צו דער אַרבעט ביי אים אין „סעמפּל"־רום. איך בין פאַרבליבן אַרבעטן ביי אים און מיין באַמערקונג האָט געפירט צו דעם, אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט פאַרלאָזן זיין „דזשאָבער" און זיך אַרויס־געצויגן פון דער געביידע.

איך בין ווידער געוואָרן אַקטיוו אין דער יוניאָן און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. צו יענער צייט האָט דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן דורכגעמאַכט זיין אויפבלי־פּעריאָד. איך האָב געקלערט צי איך זאָל זיך אָנשליסן אין „אָרדן". אין צווישן איז אָבער צו מיר געקומען אַ קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג און פאַרלאַנגט איך זאָל זיך צוריק אָנשליסן אין מיין צוויג, וואו איך האָב באַלאַנגט זינט 1913. איך בין צוריק אַריין אין מיין צווייג און האָב זיך דאָרטן אַקטיוויזירט.

אין יענער צייט האָט מען מיך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון פּראָגרעסיוון קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג. אין דער צייט וואָס איך האָב געוואוינט אין סאַוועטן פאַרבאַנד זיינען אויפגעלייזט געוואָרן די אַרבע־טער קלובן. מיר, אַ גרופּע אַרבעטער, האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ בראָנקסער אַרבעטער־קלוב.

דעם ערשטן מיטינג האָבן מיר פאַררופן אין חודש סעפּטעמבער, 1938, אין שוואַרצמאַנס רעסטאָראַן אויף האָו עוועניו און 174טע גאַס. שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ מיטינג האָל אויף טרימאָנט עוועניו, וואו מיר זיינען געווען עטלעכע חדשים.

די גרינדער פון יענעם אַרבעטער־קלוב, איצט דער בראָנקסער יידישער קולטור־צענטער, זיינען געווען סעמועל קאָופמאַן, סילוויע אור־ווינגלאסט, מייקעלסאָן, גאָלדשטיין, גליקין, סאָניע בראָמבערג, מאַקס לעווין, דזיישקאָב און סאָניע מאַיערס און אַנדערע. שפּעטער איז צוגעקומען פריינד בערגמאַן און אין אָנהויב 1939 האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין די איצטיקע קלוב־צימערן אויף באָסטאָן ראָוד.

פּאַטריאָטישע הילפס אַרבעט אין דער מלחמה-צייט

דאָס אויפליייזן די פאַרשיידענע אַרבעטער־קלובן פון ניו יאָרק, וועלכע האָבן עקזיסטירט זינט די צוואַנציקער יאָרן, איז זיכער געווען אַ טעות מצד דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. די דאָזיקע קלובן האָבן באמת גע־טאָן גוטע אויפקלערערישע און קולטור־אַרבעט און דער עיקר געזעל־שאַפטלעך פּאָליטישע אַקציעס, — אַלץ זאַכן, מיט וועלכע אַ פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט זיך ניט געקענט פאַרנעמען. דער פאַקט וואָס די פאַרבליבענע קולטור־קלובן אין איסט ניו יאָרק און דער יידישער קול־טור צענטער אין בראָנקס האָבן געטאָן פיינע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, רעדט פאַר זיך אַליין.

מיט דער אַטאַקע אויף אַמעריקע, אויף „פּוירל־האַרבאָר" און מיט דער היטלערישער אינוואַזיע אויפן סאָוועטן פאַרבאַנד, זיינען אַלע אָר־גאַניזאַציעס צו וועלכע איך האָב געהערט, טעטיק געוואָרן אין פּאַטריאָ־טישער הילפס־אַרבעט אויף אַלע געביטן, וואָס האָבן געהאָלפן אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

איך בין געוואָרן דער פאַרזיצער פון מיין געגנט, אויף פרענקלין עוועניו, וואָס האָט מאָביליזירט די מאַסן פאַר פּאַטריאָטישער הילפס־אַר־בעט. אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען אויפצוהענגען אַ „באַנער" אין דער ברייט פון דער גאַס. וואָס זאָל מאָביליזירן אַלע קרעפטן קעגן שונא. פאַר דעם צוועק האָבן מיר געזאַמלט אַרום 800 דאָלער. די אַרבעט פון צונויפברענגען די פאַרשיידענע עלעמענטן איז אונדז ניט אָנגעקו־מען גרינג. עס האָבן דעמאָלט אויך ניט אויסגעפעלט קיין „רעד־בעי־טערס" באַזונדערס צווישן די יידישע מלחמה־וועטעראַנען. אונדזערע פאַר־זאַמלונגען האָבן אָפּגעהאַלטן אין רעפּובליקאַנער קלוב, אונטערן נאָמען „איבערהעם לינקאָלן". איך בין געוואָרן אַ קעפּטעין פון די „עיר וואָר־דענס" און האָב געקראָגן אַ קראָם, וואו איך האָב אויסגעשטעלט אין די פענצטער און אין דער טיר בילדער פון סאָלדאַטן און מאַטראָסן וואָס

האָבן זיך געפונען אויף די פּראָנטן. צווישן די בילדער האָט זיך אויך געפונען אַ בילד פון אַ נעגערשן קעמפער און די „אולטראַ־פּאַטריאָטן" האָבן פון דעם געמאַכט אַ גאַנצע „אישו". מיר האָט זיך דאָך איינגעגעבן איבערצוציגן ביי אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג די אַנוועזנדע, מען זאָל ניט דיסקרימינירן קעגן נעגערשן העלד, און אַזוי אַרום באַזייטיקט די „פּאַט־ריאָטן" וועלכע האָבן מיך געוואָלט באַזייטיקן.

דאַן איז אויפגעקומען די באַוועגונג פאַר „ראַשען וואָר רעליף" (רו־סישער הילפס־קאָמיטעט) און דער פּראָגרעסיווער קאָמיטעט פון אַרבע־טער־רינג איז געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דער באַוועגונג. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַוועגונג זיינען געווען דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער און שרייבער אברהם גאָלדבערג און דער געזעל־שאַפטלעכער טוער בענדזשאַמין ווינטער,ביידע — מענטשן מיט וואַרעמע נשמות וואָס זיינען פּריצייטיק געשטאָרבן. נאָך זייער טויט איז בראש פון דער אָרגאַניזאַציע אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער טוער לואי לעווין, וועלכער איז פאַרבליבן אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג ביז נאָכן זיג.

די אַרבעט איז אַוועק „ווי געשמירט". אין דער באַוועגונג האָבן אָנטייל גענומען סטעיט סענאַטאָרן און אַסעמבלי־לייט און די ריכטער דזשאָנאַ גאָלדשטיין און אַננאַ קראָס. אונדזער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־רינג קאָמיטעט האָט געשאַפן פאָנדן און געזאַמלט קליידער.

לאָמיך דאָ פאַרבייגייענדיק דערמאָנען די באַציאונג פון די ניו יאָרקער שטאָט־באַלעבאַטים צו אונדזער פּאַטריאָטישער מלחמה־אַקציע. דעם דער־מאָנטן מלחמה־באַנער האָבן מיר אַרויפגעצויגן דעם 12טן אָקטאָבער. דער בראָנקסער באָראָ־פּרעזידענט לאַיאָנס האָט אונדז געשיקט אַ פּלאַט־פאָרמע און מענטשן אויפצושטעלן די פּלאַטפאָרמע, און איז אַליין גע־קומען ריידן. עס זיינען אויך געווען רעדנער פון די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנער קלובן, ווי אויך אָלדערמען און אַסעמבלימען. מיר האָבן פאַרקויפט מלחמה־באָנדס אין ווערט פון 45,000 דאָלער. אין די אַקציעס פון דעם פּראָגרעסיוון אַרבעטער־רינג קאָמיטעט האָבן זיך אויסגעצייכנט די פריינט י. בוראַקאָוו, ווענדי, דאַליצקי א. אַ. מען האָט אויך גע־זאַמלט אַ סך קליידער, גאַנצע פּעק, וואָס מען האָט געבראַכט אין די פאַר־שיידענע צענטערס, וואו מען האָט זיי סאָרטירט און נאָכדעם אָפּגעשיקט פאַר די מלחמה־געליטענע אין רוסלאַנד. איבערגעבענע טוער, מענער

און פרויען פלעגן שלעפּן די פּעק. איך אַליין האָב בעתן אויפהויבן אַ פּאַק קליידער איבערגעריסן דעם רוקן און האָב געמוזט אָפּליגן אַ פּאָר וואָכן קראַנק.

אין די גרויסע יערלעכע קאָנפערענצן פון „ראַשען וואָר רעליף" האָבן זיך באַטייליקט אַ גרעסערע צאָל ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג.

ווי נאָר די היטלערישע שלאַנג איז דערשטיקט געוואָרן און דער זיג איז געקומען און פּרעזידענט טרומאַן מיט טשוירטשילן האָבן אין פולטאָן, מיזורי געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל פאַר דער „קאַלטער מלחמה", זיינען זיך די ליבעראַלן, ווי לואי לעווין, סענאַטאָר ענטין, ריכטער דזשאָנאַ גאָלדשטיין און אַנאַ קראָס, צעלאָפן אין זייערע ווינקעלעך. אבער דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־רינג קאָמיטעט איז געבליבן אויף די פּאָזיציעס און האָט פאַרגעזעצט דעם קאַמף קעגן די „פירער" פון זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געוואָרט „אויפן לעצטן שאָס" פון וועלכן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד „וועט צעשאָסן ווערן". מיר האָבן זיך שוין דאַן אָריענטירט אין דער נייער פּאָליטישער וועלט־לאַגע, געפּריידיקט קאָ־עקזיסטענץ און געמאַכט אונדזער באַשיידענעם ביטראַג אָפּצושטעלן די כוואַליעס פון דער קאַלטער מלחמה, ווי ווייט מעגלעך.

בעת די מלחמה מיט די נאַציס איז אויסגעבראָכן, איז מיין טאָכטער מיט איר קינד נאָך געווען אין מאָסקווע. אין אַ געוויסן טאָג, בעת זי איז געווען אויף דאַטשע אין יידישן קאָלכאָז אַרום מאָסקווע, מאַלאַכאָווקע, איז די שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן און די הויז וואו מיין טאָכטער האָט געוואוינט איז פאַרברענט געוואָרן. די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע האָט איר געראָטן פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק. זי איז געפאָרן דורך וולאַדיוואָסטאָק, דורכגעפאָרן די גאַנצע לענג און ברייט פון לאַנד און גאַנצע וואָכן האָבן מיר ניט געהערט פון איר. ערשט אויפן צווייטן טאָג, נאָך דער אַטאַקע אויף „פּוירל האַרבאָר", האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון די פּיליפּינער אינדזלען, אַז זיי פאָרן אָפּ פון דאָרט מיט שוועדישער שיף. מיר האָבן ווידער ניט געהערט פון זיי גאַנצע חדשים. איך בין יעדן טאָג געלאָפן אין ביוראָ פון דער שוועדישער שיף־געזעלשאַפט און זיי האָבן ניט געוואוסט פון אַזאַ שיף. דאָס האָט מיר און מיין פאַמיליע געבראַכט ניט ווייניק שלאָפלאָזע נעכט. ביז אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אויסטראַליע, אין וועלכער עס האָט זיך בלויז געפונען דער נאָמען פון מיין טאָכטער — אַ צייכן אַז זיי לעבן. ערשט

דעם 12טן פעברואַר האָבן מיר געקראָגן אַ טעלעפאָן פון האַפן, אַז זיי זיינען דאָ אין באַלטימאָר. אונדזער פרייד איז געווען אין לשער.

מיין טאָכטער מיטן איידעם האָבן באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ מלחמה־פאַבריק. זיי האָבן געוואוינט מיט אונדז צוזאַמען צוויי יאָר און נאָכדעם זיך אַרויסגעצויגן.

אין צווישן האָט מיין יינגערע טאָכטער געהייראַט מיט אַ יונגנמאַן וואָס איז געקומען צוריק פון שלאַכטפעלד. מיין טאָכטער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטערין.ביידע טעכטער האָבן זיך, אגב, אויסגעצייכנט און באַקומען די העכסטע צייכנס אין זייערע קאָלעדזש לימודים. מיין צווייטער איידעם איז פון פאַך געווען אַ פוטער־אַרבעטער. קיין סך אַרבעט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער אין די אָוונטן שטודירט אין ניו יאָרק אוניווערסיטעט און אויך געענדיקט מיט אויסצייכענונגען.

די יוניאָן און די אַסאָסיאיישאָן

זומער 1947 האָב איך געאַרבעט ביי „סעמפּלס״, אָבער ניט שטענ־דיק, נאָר פון צייט צו צייט. איך האָב פאַרלאָזן מיין שאַפּ צוליב אַ סכסוך מיט דעם ביזנעס־אַגענט פון לאָקאַל 22. עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אַ שטיקל סכסוך פון די פּרעסערס, וואָס איך האָב גע־פּרואווט צו לייזן. אַ צווייטן מאָל איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך וועגן ערשטן מאַי. איך האָב געלאָזט וויסן דעם „דיזיינער״ אַז דעם ערשטן מאַי וועל איך ניט אַרבעטן. ער האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אין פאַל איך וועל ניט קומען צו דער אַרבעט, וועל איך פאַרלירן מיין אַרבעט־פּלאַץ. איך בין אַוועק צום באַלעבאָס אין קאַבינעט און אים דערקלערט, אַז זינט איך געדענק האָב איך דעם ערשטן מאַי ניט געאַרבעט און אַז איך האָב נאָך מיט אַ וואָך צוריק געלאָזט וויסן דעם געהילף, אַז איך וועל דעם ערשטן מאַי ניט קומען צו דער אַרבעט. ער האָט מיך אויסגעהערט און געענטפערט, אַז ער רעספּעקטירט מיינע טראַדיציעס און איך זאָל זיך מאַכן ניט וויסנדיק און נאָכן ערשטן מאַי קומען צו דער אַרבעט.
ווען איך בין אויף מאָרגן נאָכן ערשטן מאַי געקומען, האָב איך באַ־מערקט, אַז דער געהילף איז אויף מיר היבשלעך אָנגעצויגן. די אָנ־געצויגנקייט צווישן אונדז האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט ביז דער סאָוועטישער פאַרשטייער אין יונייטעד נעישאָנס, גראָמיקאָ, האָט גע־האַלטן זיין באַרימטע רעדע וועגן דער רעכט פון יידן אויף זייער היימ־לאַנד אין ישראל.

אויף מאָרגן, נאָך יענער באַרימטער רעדע גראָמיקאָס, געדענק איך, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער געהילף־דעזיינער און אויסגערופן: „ווער האָט געבעטן דעם אַנטיסעמיט גראָמיקאָ ער זאָל זיך אָננעמען פאַר יידן?״ דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט און איך האָב אים אָנגערופן עם־הארץ, און אַז עס איז געזינטער פאַר אים אַז ער רעדט ניט, וועט ער כאָטש ניט אַרויסווייזן זיין אומוויסנקייט. ער איז שטאַרק ברוגז גע־



עקזעקוטיוו און באַאַמטע פון לאָקאַל 117 — 1953

וואָרן אויף מיר און דאָס האָט מיך געקאָסט מיין וואַקאַציע־טשעק. מען האָט פשוט מיר „פאַרגעסן" צו געבן דעם טשעק. איך האָב זיך אָנגעקלאָגט פאַרן באַלעבאָס. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַריינגערופן דעם סעקרעטאַר און געהייסן אויסמאַכן דעם טשעק. קומענדיק צוריק פון וואַקאַציע האָב איך מיר אָפּגעזוכט אַן אַנדער פּלאַץ צו אַרבעטן. דאָס מאָל אין אַ שאַפּ פון „קלאָוקס", וואו איך האָב באַקומען אַ גרעסערן געהאַלט. דאַן איז געקומען צו מיר אויפן מאַרקעט (7טער עוועניו און 40טע גאַס) דער ערשטער סעמפּלמאַכער און האָט מיר גערופן צוריק צו דער אַרבעט אין ערשטן שאַפּ, וואו עס איז אויסגעבראָכן דער ברוגז צווישן מיר און דעם „דעזיינער" צוליב גראַמיקאַס רעדע. איך האָב קיין גרויס חשק ניט געהאַט צוריקגיין און האָב זיך געווענדעט צום באַלעבאָס, וועלכער האָט מיר דערקלערט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט צוליב מיר, ווייל דער „דעזיינער" האָט געסטראַשעט אין פאַל איך קום צוריק, רעזיגנירט ער. ער טראַכט דעריבער וועגן געפינען אַן אויסוועג. איך האָב אים געענטפערט אַז אַלס יוניאָן־מיטגליד וויל איך זיך באַראַטן מיט מיין ביזנעס־אַגענט. איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט דעם ביזנעס־אַגענט און ער האָט מיך געראַטן זיך האַלטן פון דער וויטן פון דעם דעזיינער, גראַמיקאַס שונא. עס איז געבליבן אַז אַנשטאָט צוריקגיין אויפן דזשאָב, זאָל איך קריגן פאַרגיטיקונג און האָב טאַקע דעמאָלט באַקומען 400 דאָלער.

איך האָב פאַרגעזעצט צו אַרבעטן אין „קלאָוק שאַפּ" אין אַ פּריינט־לעכער אַטמאָספערע צווישן אַרבעטער פריינט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך בין געוואָרן דער פאָרזיצער פון שאַפּ. איין אַרבעטער איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן און אַלע אַרבעטער פלעגן זיך צונויפלייגן און אים צוטיילן אַ געוויסע סומע. ווי נאָר איך בין געוואָרן דער פאָרזיצער, האָב איך פאַרגעלייגט מען זאָל שאַפן אַ פאָנד און יעדער אַרבעטער זאָל איינצאָלן 50 סענט אַ וואָך, כדי ווען אַ חבר ווערט קראַנק זאָל ער באַקומען 20 דאָלער אַ וואָך. אַזאַ פאָנד האָט עקזיסטירט ביז דער שאַפּ איז אויפגעגעבן געוואָרן.

ריידנדיק וועגן שאַפּ איז וויכטיק צו דערמאָנען אַן אינצידענט, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף די באַציאונגען פון דער יוניאָן מיט די באַלע־באַטים. אין יענעם סעזאָן, איידער איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דעם שאַפּ, האָט זיך דער באַלעבאָס צעטיילט מיט זיין שותף, ווען

ער האָט אַרויסגעצאָלט אַ פערטל מיליאָן דאָלער. ער האָט געהאַט נאָך אַן אָפּטיילונג, אַנגעפירט פון נאָך אַ שותּף, וועמען ער האָט צוגעשטעלט אַרבעט. מיט דעם שותּף, וואָס איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט די באַאמטע פון דער יוניאָן, לאָקאַל 117, האָט ער זיך אַמאָל צעווערטלט און אים מער ניט געשיקט קיין אַרבעט. די יוניאָן האָט דעמאָלט אָפּגע־שטעלט די אַרבעט. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם וואָס מען טוט מיט די אַרבעטער און מען האָט זיי אַריינגענומען צו אונדז אין שאָפּ. דאָן איז אָנגעקומען אַן אַנדער, נייער פאָרמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שאַפן אינטריגעס צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים. עס האָט זיך געמאַכט, אז אין א געוויסן דאָנערשטיק האָט ער אָפּגעלייגט עטלעכע „פינישערס" (די וואָס פאַרענדיקן די אַרבעט). כאָטש עס איז געווען גענוג אַרבעט פאַר אַלע. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז דאָ גענוג אַרבעט, אָבער ער האָט זיך צו מיר ניט געוואָלט צוהערן. איך האָב דעמאָלט, אַלס שאָפּ־פּאָרזיצער, געהייסן די אַרבעטער אַריינקומען נאָך האַלבן טאָג. דאָס האָט דעם פאָרמאַן זייער ניט געשמעקט, ווייל ער האָט געוואָלט אַז די „פינישערס" זאָלן פאַרלירן אַ טייל פון זייער גע־האַלט, צוליב אַ געזעצלעכן יום־טוב, און אויב זיי וועלן ניט אַרבעטן אַ טאָג פריער, וועט זיי ניט קומען פאַר דעם יום־טוב.

יענעם פרייטיק נאָכמיטאָג זיינען די פינישערס געקומען צו דער אַרבעט. איך האָב צוגערופן דעם פאָרמאַן און אים געבעטן ער זאָל הייסן דער בוכהאַלטערין פאַרצייכענען מען זאָל די אַרבעטער באַצאָלן פאַרן יום־טוב, לויט דער סומע וואָס עס קומט זיי, פאַר אַ האַלבן טאָג אַרבעט. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און איז באַלד געקומען צוריק און געענטפערט, אַז די בוכהאַלטערין וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזעלכע קליינלעכע חשבונות...

פאַרנאַכט בין איך צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס, וועלכער איז שוין געווען היבש אין כעס צוליב דער מעשה מיט די „פינישערס", און האָב אים געבעטן ער זאָל זען אַז די אַרבעטער זאָלן באַקומען זייער האַלב לוין פאַרן האַלבן טאָג. „איך וויל זאָלסט מיר געבן אַ געזעצלעכע אורזאַך, פאַרוואָס די אַרבעטער זיינען באַרעכטיקט צום לוין", האָט ער מיך גע־פרעגט מיט אַ געוויסער אויפרעגונג. איך האָב אים דערקלערט, אַז גע־זעצלעך קאָנען זיי פאַרלאַנגען אויסגעצאָלט פאַר אַ גאַנצן טאָג, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט זיי אָפּצוזאָגן אין מיטן סעזאָן, ניט איינ־

פאַרמירנדיק פריער, אַז ער וועט פאַר זיי ניט האָבן קיין פולע וואָך אַרבעט, און אַז דאָס איז געווען אַ געוויסער „טריק" (שפּיצל) פון פאַרמאַן, כדי צו שאַפן צוויסטיקייטן צווישן די אַרבעטער און דעם באַלעבאָס. ער איז אין כעס געוואָרן און האָט גענומען מיך שטאַרק זידלען. איך האָב אים געלאָזן געענטפערט, אַז איך האָב זיך ערשט איצט דערוואוסט וואָס פאַר אַ „דזשענטלמען" און „אַדעלמאַן" ער איז, און אַז איך בין זיכער, אַז ער וועט נאָך זיינע ווערטער באַדויערן, און בין אַרויס פון שאָפּ.

צומאָרגנס בין איך אַוועק אין דער יוניאָן און געמאַכט אַ פאָרמעלע קלאָגע קעגן באַלעבאָס פאַר באַליידיקן די אַרבעטער, אויסער צוויי חונפים, וואָס האָבן אים געוואָרנט ער זאָל זיך מיט מיר ניט אָנהויבן... אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן און דער אַסאָסיאיישאָן אויסהערן די טענות. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אַ באָד־יונג קאָן ניט נוצן אַזעלכע זידל־ווערטער ווי דער באַלעבאָס האָט גענוצט קעגן מיר. די פאַרטרעטער פון דער אַסאָסיאיישאָן האָבן זיך געווענדט צו אים און ער האָט געענטפערט אַז ער באַדויערט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט... איך האָב זיך גענומען צו דער מאַשין. ווען די פאַרטרעטער פון דער אַסאָ־סיאיישאָן האָבן מיך געפרעגט, צי איך בין צופרידן פון דער אַנטשולדי־קונג, האָב איך געענטפערט: ניין! מיט אַ צייט שפּעטער האָט מיר דער ביזנעס־אַגענט איבערגעגעבן, אַז מען האָט דעם באַלעבאָס באַשטראָפט מיט אַ סומע פון פינף הונדערט דאָלער. די פאַרטרעטער פון דער אַסאָ־סיאיישאָן האָבן דווקא געפאָדערט אַ האַרבערע שטראָף, אָבער די יוניאָן־פירער האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אים באַהאַנדלען מיט יושר... נאָך יענער פּאַסירונג האָט דער באַלעבאָס געוואָלט פאַרהאַנדלען מיט מיר און ניט מיט מיינע קאָמיטעס, דערביי האָט ער געזאָגט, אַז מיט מיר דאַרף ער ריידן אידיש, אָבער מיט די אַרבעטער איז ער געוואוינט צו נוצן אַן אַנדער שפּראַך. איך בין אָבער באַשטאַנען ער זאָל דורכאויס פאַר־האַנדלען ניט מיט מיר, נאָר מיט אַ קאָמיטע... עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער פאַרמאַן האָט איבערצייגט דעם באַלעבאָס ער זאָל אינגאַנצן ענדערן דעם סיסטעם פון אַרבעט און אָנשטאָט וואָך־אַרבעט זאָל ער איינפירן שטיק־אַרבעט און דאָס וועט אים ברענגען גרעסערע פּראָפיטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרצויגענע פאַרהאַנדלונגען פון דער יוניאָן מיט דער אַסאָסיאיישאָן און מען האָט פאַררופן אַ גרויסן מיטינג, וואו הונדערט אַרבעטער האָבן געשטימט קעגן איינפירן שטיק־אַרבעט און

בלויז 22 פּאַר. דאָך האָט מען אים נאָכגעגעבן. דערביי האָט דער פּאַר־וואַלטער פון די פינישערס אונדז איינגערעדט, אַז דער באַלעבאָס גאַ־ראַנטירט, אַז די אַרבעטער וועלן פון שטיק־אַרבעט האָבן אַ גאַראַנטיע צו באַקומען דעם זעלבן לוין ווי פאַר וואָך־אַרבעט. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַ בוידעם. עס האָבן ניט געהאָלפן אונדזערע טענות, אַז די מערסטע אַרבעטער פאַרדינען ניט גענוג. דער פאַרוואַלטער האָט ציניש געענט־פערט: „וואו זאָל דער באַלעבאָס נעמען געלט צו דערלייגן? און אגב,״ האָט ער צוגעגעבן, „ווייזט איר מיט אייער קעגנערשאַפט צו שטיק־אַרבעט, אַז איר האָט ניט די ווערט אייער לוין״... אַזוי האָט מען זיך געזאָרגט אין דער יוניאָן פאַר אַזאַ „אָרעמען״ באַלעבאָס, נעבעך, וועל־כער האָט געהאַט גענוג געלט אויסצוצאָלן זיין שותף אַ פערטל מיליאָן דאָלער.

מען האָט איינגעשטעלט די שטיק־אַרבעט דורך אַ פּרייז־קאָמיטעט, וואָס האָט יעדעס מאָל געשליכטעט די פּרייזן. אַמאָל צום בעסערן און אַמאָל צום ערגערן. איך האָב איינגעשטעלט אַ קאָמיטע וואָס זאָל טיילן די אַרבעט יושרדיק און פלעג זיך ניט מישן אין דער אַרבעט־פאַרטיי־לונג, סיידן ווען עמעצער האָט געבראַכט אַ קלאָגע אַז מ'האָט אים גע־קריוודעט.

איינמאָל האָבן מיר געדאַרפט שליכטן אין איין טאָג די פּרייזן פאַר צען גאַרמענטס. האָט דער שאַפּ אַריינגערופן אַ קאָמיטע פון דער אַסאָ־סיאיישאַן, דער יוניאָן, און דער „לעיבאָר באָארד״. נאָך פילע פאַרהאַנד־לונגען, ווען די קאָמיטע האָט ניט געקענט דורכקומען, איז געבליבן אַז דער פאַרטרעטער פון דער „לעיבאָר באָארד״ זאָל פסקענען, אָדער, ווי מען רופט עס אין ענגלישן שאַפּ־יידיש — „רולן״, און כמעט אַלע מאָל פלעגט ער „רולן״ לטובת דעם באַלעבאָס. די קאָמיטע האָט פאַר־לאָזן דעם צימער ווען מ'האָט פאַרהאַנדלט די פּרייזן, אַלס פּראָטעסט. איך האָב דערקלערט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער פאַרטרעטער פון דער „לעיבאָר באָארד״ אַנטשיידעט אַלץ לטובת דעם באַלעבאָס, האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן. דאַן האָב איך אויך דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט דעם צימער. דעם זעלבן טאָג האָט מען גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג פון לאָקאַל 117. איך האָב דאָרטן געטראָפן דעם פאַרוואַלטער פון לאָקאַל, דעם פאַרטרעטער פונעם דזשאָינט באָארד און דעם ביזנעס־אַגענט. זיי אַלע האָבן געהאַלטן שטאַרקע רעדעס, אין וועלכע זיי האָבן געדראָט, אַז אונדז וועט ניט גע־

לינגען אָפּצוברעכן די באַציאונגען פון דער יוניאָן מיט דער אַסאָסי־איישאַן, און אַז מיט אונדזערע האַנדלונגען שטעלן מיר אין קאָן די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך, און אַז מיר זאָלן ניט פאַרגעסן, אַז דער פאַרטרעטער פון דער „לעיבאָר באָארד" איז אַ רעגירונגס־פאַר־שטייער. איינער פון די יוניאָן־פירער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט זיך שיער ניט דערוואָרגן מיט זיינע ווערטער. אייניקע אַרבעטער האָבן געפּרואווט ענטפערן און באַרעכטיקן זייער פאַרלאַנג דעם קאָמיטעט וואָס האָט געשליכטעט די פּרייזן, און איך האָב זיי דערקלערט, אַז זיי מאַכן זיך לעכערלעך מיט זייערע פלאַמענדיקע רעדעס און עס איז ניטאָ די מינד־סטע לאָגיק אין זייערע טענות. „איר טענהט," האָב איך געזאָגט, „אַז מיר, די לינקע (זיי האָבן געזאָגט: סטאַלין) ווילן ברעכן די באַציאונגען פון דער יוניאָן מיט דער אַסאָסיאיישאַן, אָבער איר האָט דאָך אונדז פריער ניט געלאָזט וויסן, אַז איר קומט „סעטלען" פּרייזן. ווען מיר ווייסן פריער וואָלטן מיר אָנגעפרעגט ביי סטאַלינען, ווי אַזוי צו האַנדלען... ווייזט אויס, אַז מיר האַנדלען אָן סטאַלינס וויסן..."

אַלזאָ, די יוניאָן האָט דעם באַלעבאָס אַלץ נאָכגעגעבן און דאָך איז ער, „נעבעך" אַרויס פון ביזנעס. דאָס הייסט, ער האָט פאַרקויפט דעם שאַפּ, אָבער פון ביזנעס איז ער ניט אַרויס. ער איז געוואָרן אַ שותף מיט איינעם און האָט די אַרבעטער, וואָס האָבן אים געחנפהט, באַזאָרגט מיט גוטע שטעלעס. דער פאָרמאַן זיינער האָט געמאַכט און מאַכט ווידער אָן טראָבל אין די שעפּער און ער פאַרסמט דאָס לעבן פון גענוג אַרבעטער. ניט איין אַרבעטער האָט ער אויף זיין געוויסן, אויב ער האָט בכלל אַ געוויסן...

פראָגרעסיווע קאַמפּן אין אַרבעטער רינג

אין פּראָגרעסיוון אַרבעטער־רינג קאָמיטעט בין איך געווען דער פאַרזיצער און ט. וועגדי דער סעקרעטאַר. חוץ אונדזער אויסגעצייכנטע אַרבעט אין דעם פּעריאָד פון דער רוסישער הילפס־אַקציע בעת דער מלחמה, האָבן מיר דורכגעפירט נאָך אַ ריי וויכטיקע אַקציעס לטובת די מיטגלידער פון גאַנצן אַרבעטער־רינג, די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אַזעלכע היסטאָרישע אַרבעטער־טראַדיציעס.

איין אַקציע איז געווען בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל. די פירערשאַפט האָט באַשלאָסן צו העכערן דעם מיטגלידס אָפּצאָל און עס באַרעכטיקט מיט דעם, וואָס דער ביז־אַהעריקער אָפּצאָל דעקט ניט די אויסגאַבן פון דעם „קראַנקן־בענעפיט פאָנד". זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען געצוואונגען פון דעם ניו יאָרק סטעיט פאַרזיכערונגס דעפּאַרטמענט אין אָלבאַני, צו מאַכן די העכערונג.

דער ענערגישער מיטגליד פון דעם פּראָגרעסיוון אַרבעטער־רינג־קאָמיטעט, ד"ר י. יעפּרעמאָוו, האָט זיך געווענדעט צו אָלבאַני און אָנגעפרעגט וועגן דער זיכערקייט פון דעם קראַנקן בענעפיט־פאָנד און מען האָט געענטפערט אין נאָמען פון „אינשורענס־קאָמישאָנער", אַז דער פאָנד איז אין בעסטן צושטאַנד און ער זעט ניט איין די נויטווענדיקייט צו העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל.

מיר האָבן גלייך געלאָזט וויסן אַלע צווייגן פון דער אָרגאַניזאַציע די נייעס פון אָלבאַני און די אַדמיניסטראַציע איז געצוואונגען געוואָרן צו רופן אַ גרויסע קאָנפערענץ פון אַרבעטער־רינג פאַרטרעטער אין „פּראָטוירנעל קלאָב האוז" אויף אַ געוויסן זונטיק. איין רעדנער נאָכן אַנדערן האָבן אין זייערע רעדעס פון דער פּלאַטפאָרמע דעקלאַרירט, אַז זיי זיינען חס־ושלום ניט קיין „פּראָגרעסיווע" אָבער דאָך מוזן זיי צוגעבן אַז דער פּראָגרעסיווער קאָמיטעט איז גערעכט. עס האָבן ניט געהאָלפן די רעדעס פון די פירער — באַסקין און גוסקין און די אַנדערע מיטגלידער פון דעם באַרימטן „זקן קלוב" (דער קלוב וואָס באַשטימט

מיט די באַאמטע אַלע „פּאַליסיס״ פון דער אָרגאַניזאַציע). די פירער האָבן דערזען אַז אויב עס וועט קומען צו אַן אָפּשטימונג וועט זייער פּלאַן דורכפאַלן מיט אַ קנאַק, האָבן זיי ניט דערלאָזן צו קיין אָפּשטימונג און האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן נאָך האַנדלען אין דער פראַגע.

שפּעטער האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון דער זעלבער פאַר־זיכערונגס־אָפּטיילונג אין אַלבאַני, אַז עס איז יאָ דאָ אַ נויטווענדיקייט צו פאַרזיכערן דעם קראַנקען־בענעפיט־פאָנד און זיי האָבן דאָך געהע־כערט דעם מיטגליד־אָפּצאָל. פאַרוואָס דער „אינשורענס דעפּאַרטמענט״ האָט געביטן זיין מיינונג בלייבט אַ סוד.

שפּעטער האָט די אַרבעטער־רינג פירערשאַפט באַשלאָסן אָפּצושאַפן דעם „אַלד־עידזש פאָנד״ (פאָנד פון אַלטע לייט), וואָס די מיטגלידער האָבן געצאָלט העכער פערציק יאָר, און אומקערן יעדן צווייג אַ געוויסן חלק פון די געלטער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן פאָנד; דאָס האָט געמיינט, אויפגעבן דעם פּלאַן פון אַ היים פאַר די עלטערע מיטגלידער.

אונדזער פּראָגרעסיווער קאָמיטעט האָט פונאַנדערגעשיקט אַ בריוו צו אַלע צווייגן איבערן לאַנד און זיי מיטגעטיילט וועגן אונדזער פאָדע־רונג פון דעם הויפּט־אָפיס אָנצוהאַלטן דעם פאָנד. מיר האָבן געפאָדערט אַ רעפערענדום צווישן די מיטגלידער. נאָך אַ צאָל קאָנפערענצן איז די אַדמיניסטראַציע געצוואונגען געווען דורכצופירן אַזאַ רעפערענדום וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ גרויסע צאָל שטימען און עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז דער פאָנד זאָל ווייטער פאַרגעזעצט ווערן און אַז אַ היים זאָל אויפגעבויט ווערן. שפּעטער איז אַ היים פאַר אַלטע לייט פון אַר־בעטער־רינג אויפגעבויט געוואָרן. און מערקווירדיק ווי די פירערשאַפט וועלכע האָט געמאַכט אַזוי פיל שוועריקייטן און געלייגט שטיינער אין וועג פון דעם פּלאַן, נעמט זיך איצט דעם קרעדיט פאַר דער היים.

די היים פאַר אַלטע לייט פון אַרבעטער־רינג איז באמת אַ שטאָלץ פאַר דער אָרגאַניזאַציע און פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין הויפּט־זאַל פון דער היים גע־פינט איר ניט קיין איין בילד פון די אַמאָליקע גרינדער און פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין יענע גוטע יאָרן. ניטאָ דאָ קיין בילד פון מאָריס הילקוויט, זאַמעטקין אָדער מאיר לאָנדאָן, בלויז אַלטער און ער־לעך, וועלכע זיינען אַפילו ניט קיין אַמעריקאַנער, נאָר פּוילישע בונ־דיסטן...

דער אַרבעטער־רינג האָט געהאַט אַ סאַנאַטאָריום אין ליבערטי, וועלכע האָט די אָרגאַניזאַציע גאָרניט געדינט, און בלויז אַנגעמאַכט דעפיציטן פון איבער הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר. אין סאַנאַטאָריום האָבן זיך געפונען העכסטנס אַ צען־צוועלף פּאַציענטן... דער פּראָגרעסיווער קאָמיטעט האָט נאָך מיט פופצן יאָר צוריק אויפגעפּאָדערט דער אַדמיניסטראַציע אויפצוגעבן די אומנויטיקע אינסטיטוציע, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן און זיך שיידן מיט דער אינסטיטוציע, וואָס איז בלויז געוואָרן אַ לאַסט אויפן אַרבעטער־רינג. ערשט לעצטנס האָבן זיי זיך געזעגנט מיט דעם סאַנאַטאָריום.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די אַרבעט פון פּראָגרעסיוון אַרבעטער־רינג קאָמיטעט אָפּצושלאָגן די מסירה פון דער כאַנין־קליקע אויף די קינדער פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס אָרדן. די קליקע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק צוגעטראָגן אַ מסירהלע צו דער באָארד אָוו עדיוקיישאָן פון ניו יאָרק, אַז די דערמאָנטע קינדער־שולן זיינען „סובווערסיוו" און מען זאָל זיי דערפאַר ניט לאָזן נוצן די געביידעס פון די ניו־יאָרקער שטאָטישע „סקולס". די מסירה האָט געפועלט און מען האָט די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן אַרויסגעטריבן פון די סקולגעביידעס. דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־רינג קאָמיטעט האָט פאַררופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין דעם גרויסן זאַל פון אוירווינג פּלאַזאַ אויף דער 15טער גאַס. ס'זיינען געווען אַנוועזנד אַ 500 מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג. די רעדנער, אַלטע טוער פון אַרבעטער־רינג, האָבן גערעדט מיט צאָרן קעגן כאַנינען און אים איינגעלאַדן צום משפט. ער איז אָבער ניט געקומען. אַ רעזאָלוציע האָט פאַרדאַמט די שענדלעכע מסירה.

עפּיזאָדן פון אַן אַרבעטערס לעבן

אַ פּראָוואָקאַטאָר אין קיעוו

ווי איך האָב שוין דערציילט, בין איך אין יאָר 1906 געזעסן אין א קיעווער פּאָליציי־אָפּטיילונג. אַרעסטירט בין איך געוואָרן אין דער פּרויען־שולע אויפן נאָמען פון ביכאָווסקי. עס איז געווען בעת א קאָנפע־רענץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צוזאַמען מיט „ספּילקאַ״ (נאַציאָנאַלע אוקראַאינישע אָרגאַניזאַציע) און „בונד״. צו יענער קאָנפערענץ האָט א געוויסער מיטגליד וואַלענטין פאַרשפּעטיגט. שפּעטער האָט מען אים אַרעסטירט אינאיינעם מיט אַנדערע וויכטיגע טוער. פיר פון די טוער האָט מען געבראַכט אין אונדזער אָפּטיילונג. איינער פון זיי איז געווען א סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט מענדעלסאָן.

איך בין געזעסן אין טורמע אויף אַ קאַראַאימישן פּאַספּאָרט א. נ. סאָלאָמאָן קאָהען. וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט האָב איך זיך געהיט צו רעדן, ווייל עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר. ווען די פיר נייע אַרעסטירטע זיינען אָנגעקומען האָבן מיר אָנגעהויבן פּלאַנירן, וויאַזוי דערמעגלעכן דאָס אַנטלויפן פון וואַלענטינען, וואָס איז געווען א וויכטיגער טוער און איז שוין אַנטלאָפן פון איין תפיסה. מיר האָבן דערוואוּסט, אַז דריי פון די נייע אַרעסטירטע זאָל מען איינגיכן באַפרייען, ווייל מען האָט ביי זיי גאָרניט געפונען, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז בעת מען וועט רופן איין אַרעסטירטן זאָל ער זיך ניט מאַכן הערנדיק, וואַלענטין וועט אָנטאָן זיין „יוניפאָרם״ און זאָל זיך מעלדן אַנשטאָט דעם „טויבן״. כך הוה — אַזוי איז געווען. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מען האָט גערופן מענדעלסאָנען, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפנדיק און אַנשטאָט אים האָט זיך געמאָלדן וואַלענטין.

יענעם אָוונט, ווען מען איז געקומען רעווידירן די נעמען, האָט מען אַנטדעקט, אַז וואַלענטין פעלט און מענדעלסאָנס נאָמען האָט מען ניט דערמאָנט. מענדעלסאָן האָט זיך געמאָלדן, האָט מען אים געזאָגט: „דו ביסט דאָך באַפרייט געוואָרן! וואָס טוסטו דאָ? איז קלאָר געוואָרן, אַז וואַלענטין האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט אַנשטאָט מענדעלסאָנען.

צומאָרגענס איז געקומען דער פּראָקוראָר מיט אַ קאָמיסיע און באַ־פרייט מענדעלסאָנען. דער סוף איז אָבער געווען, אַז וואַלענטין איז געווען אַ מיאוסער פּראָוואָקאַטאָר, און האָט נאָכדעם ווי מיר האָבן אים באַפרייט, אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן קאָמיטעט צו דער פּאָליציי, און איז פאַר־שוואונדן פון קיעוו.

דאַנקבאַרקייט

אין יאָר 1911 האָב איך געאַרבעט ביי דאַמען־שניידעריי אויף סעקאָנד עוועניו — דאָס האַרץ פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. איך האָב אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ פאַרשיידענע באַלמעלאָכעס. צווישן די אַרויפגענומענע אין יענעם יאָר זיינען געווען די שניידערס סאָלאָמאָן, דאָ־ווידקע, גרישע, היימאַן און אַנדערע. עס האָט דאַן געהאַלטן פאַרן גענע־ראַל־סטרייק פון די לעידיס טעילאָרס, לאָקאַל 38. אין יענעם יאָר זיינען מער־וויניקער איינגעשטעלט געוואָרן יוניאָן־שעפּער. איך בין געווען דער פאָרזיצער פון שאַפּ און האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געגעסן פון צופיל פריינטשאַפט מצד דעם באָס און דעם דעזיינער.

עס איז אַריינגעטראָטן אַ שטילקייט אין טרעיד און מען האָט זיך געדאַרפט טיילן מיט דער אַרבעט. דער באָס האָט מיך געוואָלט באַ־זייטיקן צווישן די ערשטע. איך בין געווען פאַרצווייפלט און באַזונדערס האָט מיר וויי געטאָן וואָס געוויסע אַרבעטער האָבן אים צוגעהאָלפן אין זיין פּלאַן מיך אַרויסצוואַרפן פון שאַפּ. ערגער איז געווען די דאַנק־באַרקייט פון דערמאָנטן סאָלאָמאָן, ווען איך האָב מיט אַ צייט צוריק אַריינגענומען צו מיר אין הויז, מיין שוואַנגערע פרוי האָט אים דעמאָלט אָוועקגעגעבן איר בעט מיטן גאַנצן שלאָפצימער און איז אַליין געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע... אַז מען רעדט וועגן „דאַנקבאַרקייט״.

כ׳האָב ניט צוגעלאָזט צו קיין סטרייק

נאָך יענעם שאַפּ אויף סעקאָנד עוועניו בין איך אָנגעקומען אַרבעטן צו די מילגרוים ברידער אויף סעקאָנד עוועניו און 9טע גאַס. דאָרטן האָבן מיר געפירט ביטערע קאַמפּן מיט די ברידער באַלעבאַטים, גראָבע מונגען און „שטאַרקע״ לייט, וואָס האָבן די אַרבעטער גערופן ביי די ערשטע נעמען און ביי דער מינדסטער געלעגנהייט זיך געוואָרפן שלאָגן מיט די פויסטן. איך האָב געאַרבעט אין דער מילגרוים אַטמאָספערע

עטלעכע יאָר ביז עס איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין וועלכן איך בין געווען טעטיק און בין עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן. מיין אַדוואָקאַט איז געווען דזשעיקאָב פּענקין. ער האָט מיך געקענט פּערזענלעך און האָט מיך פאַרטיידיקט. דער ריכטער אַראָן ליוואַי איז פּערזענלעך געווען פאַרבונדן מיט די מילגרוים־ברידער און קיין סך גערעכטיקייט האָט מען פון זיין האַנט ניט געקענט קריגן.

נאָכן סטרייק האָבן די מילגרוים ברידער מיך ניט געוואָלט נעמען צוריק צו דער אַרבעט. די יוניאָן האָט דאַן באַקומען פאַר אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער עטלעכע הונדערט דאָלאַר און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיין רעכט צוריק גיין צו דער אַרבעט און איז אַפילו גרייט געווען צו רופן אַ סטרייק צוליב מיר. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, וואו די אַרבעטער האָבן מיך פאַרטיידיקט און געפאָדערט מען זאָל אַרויסרופן אַ נייעם סטרייק צוליב מיר. איך האָב אָבער ניט דערלאָזן אַז צוליב איין אַרבעטער זאָלן דערווייל מענטשן ניט אַרבעטן עטלעכע וואָכן...

מיין דערפאַרונג מיט אַ סקעב

דער אַרבעטס־סעזאָן אין דער אינדוסטריע פון די לעידיס־טעילאָרס איז אָפט געווען זייער אַ קורצער. פלעגט יעדער אַרבעטער אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט אויפנייען עפּעס פאַר זיין אייגענער פאַמיליע. אין אַ שיינעם טאָג, ווען איך בין געזעסן ביי דער מאַשין און גענייט פאַר מיין משפחה איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע, וואו איך האָב געאַרבעט, אַ קוק געטאָן אויף מיין שטיקל אַרבעט. עס איז איר געפעלן געוואָרן און זי איז צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל פאַר איר אַליין אויפנייען אַזאַ „גאַרמענט". די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן איינגעשטימט און איך האָב פאַר איר אויפגענייט. ווען דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן האָט זי אָנגעהויבן אַריינגעמען באַשטעלונגען אויפן מוסטער פון איר שטיקל סחורה און האָט מיך געבעטן איך זאָל ווערן דער צושנייַדער. דער אַרבעטס־לוין איז געווען קליין, אָבער די אַרבעטער האָבן געטענהט, אַז עס איז בעסער איך זאָל אַרבעטן, ווייל אַנדערש וועט די באַלעבאָסטע אַרויפנעמען אַרבעטער פון „דרויסן" און דער שאַפּ וועט ליידן. איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט און מיין אַרבעט האָט שטאַרק אויסגענומען, איך בין באַקאַנט געוואָרן אַלס קינסטלער־צושניידער.

צום צווייטן סעזאָן זיינען צו דער באַלעבאָסטע געקומען אַ פּאָר „סקעבס" און האָבן פאַרגעלייגט איבערצונעמען דעם שאַפּ און איר העלפן פּטור צו ווערן פון די „יוניאָן־לייטע". זי האָט זיך געלאָזט צוריידן און דערקלערט אַ „לאָקאַוט". די אַרבעטער האָבן, פאַרשטייט זיך, געענטפערט מיט אַ סטרייק, וואָס איז געווען אַ פאַרביטערטער און פאַרצויגענער קאַמף. איך האָב געוואָלט אַרונטערגיין מיט די סטרייקערס, אָבער די באַלאַמטע פון לאָקאַל האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פיל בעסער איך זאָל בלייבן אויף מיין פּלאַץ. ביי מיר אין הויז פלעגן דעמאָלט פאָרקומען פאַרזאַמלונגען וואו איך האָב איבערגעגעבן אינפאָרמאַציע פון די אַנט־וויקלונגען.

איך דערמאָן זיך ווי אַ געוויסער „סקעב" פלעגט קומען אין שאַפּ מיט אַ באַנד פון קראַפּאַטקינען אונטער זיין אָרעם. ווען איך האָב אים געפרעגט: „צו וואָס דאַרפסטו מיטנעמען קראַפּאַטקינען צו דיין סקעבע־ריי?" האָט ער מיר געענטפערט: „אין דער געביידע געפינט זיך אַ פאַר־זיכערונגס־אַגענטור (אינשורענס קאָמפּאַני), מיינט מען אַז איך בין אַן אינשורענס־אַגענט"...

די סקעבס פלעגן שלאָפן און עסן אין שאַפּ. ווען איך פלעג פאַרטיק ווערן מיט מיין צושניידעריי און זיין גרייט צו נעמען אַ מאָס, פלעג איך אַריינרופן דעם קאָנטראַקטאָר אין צימער וואו מען האָט געמאָסטן די קליי־דער, פאַר די אויגן פון דעם קאַסטאָמער. יענעם מאָנטיק האָב איך געזען ווי דער קאָנטראַקטאָר איז געווען ניט ראַזירט און ניט איבעריקס ריין. איך האָב פאַרלאַנגט ער זאָל אַרונטערגיין זיך אָפּראַזירן און די באַלעבאָסטע האָט איינגעשטימט. ווען ער איז אַרונטערגעגאַנגען האָבן אים די סטרייקערס און די פּיקעטס געגעבן דעם אמתן מאַסאַזש... מען האָט עטלעכע סטרייקערס גלייך אַרעסטירט. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן פון דעם סעקרעטאַר, אַז מען נויטיקט זיך אין קאַאוציע (בעיל) פאַר די אַרעסטירטע. איך האָב געמוזט ריידן פאַרשטעלט, האָב איך געניצט די ווערטער: „רופט אָפּ מיין ברודער, זאָגט אים אַז דאָס קינד איז קראַנק וועט ער קריגן אַ דאָקטאָר". מיין ברודער איז באַלד געקומען און איינגעלייגט געלט פאַר די סטרייקערס.

שפּעטער איז דער באַלעבאָס צוריקגעקומען פון געריכט אין שאַפּ און געבראַכט מיט זיך דעם סקעב מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט

מיר דערקלערט אַז אַ געוויסער כאַזאַנאָוו פון ברוקלין האָט איינגעלייגט בעיל פאַר די סטרייקערס...

איך האָב מער ניט אויסגעהאַלטן און בין נאָך אַ פּאָר טעג אַליין אַרונטער צו די סטרייקערס און זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּיקעטס. פאַר מיין אַראָפּגיין האָב איך אויסבאַהאַלטן די „פּעטערנס״ (דעם סוד פון דער מאָדע, פון צושניידן). אין עטלעכע טעג אַרום איז דער סטרייק געסעטלט געוואָרן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט געדאַרפט פאָרקומען דער משפט איבער די סטרייקערס. ערב דעם משפט האָב איך זיך צוגעשאַרט צום סקעב, וועמען מען האָט שטאַרק צעמזיקט. מיר זיינען גלייך געוואָרן גוטע פריינט און איך האָב אים אויסגענומען אין אַ טערקישער באָד. דאָרטן האָב איך אים געגעבן איין כוסה נאָך דער צווייטער. ער איז שיכורערהייט איינ־געשלאָפן און איז ניט געקומען צום משפט. די קלאָגע איז אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן...

ווי איך האָב יוניאָניזירט אַ שאַפּ

אין 1923 האָב איך, ווי דערמאָנט, געאַרבעט ביי העטי קאַרנעגי, וועלכע האָט געהאַט צוויי שעפער, איינעם אַ יוניאָניזירטן און איינעם אַ געהיימען. די יוניאָן האָט באַשלאָסן אויפצוזוכן דעם ניט־אָרגאַניזירטן שאַפּ און אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אַ געוויסע דערפאַרונג מיט אַזעלכע שעפער האָט מען מיך און נאָך אַ פּאָר אַרבעטער אַרויפגעשיקט אַרבעטן אין יענעם ניט־אָרגאַניזירטן שאַפּ.

דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ פאָרמאַן, אַ כיטרען חברהמאַן. די אַר־בעט איז געווען זייער קאָמפּליצירט און דער פאָרמאַן האָט שוין געהאַט זיינע פּרעסערס, וואָס זיינען אים נאָכגעגאַנגען אומעטום. די פּרעסערס זיינען אויך געווען פאַכלייט אויסצופּרעסן די קאָמפּליצירטע אַרבעט. איין פאַכמענישער פּרעסער איז געווען אַן איטאַליענער. ער פלעגט קענען קונציק באַגראָבן אַ שטיקל אַרבעט... איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט צי איך בין אַ סיציליאַנאָ? (סיציליע, אַ געגנט אין איטאַליע). — יאָ! — האָב איך געענטפערט. האָט ער שוין מיין אַרבעט אויסגעפּרעסט אויף 100 פּראָצענט...

עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער שאַפּ איז יוניאָניזירט גע־

וואָרן. די מרס. קאַרנעגי האָט זיך געכאַפּט אַז איך בין פאַרבליבן ביי איר אין שאַפּ און האָט געטענהט אַז איך האָב זיך אַהין אַריינגעגנבעט אויף אַ פרעמדן נאָמען, ווייל אין ענגליש קלינגט מיין נאָמען ווי „טשיי־זענאָוו”, ניט כאַזאַנאָוו. פונדעסטוועגן פלעגט זי נאָר פאַרהאַנדלען מיט מיר וועגן שאַפּ־ענינים און אַרבעטער־פראַגן און מיך געלויבט אין דער יוניאָן...

איך האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט אַ יאָר ביז דער שאַפּ־פאָרמאַן האָט פאַרלאָזן דעם שאַפּ און די דעזיינערס האָבן פאַרלאַנגט איך זאָל ווערן דער פאָרמאַן. איך האָב זיך אַנטזאָגט אָבער מען האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן. מען איז אַפילו געגאַנגען צו די דעמאָלטדיקע פירער פון דער „טרעיד־יוניאָן יוניטי ליג”, בען גיטלאָוו און דזשאַזעף זאַק, און האָבן גע־פאָדערט איך זאָל ווערן דער פאָרמאַן, כדי די באַלעבאָסטע זאָל ניט אַרויפנעמען אַ געוויסן פאָרמאַן וואָס פלעגט אָנטאָן צרות די אַרבעטער און עס איז דאָ די געפאַר, אַז מען זאָל דאָ איינפירן „שטיק־אַרבעט”. מען האָט געפּרואווט ווירקן אויף מיין פרוי זי זאָל מיך איבערצייגן אַז איך מוז אָננעמען צו זיין פאָרמאַן. סוף כל סוף האָב איך באַשלאָסן אָנ־צונעמען מיט דער צושטימונג פון גאַנצן שאַפּ. איך האָב אָנגענומען די אַרבעט און אַלס פאָרמאַן האָב איך זיך געמוזט היטן מיט אַ וואָרט. די באַלעבאַטים האָבן געהאַט צוטרוי צו מיר און איך האָב געשליכטעט אַ סך סכסוכים. ווען די אַרבעט איז געווען גענוג, מען האָט גוט פאַרדינט, האָב איך אַרויפגענומען נייע אַרבעטער. איך האָב פאָרגעשלאָגן אַ רע־דוקציע אין די פּרייזן, וואָס וועט דערמעגלעכן קריגן נייע קונים, ווייל די אַרבעטער פראָדוצירן שנעלער און עס וועט זיך לוינען. בקיצור, עס איז געווען אגיל ואשמח, קיילעכדיק און פריילעך...

אָבער דאָ זיינען געקומען צרות. עס האָבן אָנגעהויבן קומען מסירה־בריוועלעך צו דער באַלעבאָסטע אַז איך בין מער שאַפּ־טשערמאַן ווי פאָרמאַן. איך האָב אַפילו אויסגעפּועלט אַ העכערונג פאַר אַ צענדליק אַרבעטער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל איך זאָל אויספּועלן אַ העכערונג פאַרן גאַנצן שאַפּ. עס האָט שוין געהאַלטן ביי אַ סטרייק. איך בין אַוועק צו דער באַלעבאָסטע און האָב פאָרגעשלאָגן אַ קאָמפּראָמיס. אָבער קיין ערגערניש האָט מיר ניט געפעלט.

איינמאָל האָב איך פאָרגעלייגט מען זאָל אַרבעטן יעדן טאָג נאָך אַ שעה און שבת אינגאַנצן ניט אַרבעטן. עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ מאַסן־

פאַרזאַמלונג אין יענקי סטאַדיום און איך האָב פאַרגעלייגט, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן אָפּשטעלן די אַרבעט אויף אַ האַלבן טאָג, האָבן זיך גע־פונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז זיי ווילן ניט פאַרלירן קיין האַלבן טאָג־אַרבעט. דער סוף איז געווען אַז איך האָב דאָס אויך אויסגעפּועלט ביים באַלעבאָס און יענע פאַרזאַמלונג האָט איינגעשטעלט האַרמאָניע צווישן די אַרבעטער.

אין אַ געוויסן ראש השנה, ווען איך בין געווען צו גאַסט ביי מיינעם אַן אַלטן פריינט, האָט ער מיר אינפאָרמירט אַז מיין דזשאַב איז אין סכנה אויב איך וועל באַלד ניט אַוועקשיקן פינף אַרבעטער. די יוניאָן וועט מיר אַזאַ זאַך ניט פאַרוואַרפן, ווייל זי איז איבערצייגט אין מיין יוניאָן־טרייקייט. איך האָב זיך אָנטזאָגט און האָב טאַקע פאַר־לאָרן דעם דזשאַב. איך האָב אָנגעהויבן זוכן נייע פּלעצער.

אַ משל מיט אַ פערד

איך האָב באַקומען אַ צייטווייליקן דזשאַב אין אַ געוויסער פירמע וואו דער באַלעבאָס איז געווען אַן אמתער ליבעראַל און דעמאָקראַט. ער פלעגט ליב האָבן פירן מיט מיר געשפּרעכן וועגן פאַרשיידענע אַרבעטער־פּראָבלעמען און האָט בכלל אַרויסגעוויזן אַ סך פשטות און איינפאַכקייט. איין פרימאָרגן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי מיין מאַשין און מיר דערציילט אַ פּאַסירונג.

„איך האָב ליב יעדן פרימאָרגן פאַרן עסן זיך דורכצורייטן אַ ביסל אין סענטראַל פּאַרק. שוין יאָרן אַז איך האָב אַ געוויסן פערד מיט אַ ספּעציעלן אויפפּאַסער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיין אויפפּאַסער פאַרשפּעטיקט און ניט געבראַכט אין צייט דעם פערד. איך בין אין כעס געוואָרן און האָב אים אַוועקגעשיקט און געקראָגן אַן אַנדער מאַן וואָס זאָל אויפפּאַסן אויף מיין פערד. וואָס־זשע האָט פּאַסירט? דער פערד האָט גאַנצע דריי טעג ניט גענומען אין מויל אַריין קיין עסן און טרינקען און מיך ניט צוגעלאָזט צו זיך, ניט דערלאָזן איך זאָל אים אַרויסנעמען פון שטאַל. איך בין ענדלעך געצוואונגען געווען רופן צוריק דעם אַלטן אויפפּאַסער, און איר האָט געדאַרפט זען ווי דער פערד האָט זיך דערפרייט מיט זיין אַלטן אויפפּאַסער...‟

ער האָט עס דערציילט מיט אַ באַזונדער הנאה און האָט געהאַלטן אַז ער האָט מיר געגעבן אַ לעקציע אין אַרבעטער קאַמף...

מיין ערשטע דערפֿאַרונג אין „פּאַבליק סקול“

ווי אַ קינד פֿון דער שטעטלשער יידישער אָרעמקייט האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו לערנען אין גימנאַזיע. מיין איינציקע בילדונג האָב איך באַקומען אין חדר ביים מלמד און די דאָזיקע „בילדונג“ איז אַפֿילו ניט גענוג געווען מיך אויסצולערנען אָנצושרייבן אַ „גראַמאַטנע“ בריוו.

אין אַמעריקע האָב איך אויך געלערנט ענגליש פֿון „אסתר־תענית ביז שלח־מנות“. דאָך וויל איך פֿאַרצייכענען אָן עפּיזאָד פֿון מיינער אַ דערפֿאַרונג אין „פּאַבליק סקול“ פֿון די בראָנקס, נומער 62 (אויף קראָטאָנאַ פּאַרק־איסט און טשאַרלס סטריט), וואו איך בין אין פֿאַרלויף פֿון צוויי וואָכן שטודיום, געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם „פּרינציפּאַל“ פֿון דער סקול.

מיר האָבן דעמאָלט געלערנט אַמעריקאַנער געשיכטע און דיסקוטירט די לינקאָלן־עפּאָכע. דער לערער האָט געפּרוּווט געבן אַן אידעאַליסטישע אינטערפּרעטאַציע וועגן לינקאָלנס קאַמף פֿאַר באַפֿרייען די נעגער־שקלאַפֿן. — לינקאָלן איז געווען אַ טיף־רעליגיעזער מענטש — האָט ער געזאָגט — און דער רעליגיעזער גייסט פֿאַרבאָט שקלאַפֿעריי. — איך האָב גענומען אַ וואָרט און געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג זיינען געווען אַנדערע סיבות פֿאַר לינקאָלנס קאַמף, איינע פֿון די הויפּט־סיבות איז געווען דער אָנהויב פֿון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין די שטאַטן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אַרבעטער־הענט אויפֿן ביליקן מאַרק און דעריבער האָט מען אַלץ געטאָן זיי צו באַפֿרייען פֿון יענע ערטער, וואו זיי האָבן דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם קיין נוצן ניט געבראַכט. — דערהערט אַזעלכע „רעוואָלוציאָנערע“ רייד, האָט מען מיך אָנגעקלאָגט פֿאַרן הויפּט פֿון דער סקול...

האָט איר איין „צוזאַמענשטויס“.

אַ צווייט מאָל בין איך שוין באַגאַנגען אַ „פֿאַרברעכן“, וואָס האָט

פאַרשנעלערט דעם סוף פון מיין שטודיום און איך בין פאַראורטיילט געוואָרן צו בלייבן אויסער דער סקול.

מען האָט דעמאָלט געפייערט אין דער נאַכט־שולע דעם טאָג פון וואָפן־רו (11טער נאָוועמבער — „אַרמיסטיס דעי"). ווען איך בין געקומען צו דער פייערונג האָט מיך די לערערין געפרעגט צי איך האָב עפּעס צוגע־גרייט. איך האָב זיך ניט צוגעגרייט, אָבער בין געווען גרייט צו „נעמען אַ וואָרט". מיין נאָמען איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פאָרזיצער און ער האָט מיך אויפגערופן צום שטענדער. איך האָב דערקלערט, אַז מיר דאַרפן זיך קנאַפּ פרייען מיט דעם טאָג פון „וואָפן־רו" ווייל עס גיסט זיך נאָך געוואַלדיג בלוט אין דער וועלט און ביי אונדז אין לאַנד אַליין ווערן באַגאַנגען געוואַלדיקע פאַרברעכנס (מען האָט דעמאָלט אַרויסגעוואָרפן פון דער ניו יאָרקער סטעיט אַסעמבלי די געזעצלעך־דערוויילטע סאָציאַליסטישע פאָרשטייער). אויב אַזוי, — האָב איך געפרעגט דעם עולם — וואָס איז די שמחה? האָבן מיר שוין טאַקע שלום אויף דער וועלט?

אַזעלכע רייד, ווייזט אויס, זיינען זייער ניט געפעלן געווען דעם פּרינציפּאַל. אויף מאָרגן האָט דער פאָרזיצער געהאַט אַן איבעררייד מיט מיין לערערין און זי האָט מיך איידל געבעטן מער ניט קומען אין קלאַס... מיט דעם האָט זיך געענדיקט מיין שטודיום...

פערזענלעכקייטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

מאָרים ווינטשעווסקי

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם יידישן דיכטער קלאַסיקער, דעם זיידן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, מאָריס ווינטשעווסקי, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1909, גלייך נאָך מיין אָנקומען אין לאַנד.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אַלס „פינישער" ביי קלאָוקס און פלעג אָפט אַריינקומען אין דער ביוראָ פון לאָקאַל 25, וואו דער „זיידע" איז



דער „זיידע" מיטן אייניקל. מ. ווינטשעווסקי מיט אַ קינד ביבי אין יוניטי האַוז, פאָרעסט פאַרק, פאַ. — 1918

דעמאָלט געווען דער „אָדיטאָר״. ביסלעכווייז האָט זיך צווישן אונדז פאַר־בונדן אַ פריינטשאַפט. ווי ער האָט מיר געזאָגט, האָט ער געהאַלטן שטאַרק פון אַרבעטער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די 1905־רעוואָלוציע און האָבן זיך ניט אַנטוישט אין זייערע אידעאַלן און איבערצייגונגען...
„פאַר אַזאַ אַרבעטער, וואָס האָט געקענט אַריינקוקן אין די קליינע אותיות״, האָט ער געשמייכלט, „איז לייכט געווען זיך אַנצושטעקן און מיטגעריסן ווערן פון די געדאַנקען פון אַן אַרציבאַשעוו, קופּרין און סאָלאָגוב״. איך געדענק ווי איך האָב אים פאַרגעלייגט איבערצולייענען מיין לעצטן באַשולדיקונגס־אַקט, וואו עס איז פאַרשריבן געווען מיין משפט אין אָדעסער קריגס־געריכט. ווינטשעווסקי האָט עס אויפמערקזאַם געלייענט עטלעכע מאָל.

אין דער צייט פון באַרימטן קלאָוקמאַכער סטרייק האָב איך אָפט דעם זיידן געטראָפן ביי פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. איך האָב זיך אַ צייט באַטייליקט אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דער רוסישער צייטונג „נאָווי מיר״. ביי אַ געלעגנהייט האָב איך געפרעגט פאַרוואָס ער באַטייליקט זיך ניט אין דער רעדאַקציע. זיין ענטפער איז געווען: „וואו אב. קאַהאַן גע־פינט זיך, קאָן איך ניט זיין. קיין נחת וועל איך שוין פון אים ניט האָבן און צרות פעלן מיר ניט...״

אין שפּעטערע יאָרן פלעגן מיר אָפט פאַרברענגען צוזאַמען אין דער „יוניטי הויז״ פון אינטערנעשאַנעל, לאָקאַל 22. די חברים שמערל און ט. ווענדי האָבן דעמאָלט געאַרבעט אַלס קעלנערס און האָבן אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן בולעטין א״נ „דער שייגעץ״, וואו מען האָט קריטיקירט און אַריינגעזאָגט און אַריינגעקיבעצט יעדן איינעם וואָס האָט עס פאַר־דינט. איך געדענק ווי יענער סאַטירישער בלאַט איז דעם זיידן זייער געפעלן געוואָרן און פון צייט צו צייט פלעגט ער דאָרטן עפּעס אַריינ־שרייבן...

ווינטשעווסקי האָט געשטרעבט צו זיין אַ „קינדער קעניג״ (זע זיין ליד „זיין וואָלט איך אַ קינדער קעניג״) און האָט גוואַלדיק ליב געהאַט קינדער. אין די זומערן וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, האָט ער זיך פאַרליבט אין מיין 8־יאָריק טעכטערל. די קינדער האָט ער געהייסן זיי זאָלן אים רופן „באַמבל־בי״ און זיי פלעגן זיך טאַקע קלעפּן צו אים ווי צו אַ זיידן. פאַר זיין אָפּפאָרן קיין סאָוועטן פאַרבאַנד האָט ער זיך גע־וואָלט טרעפן און פאָטאָגראַפירן מיט מיין טאָכטער.

איך קען ניט פאַרגעסן אַ „טראַגישע סצענע” אין אַ זאַל אויף 107טע סטריט און פּאַרק עוועניו, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן אב. קאַהאַן און דעם „זיידן”. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע פאַר משה אָלגין און דער זיידע האָט געדאַרפט זיין איינער פון די באַגריסער. ווי נאָר ווינטשעווסקי איז אַרויף אויף דער בינע, איז אב. קאַהאַן אַרויפגעלאָפן און אים געוואָלט אַראָפּשלעפּן...



מ. ווינטשעווסקי מיט „ביבי” אין יוניטי הויז, 1919.

אין מיין זכרון, ווי אין דער געדעכעניש פון טויזנטער אַנדערע אַר־בעטער האָט זיך אויך איינגעדריקט ווינטשעווסקיס לויה, ווען די „פאָר־ווערטס״־חברה האָבן פאַרכאַפּט זיין קערפּער. איך געדענק דעם 5־טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס איז געשטאַנען און אויסגעהערט די רעדעס און הספדים וועגן ווינטשעווסקין בשעת זיי האָבן זיין שטערבלעכן טייל אַרויסגעגנבעט דורך אַ זייטיקער טיר און אַנטלאָפן מיט דעם קערפּער מיט דער הילף פון מעשענע קנעפּ...

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אויף „מאונט כרמל״, אויף דעם אַרבעטער־רינג בית־עולם געפינט זיך דער קבר פון ווינטשעווסקין — לעבן, ממש צוגעטוליעט, צום קבר פון בענדזשאַמין שלעזינגער. שלעזינגערס מצבה איז מאַיעסטעטיש, שטאָלץ, הויך. דעם ווינדנס — אַ קליין נעבעכדיק מצבהלע...

הערץ בורגין

מיט דעם היסטאָריקער פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, הערץ בורגין, האָב איך זיך באַקאַנט גלייך נאָך מיין קומען קיין אַמע־ריקע. ער איז דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס".

ווי אַ גרינער האָב איך נאַאיוו געגלויבט, אַז דער רעדאַקטאָר וועט מיך אויפנעמען מיט כבוד און מיך אַריינפירן אין דער אַמעריקאַנער

הערץ בורגין

אַרבעטער־באַוועגונג. בורגין איז, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, דאַן געווען דער איבערזעצער פון רוסישע צייטונגס־נייעסן פאַרן „פאָר־ווערטס". ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אב. קאַהאַנען, און מיך האָט דערפרייט קאַהאַנס רוסיש, ווייל איך האָב נאָך דעמאָלט גערעדט אַ שוואַכן יידיש.

איך האָב אים דערציילט, אַז אין רוסלאַנד בין איך געווען אַ סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט. קאַהאַן האָט מיך געפרעגט: „ווי געשיקט זיך עס אַז אַ יידישער רעוואָלוציאָנער זאָל ניט זיין קיין בונדאָווער?" מיט דעם דאָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטע באַגעגעניש. שפּעטער פלעגן מיר זיך טרעפן ביי זיצונגען פון „נאָווי מיר", וואו ער איז געווען אַ מיט־גליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע.

מיט בורגינען בין איך אָבער פאַרבליבן אַ לאַנג־יאָריקער פריינט ביי ווען ער איז געווען אין „פאָרווערטס" און סיי ווען ער איז אַריבער צו דער „מאָרגן פרייהייט". איך האָב זיך מיט אים אויך געטראָפן אין מאָסקווע, וואו ער האָט מיך באַזוכט אויף מיין פאַבריק. ער איז געווען אַן אמת געטרייער חבר און אַן איידעלער אינטעליגענט, און האָב אונדזער נאָענטקייט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד פאַר מיר. אין משך פון אונדזער לאַנג־יאָריקער באַקאַנטשאַפט האָב איך אין אים ניט באַמערקט די מינדסטע גרויסהאַלטעריי אָדער סנאָביזם. סימפּטאָמען פון דעם האָב איך אַפילו יאָ באַמערקט ביי זיין פרוי פאַניא, וועלכע איז געווען אַן אַמאָליקע רוסישע אינטעליגענטקע און פלעגט זעלטן אויסריידן אַ יידיש וואָרט.

קלמן מרמר

מיט דעם זעלטענעם תלמיד־חכם, היסטאָריקער און אַרבעטער־קעמ־פער קלמן מרמר האָב איך זיך באַקענט אין די יאָרן פון דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער צייט פון די שטרייט־פּראָגן אַרום דער באַרימטער סט. לואיסער קאָנווענשאָן, וואו עס איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע וועגן אַמעריקאַנער אָנטייל אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט אין 1923 אָדער 1924 אין בעטלעהעם,



קלמן מרמר

ניו העמפּשיר. ער האָט זיך נאָענט באַקאַנט און פּאַראינטערעסירט אין מיין טאָכטער, וועלכע איז דאַן אַלט געווען אַרום 12 יאָר און איז דאַן געווען אין בעטלעהעם זיך קורירן פון היי־פיבער. שפּעטער האָט זיין על־טערער זון, יודע, ביי אונדז פאַרבראַכט אייניקע וואָכן, איידער ער האָט אָנגעהויבן גיין אין קאָלעדזש.

איך געדענק אַן עפּיזאָד פון יענע יאָרן, וואָס דער יונגער מרמר האָט דערציילט. ווי אַ נייער סטודענט פלעגן אים די סטודענטן צווינגען

קריכן מיט די נאַקעטע קני אויף די שטיינדלעך און שאַרן מיטן פּנים דאָס זאַמד. ער פלעגט קומען אַהיים אַ צעבלוטיקטער. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען אַזעלכע ווילדע צערעמאָניעס. איך האָב אים געראַטן ער זאָל געבן דער סטודענטן גרופּע דעם אמתן ווידערשטאַנד. ער איז געווען אַ געוואוקסיקער און גאַנץ קרעפטיקער בחור.

כך הוה, אַזוי איז געווען: אויף מאָרגן, ווען די סטודענטן האָבן זיך גענומען צו אים, האָט ער אָנגעהויבן דערלאַנגען קלעפּ אַז זיי האָבן דערזען די באָבע פון יענער וועלט... זיין ווידערשטאַנד האָט געדינט פאַר אַביישפּיל פאַר אַנדערע נייע סטודענטן.

מיט מרמרן און זיין משפחה האָב איך זיך אויך געטראָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט מיך באַזוכט אויף מיין פאַבריק און איך האָב אים אַריינגעפירט אין אונדזער קולטור־ווינקל און באַקאַנט מיטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־גרופּע און מיט דעם פאַבריק־פאַרוואַלטער.

שפּעטער איז ער אויך געווען אַ גאַסט ביי אונדז אין הויז און ווען איך בין געווען אין קיעוו האָב איך אים באַזוכט אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. עס איז דעמאָלט געווען נאָכן טויט פון זיין פרוי און ער איז געווען שטאַרק צעבראָכן.

מרמר איז מיר פאַרבליבן אַ נאָענטער פריינט. ביי אונדז אין בראָנקסער יידישן קולטור־צענטער פלעגן מיר אים מאַכן אַ יובילעי־פייערונג צו זיינע 50 יאָר, זעכציק און זיבעציק.

מיט אַן ערך 10 יאָר צוריק האָב איך פון אים דערהאַלטן אַ טשיקאַוו בריוועלע. ער האָט מיר מיטגעטיילט אַז ער האָט געלייענט וועגן אַ באַנקעט, וואָס די חברים האָבן פאַר מיר איינגעאָרדנט. ער האָט מיר געוואָלט מאַכן אַ סיורפּריז און איז געפאָרן צום באַנקעט. עס איז געווען שבת־נאַכט און ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער זונטיקדיקער צייטונג און אויסגעפונען אַז אנשטאָט אין בראָנקס, געפינט ער זיך אין פלעטבוש... האָט פאַרשפּעטיקט. אַן עפּיזאָד וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איידעלען און טייערן קלמן מרמר.

ער האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז צו מיין 70־יאָריקן יובילעי וועט ער זיכער קומען. ווען איך ווער אַ זיבעציקער ווערט מרמר אַן אַכציקער... ווער ווייסט ?*)

*) די שורות זיינען געשריבן ווען קלמן מרמר ע״ה האָט נאָך געלעבט.

בענדזשאַמין שלעזינגער

אין מיינע קאַפּיטלען וועגן די טעטיקייטן פון לאָקאַל 38 האָב איך שוין באַרירט די ראָליע פון בענדזשאַמין שלעזינגער. דאָ וויל איך באַרירן אייניקע שטריכן פון שלעזינגערס פּערזענלעכקייט.

איך געדענק ווי ער איז צום ערשטן מאָל דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל". געווען איז עס אין יאָר 1912 אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. ביי יענער קאָנווענשאָן האָבן מיר, ווי שוין דערמאָנט, צוריק באַקומען אונדזער טשאַרטער און מען האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט פון דריי וויס-פּרעזידענטן אויפצופּאַסן אויפן לאָקאַל.

ווען אַ קאָמיטע פלעגט דעמאָלט קומען מיט געוויסע קלאָגעס אויף דער „זשאָנדאַרמעריע", ווי די מיטגלידער האָבן באַצייכנט די וויס-פּרעזידענטן, פלעגט שלעזינגער שטענדיק אַרויסווייזן סימפּאַטיע צו די אַרבעטער, און אים האָט פאַרדראָסן די האַרטקייט און די ביוראָקראַטיע פון די וויס-פּרעזידענטן.

אין יאָר 1917 האָב איך אַרויסגעזען זיין איבערגעבנקייט צו די סטרייקנדיקע אַרבעטער. ער איז מיט מיר אַוועק צום „קאָנטראָלער" פון ניו יאָרק, אויסצוגעפינען מען זאָל ניט שטערן די גיקטס, און דער קאָנטראָלער האָט אינטערווענירט ביי דעם „קאָמישאָנער" פון דער פּאָליציי. אין יענער צייט האָבן מיר אַפילו דורכגעפירט אַ גאַסן-דעמאָנסטראַציע מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער פּראָגרעסיווער קאָלומניסט, העיוואוד בראָון. שלעזינגער האָט זיך באַטייליקט אין אָט יענער דעמאָנסטראַציע. ער פלעגט זיך אַליין אינטערעסירן אין סטרייקס און פלעגט אָפט באַזוכן די זאַלן פון די סטרייקערס.

פון זיין באַזוך אין סאָוועטן פאַרבאַנד, גלייך נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ער זיך צוריקקערט אַ באַגייסטערטער. ווען ער האָט איבערגעגעבן זיין באַריכט פון דער רייזע און זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן, איז ער אַזוי געווען באַגייסטערט, אַז ער האָט אַלעמען אָנ-

געצונדן. איך געדענק ווי ער האָט איבערגעגעבן זיין רירנדיקע באַגעגעניש אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד מיט מאַקס גאָלדפאַרבן, און זיינע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט...

שלעזינגער האָט דערציילט אַן עפּיזאָד: ווען לעגין האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל, איז אין מאָסקווע, האָט ער אים איינגעלאַדן צו קומען אים זען, און ווען ער האָט אים אָנ־געקלונגען אויפן טעלעפאָן און געפרעגט ווען זאָל ער קומען, האָט לענין געענטפערט, אַז פאַר אַ פאַרשטייער פון יידישע אַמעריקאַנער אַרבעטער, אָדער אַרבעטער בכלל, איז זיין טיר אָפן צו יעדער צייט.

אַז מען פלעגט שלעזינגערן טעלעפאָנירן און פאַרלאַנגען אַן אוידיענץ אין אַ באַשטימטער שעה, האָט ער געענטפערט אַז פאַר אַ פאַרשטייער פון יידישע אַרבעטער און אַרבעטער בכלל האָט ער שטענדיק צייט. שפּעטער, אין 1919, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די באַוועגונג וועגן שאָפּ־דעלעגאַטן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון ראָוז וואָרטיס, איידאַ ראָטשטיין און באַראַכאָוויטשן, האָט שלעזינגער זיך באַצויגן צו זיי מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיגמאַן און ש. יאַ־נאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „גערעכטיגקייט", האָבן שאַרף באַקעמפט דעם געדאַנק פון שאָפּ־פאַרטרעטער. ביי איין זיצונג פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט אַפילו אַ געוויסער אַרבעטער, לייבאָוויטש, גע־זאָגט, אַז אויב מען וועט איינשטעלן אַ סיסטעם פון שאָפּ־דעלעגאַטן, וועט זיין אינדיווידועלע רעכט פאַרגוואַלטיקט ווערן און ער וועט זיך מער ניט קענען באַטייליקן אַלס מיטגליד.

דער פּראָגראַם פון שאָפּ־דעלעגאַטן איז באמת געווען אַ דעמאָקראַ־טישער. עס האָט געמיינט, אַז אַז פון יעדע צען מיטגלידער אין אַ שאָפּ ווערט דערוויילט אַ פאַרטרעטער אין לאָקאַל און אַלע פאַרטרעטער אין לאָקאַל דערוויילן די עקזעקוטיווע און אַלע אַנדערע באַאַמטע פונעם לאָקאַל צו פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון לאָקאַל. די באַאַמטע און די עקזעקו־טיווע דאַרפן אויך אָפּגעבן חודשלעכע באַריכטן צו די שאָפּ־פאַרטרעטער און אַלע זיינען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך צו די פאַרטרעטער פון שאָפּ.

אויפן סמך פון דער דערמאָנטער רעדע פון לייבאָוויטשן האָט דעמאָלט די גענעראַל־עקזעקוטיווע באַשלאָסן אויפצולייזן די ליג פון די שאָפּ־דעלעגאַטן און האָבן דערקלערט די עקזעקוטיווע פון דער טרעיד יוניאָן־יוניטי־ליג אַלס אומגעזעצלעך.

אין יאָר 1924 האָט מען אויסגעשלאָסן 17 דעלעגאַטן פון דער באָסטאָ־נער קאָנווענשאָן בלויז צוליב דעם, ווייל זיי האָבן באַלאַנגט צו דער טרעיד יוניאָן יוניטי ליג. צווישן די אויסגעשלאָסענע האָבן זיך געפונען: ראָוז וואָרטיס, לואיס היימאַן, ראָוז קאַפּלאַן, יוסף באָרוכאָוויטש און ב. כאַזאַנאָוו. שלעזינגער איז אָבער שוין דאַן ניט געווען דער פּרעזידענט.

בענדזשאַמין שלעזינגער האָט געהאַט אַ מער דעמאָקראַטישן צוגאַנג צו יוניאָן־פּראָבלעמען און אַפילו וועגן דער פראַגע פון די לינקע אין דער יוניאָן האָט ער אָפּט אונטערשטראָכן אַז מען דאַרף באַגריסן די אַקטיוויטעט פון די לינקע עלעמענטן, און זיי דאַנקבאַר זיין ווייל זיי זיינען דער



בענדזשאַמין שלעזינגער

דינאַמישער עלעמענט אין די יוניאָן־רייען וואָס אינספּירירן צו מער מיליטאַנטע קאַמפן. ווען ניט די לינקע, וואָלט די יוניאָן פאַרגליווערט געוואָרן.

יעדע אַנטי־דעמאָקראַטישע אַקציע מצד דער יוניאָן־פירערשאַפט, ווי די באַזייטיקונג פון געזעצלעך דערוויילטע באַאַמטע אין די קלאָוק־מאַכער לאָקאַלן און אין דער דזשאָינט באָארד, ווי אויך דאָס פאַרכאַפּן מיט דער הילף פון פּאָליציי די אָפיסעס פון דער יוניאָן, — די אַלע אַק־ציעס זיינען געטאָן געוואָרן אָן שלעזינגערס וויסן, אָן שום באַראַטונג מיט אים. מערסטנס איז עס געטאָן געוואָרן פון אַזעלכע פּסעוודאָ־אַנאַר־כיסטן ווי זיגמאַן און יאַנאָווסקי, וועלכע האָבן אין יענער צייט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער אינטערנעשאָנעל. דייוויד דובינסקי איז גראד דעמאָלט געווען אויף אַ רייזע אין איראָפּע און האָט קיין ראָלע ניט גע־שפּילט אין די קאַמפן.

אַ קאַמף איז אַנטשטאַנען אין דער יוניאָן כלומרשט צוליב דעם וואָס די לינקע עלעמענטן האָבן איינגעלאַדן צו אַן ערשטער מאַי־פייערונג דעם רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט”, מ. אָלגין, צו אַדרעסירן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא האַוז. דאָס האָט די דעמאָלט־דיקע אַנאַרכיסטישע פירער פון די קלאָוקמאַכער לאָקאַלן און פון דעם דזשאָינט באָארד געגעבן אַ געלעגנהייט צו דערקלערן די באַאַמטע פאַר אומגעזעצלעך. בלויז דער לאָקאַל 22 איז געבליבן אין די הענט פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן ווייל די מיטגלידער זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער וואַך.

מיט יאָרן שפּעטער, ביי אַ קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע איז געשלאָסן געוואָרן אַ געוויסער קאָמפּראָמיס מיט זיגמאַנען און מען האָט צוריק אַריינגעלאָזן די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער. עס דאַרף אָבער אונטער־שטראָכן ווערן, אַז בענדזשאַמין שלעזינגער האָט די גאַנצע צייט, פון 1923, ווען ער האָט פאַרלאָזן די פירערשאַפט, ביז זיין לעצטן טאָג ניט אַרויס־געוויזן די מינדסטע סימפּאַטיע מיט די פירער און טוער וואָס האָבן אויסגעשלאָסן מענטשן פון דער יוניאָן צוליב מיליטאַנטע מעשים, און ער איז פאַרבליבן איינער פון די וואָס האָבן געהיט דעם ריינעם גייסט פון דער יוניאָן.

שלעזינגער האָט פון צייט צו צייט אויך אַרויסגעוויזן קלאָרע פּאָ־ליטישע איבערצייגעוודיקייט און געהיט די אינטערעסן פון אַרבעטער־

קלאַס. איך געדענק ווי אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאַנעל אין 1918 אין באָסטאָן האָט אַ פאַרטרעטער פון גאָווערנאָר פון מאַסאַ־טשוזעטס געהאַלטן אַ באַגריסונגס־רעדע און האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז דאַנקבאַר דער אינטערנעשאַנעל פאַר פאַררופן די קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. שלעזינגער האָט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט האַרבע דיבורים קעגן גאָווערנאָר, אים דערמאָנט אין דעם פּאָליציי־סטרייק, וואָס דער גאָ־ווערנאָר האָט צעבראָכן אין באָסטאָן.

פון נאַטור איז שלעזינגער געווען אַ ביסל צו היציק און ער פלעגט לייכט אויפגערעגט ווערן. אין מאָמענטן פון אויפרעגונג פלעגט ער אַרויס־זאָגן זאַכן, וואָס ער האָט נאָכדעם באַדויערט, אָבער ער איז שטענדיק געווען אויפריכטיק און האָט זיך ניט געשעמט עפנטלעך אויסדריקן חרטה און באַדויערונג.

אין אַלגעמיין איז בענדזשאַמין שלעזינגער געווען אַ געטרייער טרעיד־יוניאָניסט און וועט אַלס אַזעלכער פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנעל.

אַ רייזע אויף דער עלטער

כל ימי — מיין גאַנץ לעבן, פון קינדהייט אָן, האָב איך געאַרבעט און קיין צייט ניט געהאַט צו באַוואונדערן גאָטס שיין וועלטל און מאַכן „לוסטרייזעס" (מיטן אויסנאַם פון עטלעכע וואַקאַציע־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די דרייסיקער יאָרן). איך האָב אָפּגעלעבט אין אַמעריקע אַ סך טעג און אַ סך יאָרן און האָב דאָס לאַנד זייער ווייניק געקענט. באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע און אָנזעטיקן די אויגן מיט אַ ביסל שיינקייט, האָב איך ערשט אויף די עלטערע יאָרן און בעת אַ דערהאָלונג פון אַ לענגערער קראַנקהייט. ערשט נאָך יענער פאַרצווייפלטער קראַנקהייט (ווען איך האָב שוין געטראַכט וועגן געזעגענען זיך מיט דער זינדיקער ערד), ווען איך האָב זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס בין איך מיטאַמאָל באַוואוסטזיניק געוואָרן, אַז איך בין אַ בעל־חוב צום לעבן.

אויפן געדאַנק איז מיר אַרויפגעקומען אַ געוויסע פּאַסירונג מיט מיינעם אַ שכן, וועלכער איז געלעגן אויפן קראַנקען בעט און דער גלח איז געקומען מיט אים זאָגן ווידוי. — איך קען ניט שטאַרבן, — האָט זיך יענער רוסישער מענטש געבעטן ביים גלח, ווייל איך בין אַ גרויסער בעל חוב און ווי קען איך אַוועקגיין פון דער וועלט, ניט האָבנדיק אָפּגעצאָלט אַזויפיל חובות. — דער גלח האָט אים, פאַרשטייט זיך, פאַרזי־כערט, אַז גאָט וועט אים שוין מוחל זיין די חובות. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער געזונט געוואָרן און מ'האָט לכבוד זיין דערהאָלונג אַראַנ־זשירט אַ שמחהלע. איך האָב דעמאָלט אין מיין באַגריסונג געזאָגט דעם געגעזונענעם חולה, ער זאָל למען השם ניט צאָלן קיין חובות, ווייל דאָס וועט אים אויפהאַלטן ביים לעבן...

ווען איך בין געזונט געוואָרן האָב איך זיך דערמאָנט וועגן מיין רוסישן פריינט אין זיינע חובות, און געטראַכט, אַז איך מוז נאָך לעבן, ווייל איך בין שולדיק געוויסע חובות זיך אַליין. צום אַלעם ערשטן די פליכט אָנצוקוקן דאָס לאַנד. באַשלאָסן צו פאָרן, האָב איך אָנגעהויבן זוכן

קאָמוניקאַציע־וועגן. געגאַנגען פון איין רייזע־ביוראָ אין דער צווייטער ביז איך האָב געטראָפן אַ געניטן „בעל עגלה״ (ניט קיין אנדערער ווי דער געלערנטער און שרייבער אברהם ביק), וועלכער האָט באַוויליקט מיך מיטצונעמען אויף זיין „עגלה״, זיין אויטאָמאָביל קיין קאַליפאָרניע. אַזוי האָב איך געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט ניט בלויז אָנצוקוקן די פּרעכ־טיקע שטאַטן פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, נאָר אויך צו פאַרברענגען עטלעכע אַנגענעמע וואָכן אין דער געזעלשאַפט פון דעם גייסטרייכן שרייבער און לעקטאָר און זיין חנעוודיקער און ערלעכער פרוי בעלאַ ביק. עס איז שווין געווען איינמאָל אַ רייזע! מיר פלעגן אַרויספאָרן מיטן באַגינען און אַריינפאָרן אין זון־פאַרגאַנג, און חברטע בעלאַ האָט אַריינגעזונגען אַזויפיל חסידישע און פאָלקס־מעלאָדיעס צום טאַקט פון ריטמישן רעדער־געדריי און מאָטאָרישן האַרץ־קלאַפּ פון דער „קאַר״, וועלכע איז ניט געפאָרן מיט „רוח־הקודש״ נאָר מיטן כח פון ראַקפעלערס גאַזאָלין און אויל, וואָס מען האָט איר אַריינגעגאָסן אין אירע געדערים יעדע פאָר שעה... אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

ערגעץ אין תנ״ך ווערט דערציילט, אַז שאול המלך איז געפאָרן זוכן אייזלען און האָט געפונען די מלוכה. איך בין געפאָרן אָנקוקן דאָס לאַנד און געפונען אַ גאַנצע קעניגרייך פון פריינט און פריינטשאַפט אין קאַ־ליפאָרניע...

אין סאַן פראַנציסקאָ האָב איך צום ערשטן באַגעגנט מיין אַלטן פריינט און געוועזענעם כאָר־דיריגענט גבריאל סאַגשיין. ער און זיין פרוי און זיין געראָטענער מוזיקאַלישער זון האָבן מיר באַוויזן די קולטור שיינ־קייטן פון סאַן־פראַנציסקאָ. נאָכדעם בין איך מיט דעם „גאָלדענעם טויער״ (גאָלדן געיט ברידזש) אַוועק אין דאָרף פון די יידישע היגער־ציכטלער פעטאַלומאַ, און דאָרט געטראָפן אַזוי פיל פריינט און חברים מיט וועלכע מען האָט אַמאָל געאַרבעט און געפינצטערט אין די „שעפּער״. איך האָב זיך דערפילט היימיש און די טעג זיינען פאַרשוואונדן אין אנגענעמע זכרונות און שמועסן מיט די געוועזענע „קלאָוקמאַכערס און פרעסערס״ און איצטיקע פאַרמערס. איך האָב גאָרניט געגלויבט, אַז אַ העלפט ניו־יאָרק געפינט זיך אין פעטאַלומאַ. און ניט בלויז ניו־יאָרק, איך האָב דאָ אויך געפונען חברים מיט וועלכע איך בין „געזעסן״ אין אָדעסער טורמע... פון פעטאַלומאַ — קיין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַ „באָס״, און ווידער אַזויפיל נאַטור־שיינקייטן אין דער גאָלדענער מדינה פון קאַליפאָרניע, אַז מען

דאַרף באמת זיין אַ וואָרט־קינסטלער אָדער אַ מאָלער איבערצוגעבן די איינדרוקן אויף פּאַפּיר אָדער אויף לייוונט.

אָבער די אמתע יום־טובדיקע טעג האָבן אויף מיר געוואַרט אין לאָס אַנדזשעלעס. גערעכנט האָב איך דאָרטן פאַרבלייבן אַ פּאָר טעג און בין שוין פאַרבליבן אַ גאַנצן חודש. יעדער טאָג פון חודש — אַן אויפנאַמע, אַ שמועס, אַן אַרויספאָר, אַ יום טוב. צי עס איז געווען אַ פּיקניק פון דער „מאָרגן פרייהייט״, ביי וועלכן מען האָט געטראָפן הונדערטער חברים און פריינט פון די שעפער, פון די קולטור־קלובן פון אַמאָליקער געזעלשאַפט־לעכער צוזאַמענאַרבעט; צי דאָס איז געווען אַן אויפנאַמע ביי פריינט אין הויז, וועלכע האָבן מיך געקענט פון אַמאָל, נאָך פאַר מיין רייזע קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד; צי דאָס איז גאָר געווען אַ באַגעגעניש מיט אַלטע פריינט, וועלכע האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט מיר, אַז זיי האָבן מיר איבערגעגעבן די שליסל פון זייער הויז... בקיצור, שוין איינמאָל אַ פריינט־לעכע משפּחה די פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אונדזערע! עס לוינט זיך באמת צו זיין אַ גאַסט ביי אַזאַ משפּחה!

איך קען ניט פאַרגעסן יענעם לאָס־אַנדזשעלעסער הייסן אָוונט, ווען איך האָב פאַרבראַכט אין דער היים פון מיין אַלטן גוטן פריינט און מיט־אַרבעטער און מיטקעמפער נייטען פּורמאַנסקי און זיין טייערע חברטע, און אין קילן שאָטן פון פּאַלמען־ביימער אין אַ הויף, פאַרבראַכט אַן אומ־פאַרגעסלעכן אָוונט, זיך טיילנדיק מיט דערינערונגען וועגן אונדזערע אַמאָליקע טעטיקייטן און קאַמפן אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. איך וועל אויך געדענקען אַלע מיינע פאַרבליבענע טעג און יאָרן די אַנגענעמע טעג ביים ים, אָדער ביים „ביטש״, מיט די חברים און מייק וואַסערמאַן.

אַן אמת געזעלשאַפטלעכן נחת־רוח האָב איך געהאַט ביי אַ פאַר־זאַמלונג פון אַרבעטער־רינג צוויג 983, א. ב. פון מאָריס ווינטשעווסקי, וואו איך האָב געבראַכט אַ גרוס פון ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג, און דיסקוטירט מיט זיי פּראָבלעמען פון אַרבעטער־רינג, באַזונדערס וועגן דער אַרבעטער־רינג־היים פאַר אַלטע לייט. דאָרט האָב איך אויך געטראָפן דעם ליטעראַרישן „זלמן דער שוסטער״, אַ סימפּאַטישער מענטש.

דער קלימאַקס פון דער רייזע איז געווען דער באַזוך, אויפן וועג צוריק, אין דער שיינקייט וואָס איז אַפילו פאַר אַ טאַלאַנטירטן קינסטלער שווער צו שילדערן — דעם „גרענד קעניאָן״, אַ פאַנטאַסטישער צויבער, וואָס שטייגט איבער יעדע פאַנטאַזיע. דערמיט האָב איך אַביסל אָפּגעצאָלט

דעם חוב פון מיינע פאַרהאַרעוועט יאָרן... אויפן וועג צוריק האָב איך אויך באַזוכט פריינט אין אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, און שיקאַגאַ.

מיין רייזע אין די טעג פון מיינע שפּעטערע יאָרן האָט זיך באמת געלוינט. איך בין מיטאַמאָל געוואויר געוואָרן, אַז איך האָב אָפּגעלעבט 47 יאָר אין מיין לאַנד, וועמענס דערפער און שטעט, בערג און טאָלן, טייכן און אָזיערעס איך האָב ניט געקענט. יעדער איינער וואָס זעט דאָס לאַנד, זאַפּט איין איר שיינקייט און באַוואונדערט איר רייכקייט, מוז ווערן נאָך מער פאַרליבט אין די 48 שטאַטן און מער פּאַטריאָטיש געשטימט. און דער עיקר, איך בין נאָכמער דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן באַוואוסט־זיין, אַז מיינע טעג און יאָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג זיינען ניט פאַרלוירן געגאַנגען און שטייענדיק ביים שוועל פון מיינע זיבעציקער, ווען עס דערנענטערן זיך די יאָרן פון שקיעה, פון אָפּגאַנג, טראַכט איך, אַז איך האָב ניט חרטה אויף די פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן און וויפיל טעג און יאָרן עס זיינען מיר נאָך באַשערט צו לעבן, וועל איך ווידמען מיין לאַנד, דעם אַמעריקאַנער פאָלק, דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור־אַרבעט און דעם יידישן פאָלק.

דאַנק און אָנערקענונג

איך וויל אויסדריקן מיינע האַרציקסטע דאַנקען און געבן אנערקענונג צו מיינע פריינט און חברים אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד, פאַר דערמוטיקונג און הילף, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פונעם בוך. די ערשטע וואָס האָבן צוגעזאָגט פינאַנציעלע און מאָראַלישע שטיצע — דער עיקר מאָראַלישע — זיינען געווען מיינע אַלטע פריינט פון לאָס־אַנדזשעלעס, וועלכע האָבן דאָרטן געשאַפן אַן איניציאַטיוו־גרופּע פאַר אַ קאָמיטעט.

איך דאַנק דעם ב. כאַזאַנאָוו יובילעי־קאָמיטעט פון ניו יאָרק, בראש מיט די חשובע חברים און פריינט, לאַנג־יאָריקע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער. די ח״ח י. בוראַקאָוו, פּאַרזיצער; טשאַרלס נעמיראָוו, קאַסירער און ט. וועגדי סעקרעטאַר. די מיטגלידער פון קאָמיטעט: דאָרע אַבאַראַמאָוויטש, י. ביילינסאָן, פעני גאָלאָס, ה. דאָליצקי, בעסי האָלאָוויטש, א. הימאָף, אברהם ווייס, יוסף פּאַרבער, מאני פּערלמאַן, ס. קאופמאַן, י. קאופמאַן, ה. קאַרפּ, ס. שניידער, ס. שעלי, און ע. שערמאַן, ווי אויך י. גאָלדשטיין פון מאָנטיסעלאָ, נ. י.

באַזונדערע אנערקענונג צו די חשובע שרייבער דבורה טאָראָנט, א. יודין, משה כץ, גינאַ מעדעם — לאָס אַנדזשעלעס, מיני סמאָלער — לאָס אַנדזשעלעס, ירחמיאל פּאַרבער — אָנטעריאָ און אהרן ראָטבלאַט — לאָס אַנדזשעלעס.

דאַנק און אָנערקענונג צו די טוער און אַקטיוויסטן פון בראָנקסער יידישן קולטור־צענטער: דוד אָשינסקי, אָסקאַר בארענשטיין, וויטע העריסאָן, אוירווינג טאָוב, מאַלאַמוט, יעטאַ מאַרק, סאָניע מייערס, נייטען מאַלאַמעדסאָן, מיני מאַקאָפסקי און דוד פישער; דעם מ. מאַקאָפסקי לייען־קרייז, די חברים: איידא עליען, בוכהאָלץ, סיגעל, רבקה פיליפּס, פריינד סיליע רובין, מר. און מרס. רייזנער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסן אינטערעס אין דער פאַרשפּרייטונג פון בוך.

מיינע וואַרעמסטע חברשע דאַנקען צום איניציאַטיוו־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס; די ח״ח מר. און מרס. אַלעקסאַנדער, מאָריס דאָבקין, מר. און מרס. באַדין, מעקס היטעלמאַן, סאַראַ און מייק וואַסערמאַן, מר. און מרס. לעווין, מר. און מרס. נייטן פּורמאַנסקי, העניע און נייטען קאַפּ־לאַן, באַרני קופּער, גיטל שייפער, סעם קלעמפּנער, דר. און מרס. דאַניעל ב. בעק פון דאַוניע, קאַל., מר. און מרס. מאָו בעל פון ריווערא, קאַל.

די ח״ח יוסף הימעלפאַרב, מרס. ראָוז לעווינסאָן, ראָוז קאַפּלאַן און יוסף ראַפּאָפּאָרט — פּעטאַלומאַ; גבריאל סאָנשיין — סאַן פראַנציסקאָ, און אַלע וועלכע האָבן יעדער אויף זיין אופן געהאָלפן דעם קאָמיטעט.

און אחרון אחרון — מיין יישר כח און האַרציקן דאַנק צו מיין טייערן פריינט, דעם יידישן שרייבער און געזעלשאַפטלעכן קעמפער און קולטור־בויער, הרב אברהם ביק, וועלכער האָט ניט געקאַרגט קיין מי צו לייענען און אויסבעסערן דעם מאַנוסקריפּט. אָן זיין עצה און הילף וואָלט דאָס בוך זיכער ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

אינהאַלט:

זייט

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט — אברהם ביק — — — — — — — — — — — — — 7

אין צאַרישן רוסלאַנד

מיין שטעטל; אַ שניידערשער לערן־יינגל — — — — — — — — — — — — 11
אין וויטעבסק; איך ווער אַן אַרבעטער — — — — — — — — — — — — — 19
איך באַזעץ זיך אין קורסק — — — — — — — — — — — — — — — — 24
אין יעקאַטערינאָסלאַוו — — — — — — — — — — — — — — — — — 36
אין סיביר; איך אַנטלויף — — — — — — — — — — — — — — — — 43
אין אָדעס — 52
אַ חתונה אין טורמע — — — — — — — — — — — — — — — — — 58

יאָרן אין אַמעריקע

קיין אַמעריקע; איך ווער אַ בראָנזווילער קלאָוקמאַכער — — — — — — — — 67
דער קלאָוקמאַכער־סטרייק פון 1910 — — — — — — — — — — — — 70
ליכט און שאָטן אין דער אינטערנעשאָנאַל — — — — — — — — — — — 73
מיין באַגעגעניש מיט לייטענאַנט־גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס — קולידזש — 79
די ערשטע וועלט־מלחמה; די שטעלונג פון די אַרבעטער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — — — — — — — — — — — — — — 83
דער קאַמף מיט די מילגרוים־ברידער און זייער שותף — — — — — — — — 86
די אינטערנעשאָנאַל אין 1922 — — — — — — — — — — — — — — 90
קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן — — — — — — — — — — — — 96

זייט

טעג און יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

מיין רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — — — — — — — — — — — — 103
די לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די דרייסיקער יאָרן — — — — — 108
סאָוועטישע טעג און חדשים — — — — — — — — — — — — — — — 113
מיין רייזע קיין ניו־יאָרק און צוריק ; דער מאָרד פון קיראָוון — — — 123
צוריק אין ניו־יאָרק ; קיין וועג צוריק — — — — — — — — — — — 129
פאַטריאָטישע הילפס־אַרבעט אין דער מלחמה־צייט — — — — — — — 132
די יוניאָן און די אַסאָסיאיישאָן — — — — — — — — — — — — — 136
פּראָגרעסיווע קאַמפּן אין אַרבעטער־רינג — — — — — — — — — — 143

עפּיזאָדן פון אַרבעטער־לעבן

אַ פּראָוואָקאַטאָר אין קיעוו — — — — — — — — — — — — — — 149
דאַנקבאַרקייט — 150
כ'האָב ניט צוגעלאָזט צו קיין סטרייק — — — — — — — — — — — 150
מיין דערפאַרונג מיט אַ סקעב — — — — — — — — — — — — — — 151
ווי איך האָב יוניאָניזירט אַ שאַפּ — — — — — — — — — — — — 153
אַ משל מיט אַ פערד — — — — — — — — — — — — — — — — — 155
מיין ערשטע דערפאַרונג אין „פּאַבליק סקול“ — — — — — — — — 156
אַ רייזע אויף דער עלטער — — — — — — — — — — — — — — — 174

פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

מאָריס ווינטשעווסקי — — — — — — — — — — — — — — — — — 161
הערץ בורגין — 165
קלמן מרמר — 167
ב. שלעזינגער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 171
דאַנק און אָנערקענונג — — — — — — — — — — — — — — — — 178
זוכצעטל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — — — — — 185

אינהאַלט פון די בילדער

שמעון ליב און מושע־ליבע כאַזאַנאָוו, דעם מחברס עלטערן — — — — 64
בראָנקסער אַרבעטער־קלוב — — — — — — — — — — — — — — — 98
ב. כאַזאַנאָוו אין מאָסקווע, אין 1935 — — — — — — — — — — — 115
לערמאָנטאָוו־מוזעאום אין פּיאַטיגאָרסק, קאַווקאַז — — — — — — — 119
אויף וואַקאַציע אין קיסלאָוואָדסק, קאַווקאַז, אין 1933 — — — — — — 121

זייט

עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 117 — — — — — — — — — — — — — — 137
מאָריס ווינטשעווסקי מיט די קינדערלעך אין „יוניטי האַוז" — — — — — 161
מ. ווינטשעווסקי מיט „ביבי", אין 1919 — — — — — — — — — — 163
ה. בורגין — 165
קלמן מרמר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 167
ב. שלעזינגער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 171

זוכצעטל פון נעמען

א

אַבראַמאָוויטש, דאָרע — 177.
איזמאַילעוויטש, סאָפיע — 41.
אינגערמאַן — 13, 96.
אַלגין, מ. — 97, 172.
אַלטער — 144.
אַלעקסאַנדער — 178.
אַנדרעי — 26.
אַנטאָנאָוו — 32.
אַנטיפיעוו — 44.
אַשינסקי, דוד — 177.

ב

באַגראַף — 128.
באַסקין, יוסף — 145.
באַרוכאָוויטש, יוסף — 170, 171.
באַרנשטיין — 177.
בוראַקאָוו, י. — 170, 171.
בורגין, ה. 165, 168.
באַקאַל, מ. — 172.
ביילינסאָן, י. — 177.
בוכהאָלץ, רבקה — 177.
ביק, אברהם — 176־178.
בערגעלסאָן, דוד — 7.
בערגער, וויקטאָר — 33.
בערמאַן, נייטען — 132.
ברעסלאָו, יוסף — 112.

ג

גאָלאָס, פּ. — 177.
גאָלדבערג, אייב — 133.
גאָלדשטיין, דזש. — 133.
גאָלדשטיין, יודל — 74, 133, 177.
גאַרבער, א. — 49.
גודמאַן, מאָריס — 49, 93, 112.
גוסקין, ר. — 143.
גלאַס, א. — 130.
גליקין, א. — 132.
גלאָובערמאַן, ס. — 73, 97.
געגדלין, מ. — 105.
גראַמיקאָ — 136.

ד

דאָבקין, מ. — 177.
דאלזענקאָוו, א. — 13.
דאָליצקי, ה. — 47, 133.
דובינסקי, ד. — 75־91.
דזשעיק און אייברעהעם — 68.
דזשעיקאָבס, א. — 85.
דייטש, ל. — 69, 70, 74.
דייטש, לעוו — 5, 114.
דעבס, וויקטאָר — 83.

ה

האָלאָוויטש, בעסי — 177.
האָלפּערין, א. — 81.
הורוויטש, י. א. — 81, 82.
הילמאַן, סידני — 81.
היטלמאַן, מ. — 178.
הימאָף, א. — 177.
הימלפאַרב, יוסף — 178.
הילפמאַן, ה. 80, 83.
הילקוויט, מ. — 83, 146.

וו

וואָדאָוואָזאָוו, א. — 32.
וואַסערמאַן, מ. און ס. — 178.
וואַסקאָבאָניקאָוו, א. — 57.
וואָראָביאָוו — 30.
ווילקיס, ג. — 85.
וואוירטיס, ראָוז — 170־171.
ווינטור, בענדזשאַמין — 134.
ווינטשעווסיק, מאָריס — 5, 154, 155.
וועגדי, ט. — 154, 177.

ז

זאַק, י. — 91.
זאַמעטקין, א. — 144.
זיגמאַן, מאָריס — 71, 79, 176.

ט

טאַרטשינסקי, א. — 75.
טויב, א. — 177.
טיראָן — 26.
טרעסקאָ, קאַרל — 77.
טשאַרני־ולאַדעק — 49.
טראָצקי, ל. — 45.

י

יאַנאָווסקי, ש. — 93, 170.
יאַנג, א. — 97.
יודין, א. — 177.
יעפּרעמאָוו, י. — 143.
יעקב חיים רפאלס — 63.

כ

כאַזאַנאָוו, מושע ליבע — 99.
כאַזאַנאָוו, שמעון ליב — 99.
כאַנין, נ. — 145.
כינאָי, מ. — 39.
כץ, משה — 179.

ל

לאַנגער, ל. — 92.
לאַנדאָן, מאיר — 70, 170.
לאַסט, א. — 130.
לוגאַנסקי, א. — 52, 54.
לולאָווא — 97.
לי, א. — 80.
ליבערמאַן, א. — 58.
ליוואַי, אהרן — 84, 85, 88.
לייבאָוויטש, א. — 70, 170.
לייקין, י. — 120
לעווין, ל. — 133.
לעווין, מ. — 132.
לעווינסאָן, ראַוו — 178.
לערמאָנטאָוו — 125.

מ

מאַלאַמוט, ס. — 177.
מאַלאַמערסאָן, נ. — 177.
מארפא — 56.
מאַגניאַוויטאַ, פּ. 82, 85.
מאַרק, יעטאַ — 177.
מינץ, ס. — 126.
מינץ, ר. — 110.
מייערס, דזש. — 130.
מייערס, ס. — 130.
מעלניטשאַנסקי, א. — 105.
מעדעם, גינאַ — 177.
מעץ, ס. — 7.
מרמר, קלמן — 112, 167.

נ

נאָוואָמירסקי, א. — 60.
ניסים — 52, 55.

ס

סאַוועליעוו, מ. — 40.
סאַזאַנאָוו, א. — 26.
סאָלאָוויאָוו, א. — 74.
סאָלאָמאָן, א. — 56.
סאָנשיין, ג. — 99, 178.
סאָקאָלאָוו, ט. — 99.
סטאָליפּין — 126.
סטאַמלער, ס. — 57.
סיגעל, י. — 97.
סורקינאַ, ס. — 114.
סמאלער, מ. — 177.
סערגיי, א. — 26.

ע

עדלשטאַט, דוד — 12.
עליען, א. — 177.
ערליך — 144.

פּ

פּאַטיאָמקין — 30.
פּאָליאַקאָוו, ס. — 71.
פּאָרטנאָי, דזש. — 111, 125.
פּלאַט, וו. — 112.
פּלעווע — 26.
פּענקין, דזש. — 70, 83.
פּערלאָוו, מ. — 97.
פּרץ, י. ל. — 6.
פּערלמאַן, מ. — 177.

פ

פּאַרבער, י. — 177.
פּאַקס, וו. — 132.
פילּיפּס, ר. — 177.
פּיינבערג, א. — 92.
פּורמאַנסקי, נ. — 176, 178.
פּינקלשטיין, א. — 68.
פרידמאַן, מ. — 97.
פרענד, א. — 177.
פּרענסים — 93.

ק

קאָופמאַן, ס. — 130.
קאַהאַן, אייב — 96, 165, 177.
קאָטשער, מ. — 81.
קאָטלער, א. — 81.
קאמאר, מ. — 12.
קאַפּטאַן, מ. — 88.
קאַמינסקי, א. — 88, 89.
קאַפּלאַן, ר. — 70, 177.
קאַפּלאַן, נ. — 178.
קאַרפּ, ה. — 177.
קופּער, באַרני — 178.
קורלאָוו, א. — 29, 30.
קייזין, א. — 81.
קיראָוו, ס. — 124.
קראָס, א. — 92.

ר

ראָזין, ס. — 37.
ראָזנבערג, א. — 70.
ראָזענבלאַט, א. — 81.
ראָטבלאַט, א. — 177.
ראָם, א. — 96.
ראסטארגיעוו, א. — 31.
ראַפּאָפּאָרט, יוסף — 178.
רחל — 54.
ראזנע, א. — 177.
ראָטשטיין, א. — 80, 170.
רובין, א. — 82.
רובין, ס. — 177.
רוטענבערג, טש. — 83.
רעי, ל. — 75.

ש

שולטצער, א. — 81.
שומאַכער, א. — 25.
שויפער, יעקב — 99.
שלעזינגער, ב. — 80, 81, 83, 93.
שעלי, ש. — 177.
שערמאַן, י. — 177.